וקראת לשבת עונג, ולקדוש ה' מכובד



קונטרס

# עונג שבת

## מלאים זיו ומפיקים נוגה

## נצבים

נתנדב ונתפרסם לכבוד שב"ק ע"י
מו"ה **חנני' יו"ט ליפא גרויס** הי"ו
לע"נ זקינו רבי ישעי' ב"ר משה זיעוכי"א

צו סובסקרייבען שיקט אן אימעיל צו:
onegshabbos+subscribe@googlegroups.com
איר וועט באקומען אן אוטאמאטישע אימעיל,
ריפלייט צוריק מיט א ליידיגען אימעיל.



# מַיין שַׁבָּת אוֹצָר

מיט ווערטער שיינע, פאר גרויסע און קליינע.

פ. מאזעסזאהן - "המחנה החרדי"

## פערל ווערטער - פ' נצבים תשפ"ה

### אתם נצבים היום כלכם (נצבים כט:ט)

"**אתם נצבים היום**", יעדער קען האבן א תקומה אין ראש השנה ביים גרויסן משפט [אזוי ווי חז"ל זאגן, אז 'היום' גייט ארויף אויף ראש השנה], "**כלכם**", דורכדעם וואס מ'איז זיך 'כולל' מיט כלל ישראל, און ספעציעל "**ראשיכם שבטיכם**", דורכ'ן זיין דבוק אין די 'ראשים', די צדיקים, וועלכע ווערן אויך אנגערופן 'שבטיכם', וויבאלד זיי געוועלטיגן אויף כלל ישראל. דורך התקשרות לצדיקים איז מען זוכה צו האבן א תקומה ביים יום הדין.

*מגן דוד לר"ה*

### כי את אשר ישנו פה עמנו עומד היום לפני ה' אלקינו, ואת אשר איננו פה עמנו היום. (נצבים כט:יד)

רש"י: 'ואת אשר איננו פה עמנו היום',—דאס מיינט מען די קומענדיגע דורות, וואס זענען נאכנישט דא.

מ'קען דאס אויך ערקלערן אויף די פריער'דיגע דורות. "**כי את אשר ישנו פה עמנו**",—סיי די צדיקים וואס לעבן מיט אונז, "**עומד היום לפני ה' אלקינו**",—שטייען מיט אונז ראש השנה ['**היום**'—באדייט ראש השנה], און בעהטן פאר אונז, "**ואת אשר איננו פה**",—און אויך די פריער'דיגע צדיקים וואס זענען שוין אין עולם העליון, "**עמנו היום**",—דאווענען אויך מיט אונז ראש השנה.

*(דעת משה)*

### לא יאבה ה' סלוח לו כי אז יעשן אף ה'... (נצבים כט:יט)

דער 'חידושי הרי"ם' זצוק"ל האט ערקלעהרט אז, "כי אז יעשן אף ה'",—איז א טעם אויף "לא יאבה ה' סלוח לו",—פארוואס דער באשעפער וועט אים נישט וועלן מוחל זיין." ווייל דער באשעפער וויל טוען גוטס פאר זיינע באשעפענישן. און ווען איינער איז א מוריד בה', ברענגט ער צו אז 'יעשן אף ה'', ווייל ער איז גורם צער פאר די שכינה, ווייס מוז באשטראפן דעם זינדיגער, און קען נישט ערפוהלן דעם רצון צו טוען גוטס מיט זיינע באשעפענישן, דערפאר, "לא יאבה ה' סלוח לו".

*(שפתי צדיק, אות י"ז)*

### וישלכם אל ארץ אחרת כיום הזה... (נצבים כט:כז)

**כיום הזה**, איז פשט אז דורך תשובה קען א איד מקרב זיין די גאולה. "כיום הזה", אזוי ווי לאנג איר זענט אין די מדריגה פון היום, זענט איר אין

המשך בעמוד הבא <-<-<-<-<-


## שמחו בה' וגילו צדיקים

בגילה ברנה בשמחה רבה הננו מצטרפים בחרדת קודש וביראת הכבוד לרבבות אלפי ישראל
להביע את רגשות ברכותנו מול קדם עטרת ראשנו מאור עינינו ורוח אפינו נשיא אלקים בתוכנו

**כ"ק מרן אדמו"ר מבעלזא שליט"א**

ולבנו יקירו פרי צדיק עץ חיים אוצר כל כלי חמדה

**הרה"צ רבי אהרן מרדכי שליט"א**

לרגל הכנס הנכד -הבן הבה"ח יניק וחכים פאר המעלות והמדות

**כמר משה יהושע ני"ו**

**לעול התורה והמצוות**

סימן טוב ומזל טוב יהא לנו ולכל ישראל אמן

עתירתנו קדם נורא עלילה שיזכו לרוות ממנו ומכל יוצ"ח רוב נחת דקדושה מתוך בריות גופא ונהורא מעליא
ומשמחה זו ישפע חיים ארוכים ושפע רב ושובע שמחות לכ"ק מרן רבינו שליט"א ולכל אנ"ש וכל בית
ישראל עד ביאת ינון אכי"ר ומשמחה זו ישפע שפע רב על כל החוסים בצילא דמהימנותא

מַיין שַׁבָּת אוֹצָר


## מתורת רבותינו אויף די פרשה

### אתם נצבים היום כלכם לפני ה' אלוקיכם (נצבים כט:ט)

רש"י: (שם יג), אז ווען די אידן האבן געהערט די אלע 98 קללות, האבן זיי זיך דערשראקן און געזאגט: ווער קען שטיין אין דעם? האט זיי משה רבינו בארואיגט: 'אתם נצבים היום', איר האט שוין אסאך געזינדיגט פארן באשעפער און דאך האט ער אייך נישט פארלענדט, און די קללות שטעלן אייך אוועק פאר אים.

דארף מען פארשטיין: מיט וואס האט דא משה רבינו בארואיגט די אידן? וויאזוי קען זיין אז ער האט זיי געזאגט אז מ'דארף נישט מורא האבן פון די קללות?! אין מדרש תנחומא שטייט אויך די ווערטער, און דער מדרש לייגט צו אז משה רבינו האט זיי געזאגט, אז אויב זיי וועלן זיך האלטן באחדות אינאיינעם, "אתם נצבים היום כולכם", דעמאלט דארפן זיי נישט מורא האבן פון די תוכחות. דער טעם דערפון קען זיין, ווייל ס'שטייט אין רמב"ן (ויקרא כו:טז), אז די 'תוכחה' אין פרשת בחוקותי איז געזאגט געווארן אויפ'ן חורבן פון די ערשטע בית המקדש, און די 'תוכחה' דא אין פרשת כי תבוא איז געזאגט אויפ'ן חורבן פונעם צווייטן בית המקדש. און מיט דעם קען מען אויך ערקלעהרן דאס וואס מיר זעהן אז די 'תוכחה' אין פרשת בחוקותי איז געזאגט געווארן בלשון רבים ("ואם לא תשמעו לי... והפקדתי עליכם..."), אבער די 'תוכחה' אין פרשת כי תבוא איז געזאגט געווארן בלשון יחיד ("והיה אם לא תשמע... ובאו עליך כל הקללות..."), ווייל ס'שטייט דאך אין גמרא (יומא ט:) אז דער צווייטע בית המקדש איז חרוב געווארן צוליעב 'שנאת חנם',—די אידן זענען נישט געווען באחדות, און יעדער איינער האט זיך געהאלטן פאר זיך, דערפאר איז די 'תוכחה' געזאגט געווארן בלשון יחיד, כדי צו ווייזן אז די סיבה פונעם חורבן איז אז מ'האלט זיך נישט צוזאמען. מיט דעם פארשטייט מען זייער גוט וואס דער מדרש זאגט אז משה רבינו האט זיי געזאגט, אז אויב זיי וועלן זיך האלטן באחדות דארפן זיי נישט מורא

המשך בעמוד הבא <-<-<-<-<-





## פֶּערל ווערטֶער - פ' נצבים תשפ"ה

<<<<<<

גלות, אבער "היום" קענט איר ווערן אויסגעלייזט אויב "אם בקולו תשמעון".

*(כתב סופר)*

### הנסתרת לה' אלקינו והנגלת לנו ולבנינו עד עולם לעשות את כל דברי התורה הזאת (נצבים כט:כז-כח)

יעצט אין גלות זענען די נסים באהאלטענע נסים, וואס נאר דער באשעפער ווייסט, אבער "הנגלות", דאס וואס מ'ווייסט יא, אין אלע דורות, איז "לעשות את כל דברי התורה הזאת", אז כלל ישראל האלט זיך ביי תורה און מצוות, אפילו אין גלות.

*(חתם סופר)*

### ושבת עד ה' אלוקיך ושמעת בקולו... אתה ובניך (נצבים ל:ב)

"**אתה ובניך**",—איז דער באדייט אז מ'דארף תשובה טוען אויף דעם וואס די קינדער ח"ו פיהרן זיך נישט אויף ווי'סדארף צו זיין, וואס ער האט דאס גורם געווען.

*(כ"ק מרן מהרי"ד מבעלזא זי"ע)*

### ושב ה' אלוקיך את שבותך ורחמך... (נצבים ל:ג)

דוד המלך ע"ה זאגט (תהלים קלא:ז): "שובה ה' את שבותנו". מיר בעהטן, אז וויבאלד מיר האב נישט גענוג כח תשובה צו טוען, דערפאר זאל דער באשעפער תשובה טוען פאר אונזערטוועגן. דאס איז דער פסוק מרמז. אויב א איד וויל מיט אן ערענסטקייט אפלאזן די זינד, וועט שוין דער באשעפער תשובה טוען פאר אונז.

*(הרה"ק רבי מאיר יחיאל ממאגלאניצא זצוק"ל)*

### ושב עד ד' אלקיך את שבותך ורחמך... (נצבים ל:ג)

ווען א מענטש זינדיגט, ברענגט דאס אריין אין זיין הארץ, די שלעכטע מידה פון אכזריות. "**ושב ד' אלקיך את שבותך**",—אז דער מענטש וועט תשובה טוען אויף זיינע זינד, דעמאלט, "**ורחמך**",—וועט ער צוריק באקומען די מדה פון רחמנות, די תשובה נעמט אוועק פון אים די מידה פון אכזריות.

*(הרה"ק רבי שמעלקא פון ניקלשבורג זצוק"ל)*

### אם יהיה נדחך בקצה השמים משם יקבצך (נצבים ל:ד)

"**אם יהיה נדחך**",—אויך אויב איר וועט ליידער זיין פארפאלן און פארשטופט פון עבודת ה', אבער "בקצה",— איר וועט האבן א קליין-ביסל, "השמים",—רוחניות, וואס ווערט אנגערופן 'השמים'. וועט דער באשעפער רחמנות האבן, און "משם",—פון דאס קליין ביסל, וועט איר האבן אן 'אחיזה', און "יקבצך",—אייך צוריקצונעמען צו זיך.

*(בוצינא דנהורא)*

### ומל ד' אלקיך את לבבך ואת לבב זרעך... (נצבים ל:ו)

פארוואס שטייט, "ואת לבב זרעך", מ'רעדט דאך צו אלע אידן, אויך צו די קינדער. נאר ווען א מענטש זינדיגט, איז זיין זינד אויך פוגם אין זיינע קינדער. דאס זאגט דער פסוק: "ואת לבב זרעך",—ווען דער מענטש וועט טוען תשובה, וועט אויך מתוקן ווערן דער פגם פון די קינדער.

*("דברי יחזקאל")*

## מתורת רבותינו אויף די פרשה

<<<<<<

האבן פון די תוכחות, ווייל די גאנצע 'תוכחה' וואס שטייט דא איז דאך נאר געקומען צוליעב 'שנאת חנם', און ווען אידן האלטן זיך באחדות, ווערן זיי אויך כביכול "איינ'ס" מיט'ן באשעפער, ווייל אזוי ווי מ'פיהרט זיך אויף דא אויף די וועלט, אזוי פיהרט זיך דער באשעפער מיט אונז אויבן, און אז מ'ווערט "איינ'ס" מיט'ן באשעפער, דארף מען שוין זיכער נישט מורא האבן פון די אלע שווערע 'תוכחות', אזוויוי דער מדרש ברענגט דא אראפ דער פסוק: "**ואתם הדבקים בה' אלקיכם, חיים כולכם היום**".

*( כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א - סעודה א' תשדם)*

### הנסתרות לה' אלקינו והנגלות לנו ולבנינו לעשות את כל דברי התורה הזאת. (נצבים כט:כח)

**כ"ק מרן מהרי"ד מבעלזא זי"ע**, האט דערציילט: דער זיידע, דער "אוהב ישראל" פון אפטא זי"ע, פלעגט רעדן פון שפלות עצמו. אמאהל האט ער שטארק גערעדט פון זיין שפלות און אזוי רעדנ'דיג איז אריינגעקומען אין צימער זיין אייניקל א קינד, רחל ע"ה די טאכטער פון זיין זוהן הרה"ק רבי יצחק מאיר פון זינקוב זי"ע (שפעטער די רעבעצין פון רבי שמואל אשכנזי דער שווער פון מרן מהר"י זי"ע) אזוי ווי דער אפטא רב האט באמערקט, אז זי הערט וואס ער זאגט האט ער אויפגעהערט רעדן פון זיין שפלות, זאגנדיג בלשון קדשו: פאר א קינד טאהר מען זיך נישט קליין האלטן". און ער האט אנגעהויבן רעדן פון זיין גרויסקייט און פון זיינע מעלות. האט דאס קלוגע אייניקל געענטפערט: "זיידע ס'שאדט נישט, א בוים ווי גרעסער ער איז, בייגן זיך די צווייגן מער אראפ". האט דער בילגורייא רב זי"ע ערקלעהרט אז די רייד פונעם אפטא רב זי"ע, זענען מרומז אין פסוק: "**הנסתרות לה' אלקינו והנגלות לנו ולבנינו**",—א איד טאהר נישט באהאלטן זיינע גוטע מעשים ווען ס'האנדלט זיך פון חינוך ילדים. אזוי ווי מרן מהרי"ד זי"ע פלעגט אפט נאכזאגן בשם האר"י הק' זי"ע אויפ'ן פסוק: "**הנסתרות לה' אלקינו**",—די ענייני אהבה ויראה צום באשעפער וואס זענען בפנימיות און באהאלטן, דאס מעג מען באהאלטן פון יעדן. "**והנגלות לנו ולבנינו**",—אבער די אפענע זאכן די מצוות ומעשים טובים, דארף מען מאכן, מ'זאל זיי זעהן, כדי די קינדער און די שטוב זאלן זיך קענען אפלערנען און זיך צוגעוואוינען צום דרך התורה והמצוות.

*-(כ"ק מהר"ם מבילגורייא זי"ע - אור הצפון אלול תשע"ט)-*

### ומל ה' אלוקיך... למען חייך (נצבים ל:ו)

מ' דארף פארשטיין ווי קען זיין "ומל ה' אלוקיך את לבבך", אז דו וועסט באקומען יראה, די גמרא (ברכות לג.) זאגט דאך "הכל בידי שמים חוץ מיראת שמים"? נאר ווען א מענטש מאכט זיך א חשבון הנפש וויאזוי ער פיהרט אהן זיינע טעג מיט פוסטע זאכן, האט ער דערפון צער און ווייטאג. ווייל דאס הייסט נישט געלעבט. דעריבער בעהטן מיר "זכרנו לחיים",—געב אונז א לעבן, "למענך אלוקים חיים",—אז מיר זאלן לעבן פאר דאנעטוועגן, און וויבאלד דער באשעפער איז דאך משפיע לעבן פאר'ן מענטש, באקומט ער יראת שמים כדי צו קענען דינען דעם באשעפער און ערפוהלן זיין הייליגער ווילן. דאס איז דער פשט: "ומל ה' אלוקיך את לבבך", דו וועסט באקומען

**המשך בעמוד הבא** ->->->->->



## מהודרת רבותינו אויף די פרשה

<<<<<<

"יראת שמים", "למען חייך", כדי דו זאלסט קענען לעבן און דינען דעם באשעפער און ערפולהן זיין הייליג'ן ווילן.

-(כ"ק מרן מהר"י מבעלזא זי"ע)-

### כי המצוה הזאת אשר אנכי מצוך...(נצבים ל:יא)

*מדרש: (דב"ר ח:א) הלכה אדם מישראל שלא התפלל...תפלת השחר עד חצות ותפלת המנחה עד הערב...*

געוועהנליך ווען דער מדרש ברענגט אן הלכה האט דאס א שייכות מיט די פרשה. מ' קען דאס פארשטיין לויט וואס דער טאטע ז"ל [כ"ק מרן מהרי"ד זי"ע] האט ערקלערט דעם מדרש פ' ואתחנן (דב"ר ב:יב) "רבי חנינא בר פפא האט געפרעגט פון רבי שמואל בר נחמן וואס מיינט דער פסוק (תהלים סט:יד) "ואני תפילתי לך ה' עת רצון", האט ער געענטפערט: אז די שערי תפלה זענען אמאהל אפען און אמאהל פארשלאסן, אבער שערי תשובה זענען שטענדיג אפען. און מ' לערנט דאס ארויס פון פסוק (תהלים סה:ו) "נוראות בצדק תעננו אלקי ישענו מבטח כל קצוי ארץ וים רחוקים..." אבער דער ים איז שטענדיג אפען, אזוי אויך איז די האנט פון באשעפער אפען אנצונעמען די תשובה פון יעדער איד. האט דער טאטע זי"ע געפרעגט: ער האט דאך אים געפרעגט אויף ענייני תפלה און באקומען אן ענטפער אויף ענייני תשובה? האט ער ערקלעהרט לויט'ן שו"ע (או"ח סי' צח סי' א' ברמ"א), אז איידער א איד שטעלט זיך דאווענען, דארף מען טראכטן פון רוממות א-ל און שפלות עצמו, און דאס איז דער ענין פון תשובה. דעריבער האט ער געענטפערט מיט אן עצה וויבאלד צומאהל זענען די שערי תפילה אפען און צומאהל פארמאכט, אבער די שערי תשובה זענען שטענדיג אפען, וואס דורכדעם קען מען עפענען די שערי תפילה (דורך טראכטן פון רוממות א-ל און שפלות עצמו). **עכד"ק**. דאס איז אויך דער רמז אין מדרש דא. וויבאלד אונזער פרשה (נצבים) רעדט פון ענייני תשובה, אזוי ווי דער רמב"ן זאגט אויפ'ן פסוק "כי המצוה הזאת", ברענגט דער מדרש די הלכה פון תפלה, אז פאר'ן דאווענען איז שייך תשובה, און דאס איז אויך דער רמז אין מדרש אז תפילות האבן א זמן, וואס איז מרמז אויף די שערי תפלה וואס זענען צומאהל אפען און צומאהל פארשלאסן, אבער דורך תשובה זענען זיי שטענדיג אפען. דעריבער האט די הלכה אין מדרש א שייכות צו אונזער פרשה וואס רעדט פון תשובה.

-(כ"ק מרן מהר"א מבעלזא זי"ע)-

### כי המצוה הזאת...לא בשמים הוא...ולא מעבר הים הוא... כי קרוב אליך הדבר מאוד בפיך ובלבבך לעשותו. (נצבים ל:יא-יד)

אויף די ווערטער "**בפיך ובלבבך לעשותו**", זאגט דער תרגום יונתן: פְּתָחוּ פֻּמְכוֹן לְמֶהֱוֵי הַגְיַין בְּהוֹן בְּרֵירוּ לִבְּכוֹן לְמֶעְבַּד יַתְהוֹן. דארף מען פארשטיין די כוונה דערפון. אויף דארף מען פארשטיין פארוואס שטייט פריער "**בפיך**" און דערנאך "**ובלבבך**",—דער סדר איז דאך "מחשבה דיבור מעשה, איז דאך מחשבה פריער פון מעשה, איז פארוואס שטייט פארקערט? דער טאטע ז"ל [מרן מהר"י זי"ע האט געזאגט אז ס'שטייט אין די ספרים הקדושים אז

המשך בעמוד הבא <-<-<-<-

## מהודרת רבותינו אויף די פרשה

<<<<<<

דער פסוק קומט מרמז זיין אז דער מענטש זאל פארעכטן זיין "מחשבה"—וואס ער טראכט זאל זיין הייליג. "דיבור"—וואס ער רעדט זאל זיין הייליג. און "מעשה"—וואס ער טוהט זאל זיין פאר'ן הייליג'ן באשעפער. "**בפיך**",— מיינט דאס רעדן, "**ובלבבך**" מיינט די געדאנקן, און "**לעשותו**" מיינט וואס ער טוהט. און דער פסוק לערנט אונז אז אפילו א מענטש קען נישט מכוון זיין און דאווענען מיט א ריין הארץ זאל ער נישט טראכטן וואס האב איך צו דאווענען און פאר וועמען זאג איך שירות ותשבחות? נאר ער זאל זיך אנשטרענגען און ער זאל עוסק זיין בתורה ובתפלה, ווייל דורך די הייליגע דבורים וואס ער זאגט ארויס מיט זיין מויל, וועט ערוועקט ווערן א חשק אין זיין הארץ צום הייליגן באשעפער. דאס זאגט דער פסוק: כי קרוב אליך הדבר "**בפיך**"—פריער זאלסטו דאווענען לויט ווי דו קענסט, ווייל דורכדעם וואס דו ווערסט ארויס זאגן מיט דיין מויל די הייליגע ווערטער פון תורה ותפלה, וועסטו זוכה זיין "**ובלבבך לעשותו**", וועט דער באשעפער רייניגן דיין הארץ דו זאלסט קענען מכוון זיין און דינען דעם באשעפער מיט דיין הארץ. דאס איז פשט אין תרגום יונתן: **פְּתָחוּ פֻּמְכוֹן**—פריער דאווען מיט'ן מויל ווי אזוי דו קענסט, ווייל מיט'ן ארויס זאגן מיט'ן מויל די הייליגע ווערטער פון תורה ותפלה, **בְּרֵירוּ לִבְּכוֹן**,— וועט דיר דער באשעפער קלאָר מאכן [=רייניגן] דיין הארץ און דיר געבן די ריכטיגע הכנה, און ס'וועט זיין אזוי ווי דו טוסט דאס אויפ'ן בעסטן אופן.

*(כ"ק מרן מהרי"ד מבעלזא זי"ע)*

## פערל ווערטער - פ' נצבים תשפ"ה

<<<<<<

### ובחרת בחיים... (נצבים ל:יט)

דער מענטש דארף זיך שטארקן אויפ'ן יצר הרע, וואס רעדט אים איין צו זינדיג'ן. און טאקע מיט די ווערטער "**ובחרת בחיים**", האט דער באשעפער געגעבן א כח פאר'ן מענטש, זיך קענען זיך שטארקן קעגן דעם יצר הרע.

*("עבודת ישראל")*

### כי הוא חייך ואורך ימיך... (נצבים ל:כ)

ס'איז פאראן עסנווארג, וואס זענען זייער גוט, אבער זיי שאדן צום געזונד. און ס'איז פאראן אנדערע עסנווארג, וואס זענען ביטער, אבער זיי געבן געזונד און לאנגע יאהרן. די תורה האט אבערביידע מעלות. "כי היא חייך"—זי איז גוט באלד ביים לערנען און אויך, "ואורך ימיך"—זי גיט לאנגע יאהרן פאר'ן מענטש.

*("קול שמחה")*

### הקהל את העם האנשים והנשים והטף... (נצבים לא:יב)

אויב זענען די מענער מיט די פרויען, זענען גרופן געווארן, וועלן זיי דאך אויך מיטברענגען די קליינע קינדער, איז פארוואס האט מען דאס געדארפט באזונדער באפעהלן? נאר דער באשעפער האט זיי געוואלט געבן א באלוינונג דערפאר, צו זיין א מצווה ועושה, האט ער שוין געבעטן פאראויס אז זיי זאלן אויך קומען. אזוי שטארק איז דער באשעפער'ס ליבשאפט צו אונז!

*(הרה"ק רבי מנחם מענדל מקאצק זצוק"ל)*



## מַיין אוֹצָר... רמזים אויף די פרשה

### אתם נצבים היום (נצבים כט:ט)

"**אתם**" איז די ראשי תיבות "**א**'פר **ת**'ולעת" **מ**'ה". אברהם אבינו האט געזאגט אויף זיך "ואנכי עפר ואפר" (בראשית יח:כז). דוד המלך האט געזאגט אויף זיך "ואנכי תולעת ולא איש" (תהלים כב:ז) און משה רבינו האט געזאגט אויף זיך "ונחנו מה" (שמות טז:ז) דער פסוק איז מרמז אז אויב מיר וועלן זיך האלטן קליין אזוי ווי אברהם אבינו, משה רבינו און דוד המלך וועלן מיר זוכה זיין צו "נצבים לפני ה'" און מיר וועלן האבן א קיום און עמידה אויף די וועלט.

*("שלחן מלכים")*

### אתם נצבים היום (נצבים כט:ט)

דער פסוק וויל אונז זאגן אז "דובר שקרים לא יכון לנגד עיני" (תהלים קא:ז), אבער דער דאזיגער דור איז געווען אלע אנשי אמת. דאס איז דער פסוק מרמז "**אתם**" איז די אותיות "**אמת**" אז נאר מיט'ן כח האמת "אתם נצבים כולכם" שטייט איר פאר'ן הייליג'ן באשעפער.

*(הרה"ק רבי אורי מסטרעליסק זי"ע)*

### ולא אתכם לבדכם אנכי כורת את הברית הזאת. (נצבים כט:יג)

דער באשעפער איז נישט כורת ברית מיט די אידן, נאר ווען ס'הערשט אחדות צווישן זיי. דער פסוק איז מרמז: "**לא אתכם לבדכם אנכי כורת את הברית**", ווען איר זענט, "**לבדכם**",—צוטיילט און נישט פאראייניגט, דעמאלט איז דער באשעפער נישט כורת ברית מיט אייך. און נאר דעמאלט ווען איר זענט פעראייניגט איז דער באשעפער כורת ברית מיט אייך.

*("אמרי חיים")*

### ואמר הדור האחרון... ושבת עד ה' אלקיך (נצבים כט:כא-ל:ב)

דער דור וואס וועט זיין דער לעצטער דור פאר משיח וועט קומען, וועט אויך זוכה זיין צו תשובה שלימה. דאס איז מרומז אין פסוק, "**ואמר הדור האחרון**"..., און די פרשה דערנאך שטייט "**ושבת עד ה' אלהיך**".

*(תפארת שלמה)*

### ושבת עד ה' אלקיך...(נצבים ל:ב)

אינעם ווארט תשובה זענען מרומז די פינף פסוקים וועלכע לערנען דעם ריכטיגן וועג אין יראת ה': "**ת**מים תהיה עם ה' אלקיך", "**ש**ויתי ה' לנגדי תמיד", "**ו**אהבת לרעך כמוך", "**ב**כל דרכיך דעהו", "**ה**כון לקראת אלקיך ישראל".

*(האריז"ל זי"ע)*

### ושב ה' אלקיך את שבותך ורחמיך...(נצבים ל:ג)

דוד המלך ע"ה זאגט (תהלים קלא-ז): "**שובה ה' את שבותנו**". אזוי ווי מיר האבן נישט גענוג כח תשובה צו טוען, זאל דער באשעפער תשובה טוען פאר אונז... דער פסוק איז מרמז: אויב מיר וועלן מיט אן ערנסטקייט אפלאזן די זינד, "**ושב ה' אלקיך**",—וועט שוין דער באשעפער תשובה טוען פאר אונז!

*(רבי חיים מאיר יחיאל ממאגלאניצא זי"ע)*

### לא בשמים הוא לאמור מי יעלה... (נצבים ל:יב)

די סופי תיבות פון הו**'א** לאמו**'ר** מ**'י** יעל**'ה** זענען "**יראה**", א רמז אז יראת שמים איז נישט אין די הענט פון באשעפער כביכול, "**לא בשמים הוא**", נאר ס'איז די בחירה פונעם מענטש,— ווי די גמרא (ברכות לג:) זאגט: "הכל בידי שמים חוץ מיראת שמים".

*(חסד לאברהם)*

## מַיין אוֹצָר... מוסר השכל פון די פרשה

**היינט האט מען די מעגליכקייט צו דינען דעם באשעפער**

### אתם נצבים היום כלכם לפני ה' אלוקיכם... (נצבים כט:ט)

מ'דארף שטענדיג טראכטן, "אתם נצבים **היום** לפני ה' אלוקיכם", נאר היינט האט מען די מעגליכקייט צו דינען דעם באשעפער ווייל דער עבר איז שוין אדורך און מיט'ן עתיד איז קיינער נישט פארזיכערט.

*(ישמח משה זי"ע)*

**מיט'ן אמת קען מען שטיין מאענט צום באשעפער**

### אתם נצבים היום כלכם לפני ה' אלוקיכם... (נצבים כט:ט)

איינע פון די הויפט'ן פון עבודת ה' איז, מ'זאל רעדן אמת מיט'ן גאנצן הארץ. משה רבינו ע"ה זאגט פאר די אידן "אתם" וואס זענען אותיות "**אמת**", "נצבים לפני ה' אלקיכם", ווען איר וועט האבן ריכטיגע 'אמת', דעמאלט וועט איר קענען זיין שטיין און זיין נאענט צום באשעפער אהן קיין מסך ומבדיל.

*(קב ונקי, מהרה"ק יחיאל מיכל מגלינא זי"ע)*

**איינער וואס העלפט א צווייטן איז מער חשוב'ער**

### מחוטב עציך ועד שואב מימיך. (נצבים כט:י)

רש"י (פסוק ט): החשוב חשוב קודם

דער חידושי הרי"ם זצוק"ל, האט געפרעגט פון הרה"ק רבי מנחם מנדל מווארקי זצוק"ל, פארוואס שטייט 'חוטב עציך' פאר 'שואב ממיך', מיט וואס איז ער מער חשובער? האט דער ווארקער רבי געענטפערט: '**חוטב עציך**' מיינט איינער וואס גיט א גוטע עצה פאר זיין חבר. '**שואב מימיך**', מיינט איינער וואס שעפט נאר פאר זיך פון די קוואלן פון די הייליגע תורה. איינער וואס העלפט פאר א צווייטן, ער גיט אים גוטע עצות און לערנט אים, איז אסאך חשובער, ווי איינער וואס טרינקט נאר פאר זיך פון די קוואלן פון די הייליגע תורה.

*(באהלי צדיקים)*

**דער פגם פון איין איד, זעהט זיך אהן אויף אלע אידן**

### פן יש בכם איש או אישה... אשר לבבו פנה היום (נצבים כט:יז)

אפילו די עוברי עבירה זענען איינצעלנע (איש או אשה) איז דער פגם אין אייך אלע, (פן יש **בכם**) ווייל דער פגם פון איין איד זעהט זיך אהן אויף אלע אידן.

*(שפת אמת זי"ע)*

**אויב דו האסט א ווילן, איז די תורה באמת נאהנט**

### כי קרוב אליך הדבר מאד בפיך ובלבבך לעשותו (נצבים ל:יד)

אויב דו ווילסט זיך מיט'ן גאנצען הארץ באהעפטן אין די תורה, אז אפילו ווען זי וואלט געווען אין הימל, אדער מעבר לים, וואלסטו גרייט געווען איר נאכגיין און אויסזוכן, אויב דו האסט אזא ווילן, איז זי באמת נאהנט צו דיר.

*(חדושי הרי"ם זי"ע)*

**דער מענטש האט דעם כח זיך צו שטארקן קעגן יצר הרע...**

### ובחרת בחיים... (נצבים ל:יט)

דער מענטש דארף זיך שטארקן אויפ'ן יצר הרע, וואס רעדט אים צו, צו זינדיג'ן. און טאקע מיט די ווערטער "**ובחרת בחיים**", האט דער באשעפער געגעבן א כח פאר'ן מענטש, זיך קענען שטארקן קעגן דעם יצר הרע.

*("עבודת ישראל")*



### מיין געדאנק אויף די פרשה

## אתם נצבים היום כולכם...כל איש ישראל. (נצבים כט:ט)

"**כלכם**"—באדייט אחדות. ס'האט אויך אן אנדערע באדייט, אזוי ווי רש"י (דברים א:כב) זאגט: "ותקרבון אלי כלכם"—בערבוביא ילדים דוחפין את הזקנים וזקנים דוחפין את הראשים. "**אתם נצבים היום**"—היינט ראש השנה וועט איר האבן א תקומה ביים דין, אזוי ווי דער מדרש זאגט: "**היום**" מיינט ראש השנה, ווען "**כלכם לפני ה' אלקיכם**", איר וועט זיין באחדות, איר זאלט אבער נישט מיינען אז איך ערלויב אויך דער צווייטער באדייט פון "**כלכם**", ס'זאל זיין בערבוביא ילדים דוחפין את הזקנים. ווייל אויף דעם זאגט דער פסוק ווייטער "ראשיכם שבטיכם זקניכם ושטריכם כל איש ישראל", און ווי רש"י זאגט: החשוב חשוב קודם ואחר כך כל איש ישראל.

*(ערבי נחל)*

## והיה בשמעו את דברי האלה הזאת... (נצבים כט:יח)

"**והיה בשמעו**"—און ס'וועט זיין, ווען דער רשע וועט הערן "**דברי האלה הזאת**,"—די תוכחה וואס דארט שטייט "גם כל חלי וכל מכה אשר לא כתוב,"— וואס ווערט גע'דרש'נט אויף מיתת צדיקים, "**והתברך בלבבו לאמר**", וועט ער זיך טראכטן און זאגן, "**שלום יהי' לי**,"—וואס אהרט דאס מיך, וואס די צדיקים וועלן שטארבן צוליעב מיינע זינד?...ווארנט מען אים, ער זאל נישט מיינען אז ער וועט זיך ארויסדרייען פון א שטראָף, נאר ער זאל וויסן, "**ורבצה בו כל האלה הכתובה בספר הזה**,"—אין אים וועט מקוים ווערן דער "**אלה הכתובה**,"—די איינפאכע געשריבענע תוכחה, נישט די גע'דרשנ'טע, פון מיתת צדיקים.

*("ארץ החיים")*

## משם יקבצך ה' אלקיך משם יקחך... (נצבים ל:ד)

וואס איז דער דאפעלטער לשון פונעם פסוק, 'משם יקבצך', און דערנאך שטייט 'משם יקחך'. מ' קען דאס מסביר זיין, לויט ווי וואס חז"ל זאגן, אז די סיבה פארוואס כלל ישראל איז געגאנגען אין גלות איז געווען וועגן שנאת חנם, און כלל ישראל קען נאר ווערן אויסגעלייזט ווען ס' וועט זיין שלום. דעראיבער שטייט פריער אין פסוק 'משם יקבצך', ס' וועט זיין שלום ביי כלל ישראל, און ס' וועט זיין מקובצים, צוזאמגענומען, כאיש אחד בלב אחד, און נאר נאכדעם וועט מען זוכה זיין 'משם יקחך', אז דער באשעפער וועט אונז אויסלייזן פון גלות.

*('זרע שמשון' פ' נצבים אות ב)*

## ושבת עד ה' אלקיך, ושמעת בקולו. (נצבים ל:י)

די גמרא (יומא פו:) זאגט: "**גדולה תשובה שמגעת עד כסא הכבוד שנאמר שובה ישראל עד ה' אלקיך**". פרעגט דער ישועות יעקב, פארוואס ברענגט נישט די גמרא דעם פסוק פון די תורה, "**ושבת עד ה' אלקיך**", וואס אויך פון דעם פסוק איז געדרינגען אז די תשובה דערגרייכט ביז'ן כסא הכבוד, נאר ער ברענגט א ראי' פונעם נביא (הושע יד:ב), "**שובה ישראל עד ה' אלקיך**"? קען מען דאס פארשטיין אזוי: ס'זענען דא צוויי סארטן תשובה. 'תשובה מאהבה' און 'תשובה מיראה'. דער אונטערשייד צווישן ביידע איז, אז תשובה מיראה קומט דורך אן התעוררות פון א פחד וואט דער מענטש פארכט פון אן עונש

‹‹‹‹‹‹‹

### מיין טיעפער געדאנק אויף די פרשה

## ואתה תשוב ושמעת בקול ה'... (נצבים ל:ח)

אייגענטליך איז שווער דער לשון הפסוק, ווייל ס'שטייט דאך שוין פריער (ל:ב) "**ושבת עד ה' אלוקיך**", איז פארוואס קומט דאס דער פסוק נאכאמאהל זאגן אז מ'זאל תשובה טוען? נאר מ'קען דאס פארענטפערן אזוי: דער סדר איז אז ווען א מענטש האט געזינדיגט און ער האט שוין תשובה געטוען אויף זיין עבירה, הויבט ער אהן ערשט אצינד איינצוזעהן ווי גרויס זיין עבירה איז געווען, און ער טוהט נאכאמאהל תשובה, און ווען ער טוהט נאכאמאהל תשובה, זעהט ער נאכמער איין ווי גרויס זיין עבירה איז געווען, טוהט ער נאכאמאהל תשובה, און דער טעם איז ווייל וואס מער ער טוהט תשובה אלס אויף א העכערע מדרגה שטייט ער, און וואס אויף א העכערע מדרגה מ'איז אלס מער זעהט מען איין די גרויסקייט פון די עבירות וואס מ'האט געטוען. חז"ל פארגלייכן דאס צו איינער וואס שנייד אריין מיט א מעסער אין א טויט'ן. דער טויטער פיהלט דאס נישט, אבער ווען דער מענטש לעבט פיהלט ער דאס יא. די זעלבע ווען א מענטש איז עהרליך זעהט ער איין ווי פאר'מיאוס'ט ס'איז אן עבירה. דאס זאגט דא דער פסוק, קודם וועט זיין "**ושבת עד ה' אלוקיך**", און נאכדעם וואס מ'האט תשובה געטוען איינמאהל זעהט מען ערשט איין ווי גרויס די עבירה איז, און מ'טוהט נאכאמאהל תשובה, דערפאר שטייט דא "ואתה תשוב ושמעת בקול ה'".

*(תפארת שלמה)*

### מיין געדאנק אויף די פרשה

‹‹‹‹‹‹‹

וכדו', אבער תשובה מאהבה קומט אהן אן התעוררות, נאר דער מענטש ווערט פון זיך אליין נתעורר צו טוען תשובה, ווייל ער האט ליעב דעם באשעפער. אויך זאגט די גמרא (יומא שם) אז ווען א מענטש טוהט תשובה מאהבה, ווערן זיינע זינד וואס ער האט געטוען במזיד איבערגעקערט צו זכיות, אבער אויב ער טוהט בלויז תשובה מיראה, ווייל ער האט מורא פון א שטראף, ווערן זיינע זינד נאר ווי שגגות. קומט אויס, אז ביי תשובה מאהבה איז נישט קיין רבותא אז די תשובה דערגרייכט ביז'ן כסא הכבוד, ווייל די עבירות ווערן דאך זכיות, און אוודאי דערגרייכן די זכיות ביז'ן כסא הכבוד, אבער ביי תשובה מיראה, וואס די עבירות ווערן נאר שגגות, איז א רבותא אז כאטש די עבירות זענען בלויז געווארן שגגות און נישט זכיות, פונדעסטוועגן דערגרייכט דאס ביז'ן כסא הכבוד. דעריבער ברענגט די גמרא דעם פסוק פון הושע, "**שובה ישראל עד ה' אלקיך**", וואס דארט איז געדרינגען אויך תשובה מיראה, ווייל דער נביא דארף מעורר זיין די אידן צו תשובה, און פונדעסטוועגן דערגרייכט אויך אזא תשובה מיראה ביז'ן כסא הכבוד, כאטש די עבירות ווערן בלויז שגגות, אבער דער פסוק פון די תורה, "**ושבת עד ה' אלקיך**",—רעדט דאך פון תשובה מאהבה (דו וועסט אליין תשובה טוען, ווייל דו האסט ליעב דעם באשעפער, און נישט דורך די התעוררות פונעם נביא), און ביי תשובה מאהבה דארף די גמרא נישט זאגן א רבותא אז ס'דערגרייכט ביז'ן כסא הכבוד, דריבער ברענגט די גמרא א ראי' פונעם פסוק אין הושע, "שובה ישראל".

*("קדושת ציון" באבוב זצוק"ל)*

## "שוין נישט געווען אן עצה..."

**אתם נצבים היום כלכם לפני ה' אלוקיכם... (נצבים כט:ט)**

הרה"ק רבי יחיאל פון אלכסנדר זצוק"ל און זיין זוהן דער "ישמח ישראל" זצוק"ל, זענען אמאהל געווען אין א דארף ארום א וואלד, אויף אפרוה. פלוצלינג ביינאכט, איז אים שלעכט געווארן און ער איז געווען אין א גרויס געפאר. ס'איז נישט געווען אין דער נאהנט א דאקטער צו קענען רופן, און דער צדיק האט געמיינט אז זיין ענדע איז שוין געקומען. האט זיין זוהן דער "ישמח ישראל" זיך צוגעבויגן צו אים און געשוואוירן, אז ס'וועט אים קיין שלעכט'ס נישט פאסיהרן. דערנאך איז דער "ישמח ישראל" אריין אין וואלד אריין און געוויינט פאר'ן באשעפער "רבונו של עולם צו וועסטו אזוי טוען פאר'ן אלכסנדר רבי'ן, אין וואלד ווען ס'איז קיינער נישטא? מ'זאגט דאך, "דער באשעפער שוינט דעם כבוד פון צדיקים!" ווען דער זוהן איז צוריק געקומען צום טאט'ן האט ער אים שוין געטראפן אין א בעסערן געזונט צושטאנד. פרעגט אים דער טאטע וויאזוי האסטו דיך ערלויבט צו שווערן: האט דער "ישמח ישראל" געענטפערט איך האב מיך פארלאזט אויף דעם וואס דער הייליגער רוזשנער זצוק"ל טייטשט דעם פסוק (תהלים יג), "עד אנה תסתיר את פניך ממני עד אנה אשית עצות בנפשי,"— הסתרת פנים קען נאר זיין ווען דער איד קען זיך נאך אן עצה געבן, אבער ווען מ'האט שוין נישט קיין עצה און נאר ישועת ה' קען העלפן, דעמאלט קען נישט זיין קיין הסתרת פנים. דא אין וואלד ווען איך האב געזעהן אז ס'איז נישטא קיין אנדערע עצה, נאר ישועת ה', האב איך מיך פארלאזט און געווען פארזיכערט אז ס'וועט דיר קיין שלעכט'ס נישט פאסיהרן. דעריבער האב איך געשוואוירן.

## "די רשעים דרייט זיך דאס לעבן ווי א רעדל..."

**אם יהיה נדחך בקצה השמים משם יקבצך ה'... (נצבים ל:ד).**

הרה"ק רבי הלל פון קאלאמייא זי"ע ברענגט א טייטש פון זיין רבי'ן, דער הייליגער "חתם סופר" זי"ע, אויפ'ן פסוק (תהלים יב-ט): "סביב רשעים יתהלכון", בדרך מליצה, אויב מ'פרעגט א גוי, פארוואס ער פלאגט זיך און הארעוועט אזוי שווער צו פארדינען נאך און נאך געלט? וועט ער ענטפערן כדי צו פארמעהרן רייכטוהם! און אויף די פראגע: פארוואס האסטו נויטיג א גרויסע רייכטוהם? וועט ער ענטפערן: צו עסן און טרינקען און געניסן פון אלע געשמאקייטן! צו וואס האסטו נויטיג אזויפוהל צו עסן און טרינקען? וועט ער ענטפערן: כדי איך זאל זיין געזונט און שטארק! צו וואס דארפסטו זיין אזוי שטארק? כדי איך זאל האבן כח צו ארבעטן און פארדינען נאך און נאך געלט!..




און אזוי דרייט זיך דאס ווייטער און ווייטער... דאס זאגט דוד המלך: "סביב רשעים יתהלכון",—דאס לעבן פון די רשעים דרייט זיך ארום ווי א רעדל. ער עסט, צו קענען ארבעטן. ער ארבעט, ער זאל פארדינען געלט. ער פארדינט געלט, ער זאל האבן וואס צו עסן, אז ער זאל האבן כח צו ארבעטן, אז ער זאל פארדינען געלט... און אזוי גייט דאס ווייטער און ווייטער אהן א פארשטענדליכע צוועק, ווי א רעדל וואס דרייט זיך נאכאמאהלע און נאכאמאהל...להבדיל א איד אבער, כאטש ער איז באשעפטיגט מיט גשמיות'דיגע געברויכן, איז אבער זיין ענדע ציהל צו דינען דעם באשעפער! טייטשט דער הייליגער בעש"ט זי"ע: "אם יהיה נדחך",—אפילו א איד וועט זיין ווייט פארשטויסן פון דינען דעם באשעפער און זיין איינגעזינקען אין גשמיות'דיגע ענינים, אבער "בקצה",—אבער דער ענדע ציהל וועט זיין "השמים",—ער וועט אינזין האבן הימלישע און הייליגע ענינים, ווי צדקה, חינוך הבנים און מעשים טובים, "משם יקבצך ה'",—פון דארט וועט דיך דער באשעפער איינזאמלען און דערנענטערן. *(משכיל אל דל)*

## "א ספר תורה פון נישט כשר'ע געלט"

**הכתובה בספר התורה הזה. (נצבים ל:י)**

אין די צייט פון בעש"ט הק' איז געווען א שוהל וואס שטענדיג האט זיך געמאכט א טעות אין די ספר תורה. מ'פלעגט דאס געבן צו א סופר ער זאל דאס פארעכטן. אבער ס'האבן כסדר געוויזן טעותים אהן אן ענדע. האט מען געוויזן די ספר תורה פאר'ן בעש"ט הק'. האט ער זיך אנגערופן און געזאגט אזוי: אין א שטוב שפיהלט מען קאָרטן, און די זיי געבן דירה-געלט פאר'ן בעל-הבית. און דער בעל הבית האט פון דעם געלט געלאזט שרייבן א ספר תורה, און דאס דעריבער געפונט מען שטענדיג א פסול, ווייל מ'שרייבט א ספר תורה פון אזעלכע געלטער. און די ספר תורה וועט קיינמאהל נישט האבן קיין תקנה, און שטענדיג וועט דאס בלייבן פסול וויפיהל מ'זאל דאס נישט פארעכטן. *(שבחי הבעש"ט)*

## "דאנקען פאר געבן פרנסה פאר א איד..."

**כי קרוב אליך הדבר מאוד בפיך ובלבבך לעשותו (נצבים ל:יד).**

א געשעפטס-מאן האט זיך באקלאגט פאר הרה"ק רבי משה קאברינער זי"ע וועגן די שוואכע פארדינסטן אין זיין געשעפט. ווען אין די זעלבע צייט, פארדינט זיין שכן, וואס האט א געשעפט נעבן אים מיט די זעלבע סחורות, אסאך געלט. האט אים דער צדיק געזאגט: "איך זאג דיר צו מיט א זיכערקייט, אז דיין פרנסה וועט אויך זיין בשפע, אבער נאר מיט איין באדינג: אז ווען דו וועסט זעהן אז דיין שכן פארדינט אסאך געלט, זאלסטו דאנקען און לויבן דעם באשעפער אויף דעם, און זאגן: "הייליגער באשעפער, געלויבט ביזטו, אז דו האסט געגעבן פאר א איד פרנסה בשפע!" און כאטש אין אנהויב וועט דיר זיין שווער ארויס צוזאגן די ווערטער מיט'ן גאנצן הארץ, אבער ווען דו וועסט זיך צוגעוואוינען דאס צו זאגן עטליכע מאהל מיט'ן מויל, וועט דאס צוביסלעך אריינגיין אין דיין הארץ, ביז דו וועסט דאס שוין זאגן מיט'ן גאנצן הארץ. אזוי ווי ס'שטייט אין פסוק: "**כי קרוב אליך הדבר מאד,**

<<<<<

<<<<<<<

**בפיך ובלבבך לעשותו**". צום ערשט "**בפיך**"—מיט'ן מויל זאלסטו עטליכע מאהל זאגן, און דערנאך וועט שוין זיין "**בלבבך**"—מיט דיין גאנצע הארץ.

## "יונגעלע, יונגעלע, קום צוריק..."

### כי המצוה הזאת אשר אני מצוך היום ...לא רחוקה הוא... (נצבים ל:יא)

כ"ג אלול איז די יארצייט פונעם אומפארגעסליכער איש החינוך הרה"ח ר' אברהם יודא פיינער ז"ל, מנהל פונעם "בית מלכה" דחסידי בעלזא חינוך נעץ, וואס ער האט צענדליגע יאהרן אנגעפיהרט מיט גרויס מסירות און נאמנות. ביים הספד פון זיין לוי' האט כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א ארויסגעברענגט די געוואלדיגע עסקנות פון ר' אברהם יודא פאר "בית מלכה" ברוחניות ובגשמיות, און בראש הדברים האט מרן שליט"א ארויסגעהויבן... אז דער נפטר איז נתחנך געווארן און געלערנט אין די הייליגע ישיבה דחסידי בעלזא...

מיר ברענגען דא א מורא'דיגע געשיכטע, וואס האט פאסיהרט מיט ר' אברהם יודא אויפ'ן וועג פאהרנ'דיג לערנען אין די הייליגע בעלזער ישיבה. שוין פון אלס קינד האט ר' אברהם יודא שטארק געליטן אויף זיינע פיס ל"ע, און דאקטורים האבן געראהטן מ'זאל אפערירן אויף די פיס צו פארבעסרן זיין געזונט צושטאנד. האט זיין מאמע באשלאסן צו פאהרן מיט איר קליינעם אברהם



יודא, קיין תל אביב צו כ"ק מרן מהר"א מבעלזא זי"ע, צו באקומען זיין הייליגע ברכה פאר א רפואה שלימה. נאך א לאנגע רייזע פון "כפר גדעון", זענען זיי ענדליך אנגקומען אין תל אביב למעון קדשו, און נאך עטליכע שעות פון ווארטן אריינצוגיין מיט א קוויטל, האט דער גבאי ר' שלום פויגל ז"ל איר געזאגט, אז דאס יונגל [אברהם יודא] קען אריינגיין צו מרן זי"ע אבער זי נישט. נישט האבנ'דיג א ברירה האט די מאמע אויסגעלערנט דאס קינד וואס ער זאל זאגן פאר מרן זי"ע וועגן די אפעראציע, און דער קליינער אברהם יודא איז אליין אריינגעגאנגען בקודש פנימה. אבער שטייענדיג פאר'ן קודש הקדשים איז אויף אים געפאלן אזא שרעק, אז ער האט געוואלט ארויסלויפן פון צימער. אבער מרן זי"ע מיט א קענטליכע ליעבשאפט, האט זיך הויעך אנגערופן צו אים עטליכע מאהל, "יונגעלע יונגעלע קום צוריק..." איז דער קליינער אברהם יודא צוריק געגאנגען, און מזכיר געוועזן וועגן די אפעראציע וואס דאקטורים הייסן מאכן, און מרן



זי"ע האט אים ווארעם געוואונטשן. ער איז ארויס פון צומער פריילעך און אויפגעלעבט און בברכת הקודש איז ער אדורך די אפעראציע.

יאהרן זענען געלאפן און ר' אברהם יודא איז שוין אן ערוואקסענער בחור. און אין שנת תשכ"א באשלוסט ער צו פאהרן לערנען אין די בעלזער ישיבה אין ירושלים, וואס מרן זי"ע האט געגרינדעט אבער שוין דעמאלט נישט געלעבט. דער וועג פון "כפר גדעון" קיין ירושלים איז געוועזן א לאנגער און א פארמאטערטער, ער האט געדארפט איבערשטייגן עטליכע אוטובוסים, אבער "וואס טוהט מען נישט, צו גיין לערנען במקום תורה".

אויפ'ן לעצטן אוטובוס האט זיך צו אים צוגעטשעפעט א פערשוין, וואס איז ליידער געוועזן ווייט פון תורה ומצוות, יענער איז געוועזן א פארשער און א קענער אין 'מכון וויצמאן', און שמועסנדיג מיט ר' אברהם יודא און ווערנדיג נתפעל פון זיינע ספעציעלע כשרונות, פרעגט ער אים "צו אלע פרומע אידן זענען אזוי קלוג ווי ער?...

"יא", ענטפערט ר' אברהם יודא מיט א פשטות.

פרעגט יענער, "וואו פארסטו אצינד? "לערנען אין די בעלזער ישיבה" ענטפערט ר' אברהם יודא. דער פערשוין זעהט פאר זיך א בחור מיט ספעציעלע כשרונות און טראכט ביי זיך, א שאד אזא בחור'טשיק זאל גיין לערנען אין א ישיבה... ער וואלט דאך מיט זיינע כשרונות געקענט בעסער אנטוויקלען זיין וויסנשאפט...און ער הייבט אהן רעדן צו ר' אברהם יודא'ס הארץ און געוויסן ער זאל אפלאזן די הייליגע ישיבה און קומען שטודירן אין 'מכון וויצמאן' און אזוי פארברייטערן זיין קענטעניש און וויסנשאפט אינעם פעלד פון פיזיקה. ר' אברהם יודא פראבירט פארשטאפן זיין הארץ און אויערן פון צו הערן יענע'ס שטותים, אבער דער פערשוין לאזט נישט אפ, "איידער דו גייסט לערנען אין ישיבה, קום כאטש פריער באזוכן אינעם 'מכון', און דערנאך וועסטו אליין באשליסן, ווי דו ווילסט גיין".

דער אוטובוס שטעלט זיך אפ ביים סטאנציע, ר' אברהם יודא שטייגט אראפ און מיט אים אויך דער פערשוין, און דער יונגער אברהם יודא וואס איז געקומען מיט הויפנ'ס שאיפות פון א "ישיבה בחור", ווערט אינגאנצען צומישט ווען יענער הערט נישט אויף צו ווען אים באאיינפלוסן און איבעררעדן. אבער דער 'יושב בשמים' באשליסט צו העלפן דעם אומשולדיגער בחור'ל ער זאל קענעןביישטיין דעם נסיון. און פלוצלינג...הויבט אהן קלינגען אין זיינע אויערן די הייליגע ווערטער פון מרן זי"ע וואס האט אים מיט ליעבשאפט געזאגט אלס קינד, "יונגעלע יונגעלע קום צוריק..." ר' אברהם יודא שפיהרט ווי מרן זי"ע רעד אצינד צו אים, ער הערט די היילגע ווערטער קלאהר און דייטליך. ר' אברהם יודא האט באלד פארשטאנען דעם באדייט, יענע הייליגע ווערטער, זענען דאך אצינד מער אקטועל ווי אלעמאהל, ס'איז דאך א דייטליכע הוראה פונעם צדיק'ס הייליגע מויל "יונגעלע יונגעלע קום צוריק..." מיט ליעבשאפט רופט אים מרן זי"ע פון הימל און ווארנט אים, "גיי נישט אין יענעם וועג, נאר 'קום צוריק' צו אונז אין די הייליגע ישיבה 'קום צוריק'..." ר' אברהם יודא הייבט זיינע פיס און לויפט גלייך צו די טויערן פון די הייליגע ישיבה אויף רחוב אגריפס, ווי ער ווערט העפליך ענטפאנגען, און אין יענער רגע האט דער צד הקדושה געזיגט...



# מַיין שַׁבָּת אוֹצָר



## "דאס איז ער, דאס איז ער..."

**ובחרת בחיים למען תחי' אתה וזרעך (נצבים ל:יט)**

הרה"ח רבי יצחק לאנדא ז"ל משמש בקודש ביי כ"ק מרן מהר"א מבעלזא זי"ע האט דערציילט אן אויסטערלישע געשעעניש וואס ער האט אליין בייגעוואוינט: איין פרייטאג אינדערפרי איז געקומען א מאדערנער איד צום שטוב פון מרן זי"ע אין תל אביב, און געזאגט אז ער מוז שוין אריינגיין צו מרן זי"ע און מיט אים רעדן. האט אים ר' יצחק געזאגט אז היינט פרייטאג קען מען נישט אריינגיין צום רבי'ן, נאר ער זאל קומען זונטאג, ווען דער גבאי וועט זיין, וועט ער קענען דעמאלט אריינגיין צו מרן זי"ע. האט דער איד געענטפערט אז ער קען נישט ווארטן ביז זונטאג און ער האט זיך אנגעהויבן צו בעהטן ביי ר' יצחק'ן, אז ער איז אן אייניקל פונעם הייליג'ן בארדיטשובער און זיין נאמען איז אויך לוי יצחק


הרה"ח רבי יצחק לאנדא

דערבארימדיגער און אויב מ'לאזט אים נישט אצינד אריין איז זיין לעבן, קיין לעבן נישט. ער שטייט ביים ברעג פון ייאוש און ער איז אומשטאנד זיך צו נעמען דאס לעבן ר"ל, און נאר דער רבי קען אים העלפן. ר' יצחק הערנ'דיג דאס, און נישט וועלנדיג אז דער איד זאל אים נעלם ווערן, איז באלד אריין צו מרן זי"ע, און אנגעהויבן שטאמלען, נישט וועלנדיג אויס זאגן וואס דער איד האט געסטראשעט, "ס'איז דא געקומען דעם בארדיטשובער'ס אן אייניקל און ער וויל אריינקומען, און אויב נישט..." מרן זי"ע האט באלד פארשטאנען וואס ער מיינט... און ער איז געגעבן א שפרינג אויף פונעם ארט... פרעגנדיג ווי איז ער? און ער איז אים אנטקעגן געגאנגען "לאז אים שוין אריין ער זאל מיר נישט אנטלויפן"... אריינקומענדיג האט דער איד אויסגעשריגן: "דאס איז ער! דאס איז ער!" (דער איד האט א גאנצן פרימארגען באזיכט אלע רבי'ס אין תל אביב צו טרעפן דעם בעלזער רב, און יעצט ווען ער האט געזעהן די צורה האט ער אויסגעשריגן...) און ער האט אנגעהויבן צו דערציילן אז ער האט אסאך געזינדיגט אין זיין לעבן און זיך באנוצט מיט שמות הק' און פארשידענע קבלה זאכן, ביז ס'האט אים אנגעכאפט א ייאוש, און ער וויל זיך נעמען דאס לעבן. דער געדאנק פייניגט אים שוין א חודש צייט ביז איין נאכט האט ער געזעהן אין חלום דעם געזיכט פון מרן זי"ע, וואס הייסט אים קומען צו אים, און נאר ער קען אים העלפן. מרן זי"ע האט אים אנגעשריגן און געזאגט אז מ' טאר זיך נישט ארום דרייען מיט אזעלכע געדאנקען, "דאס איז די פאסקידנעסטע (ערגסטע) עבירה אין די וועלט", און אים געווארנט ער זאל זיך ח"ו נישט מייאש זיין און תשובה פועל'ט אויף אלע זינד. "דו האסט גארנישט געטוען דו האסט גארנישט געטוען", האט אים מרן זי"ע בארוהיגט. אזוי ווי דער איד האט פארלאזט די שטוב פון מרן זי"ע איז ער גלייך געווארן אן אנדערער מענטש, מיט א שטארקן ווילן צו וועלן לעבן, און פון דעמאלט אהן איז ער געווארן מער פרומער, איבערצייגנ'דיג זיך אין די ווארהייט פונעם חלום, און אז ס'איז דא א רוחניות'דיגע וועלט, אז דער רבי איז א הייליגער מענטש, און ס'איז דא אן אמת'ער און לעבעדיגער באשעפער אין הימל. ער האט זיך אריינגעזעצט אין א בית המדרש און גענומען לערנען תורה און היטן מצות ביז ער איז געווארן אן אמת'ער בעל תשובה. נאך א קורצע צייט איז זיין פרוי געקומען צו מרן זי"ע און זיך באקלאגט, אז זינט איר מאן איז דא געווען, און געווארן א בעל תשובה האט ער זיך אריינגעזעצט אין בית המדרש און ברענגט נישט קיין פרנסה אין שטוב. האט אים מרן זי"ע געלאזט רופן און געזאגט: "אין שלחן ערוך שטייען די הלכות פון משא ומתן נאך הלכות תפילה אונז צו לערנען אז נאכ'ן דאווענען, עסט מען עפעס, און דערנאך פרובירט מען צו ברענגען פרנסה אין שטוב..." און אזוי האט דער איד געטוען. *(אדמו"ר בעלזא)*

## "א לחיים מיט'ן באשעפער..."

**ושבת עד ה' אלקיך ושמעת בקולו ככל אשר אנכי מצוך היום...(נצבים ל:ב)**

אמאהל מוצאי שבת סליחות האט כ"ק מרן מהר"ש מבעלזא זי"ע גערופן זיין גבאי ר' אלימלך און זיי זענען געגאנגען ביז'ן לעצטע שטוב פון די שטאט בעלזא, ווי דער שניידער א איד א תמים האט געוואוינט. מרן זי"ע מיט'ן גבאי'ן האבן זיך אוועק געשטעלט אונטערן פענסטער און געזעהן א וואונדערליכע סצענע. דער שניידער שטייט ביים טיש, פוהלט אהן צוויי בעכערס מיט בראנפין, טרינקט אויס איין בעכער און דערנאך נעמט ער דעם צווייטן בעכער און ער וואונטש זיך 'לחיים', און טרינקט אויך אויס דעם צווייטן בעכער מיט בראנפין. קיינער איז נישט געווען אין שטוב, נאר ער אליין. גלייך דערנאך האט זיך מרן זי"ע מיט'ן גבאי אומגעקעהרט צוריק אהיים. פארטאג'ס ווען אידן זענען געקומען זאגן סליחות אין שוהל, איז דער גבאי צוגעגאנגען צום שניידער, וואס זיין פנים איז נאך געווען רויט, פונעם בראנפין וואס ער האט געטרינקען, און פרעגט אים, וואס איז פארגעקומען נעכטן ביינאכט ביי דיר אינדערהיים מיט די צוויי בעכערס בראנפין? הערנ'דיג די פראגע, האט דעם שניידער געכאפט א ציטער. פון וואו ווייסט ער דאס? האט אים דער גבאי דערציילט, אז מרן



זי"ע מיט אים האבן זיך צוגעקוקט פון אונטערן פענסטער און געזעהן וואס ער האט געטוען. ווען דער שניידער האט געזעהן אז מרן זי"ע ווייסט אלעס האט ער דערציילט פאר'ן גבאי אזוי: איך בין שוין א שניידער אסאך יאהרן, און געלויבט דער באשעפער איז מיין פרנסה געווען בריווח, ווייל יעדער האט מיר געגעבן ארבעט, און אויך האב איך גענייעט אלע קליידער פאר די פריצים. איין טאג האט מיך איינער פון די פריצים אפגעזאגט פון מיין ארבייט, און דורכדעם האב איך ווייניגער פארדינט, נאך א קארצע צייט האט מיך נאך א פריץ אפגעזאגט און אזוי ווייטער, ביז איך געבליבן כמעט אהן קיין פרנסה. האט איך ביי מיר געטראכט אויב ס'גייט אזוי אהן, וועל איך אנהייבן ווייניגער צו דאווענען, און יעדער מאהל וואס איינער האט מיך אפגעזאגט האב איך ווייניגער געדאוונט אדער אראפ גענומען פונעם תהלים זאגן... יעצט אבער אז ס'קומט די הייליגע טעג האב איך מיך בארעכנט און געזאגט פאר'ן באשעפער: 'טאטע אין הימל איך וויל זיך מיט דיר איבערבעהטן, און לאמיר מאכן א געשעפט, איך וועל זיך צוריק אנהייבן צו פיהרן אזוי ווי ס'דארף צו זיין מיט'ן דאווענען און תהלים זאגן, און דו הייב מיר אהן צוריק צו געבן פרנסה בריווח... און ווען צוויי

«««



<<<<<

מענטשן בעהטן זיך איבער, זעצט מען זיך צוזאם, מ'מאכט א 'לחיים', מ'טרינקט א גלעזל בראנפין און מ'נעמט זיך אונטער צוריק צו זיין וואויל, דעריבער האב איך אנגעפוהלט צוויי בעכערס מיט בראנפין, איין בעכער האב איך געטרונקען, דערנאך האב איך געזאגט: "רבונו של עולם, דו טרינקסט דאך נישט, וועל איך טרינקען פאר דיר, און איך האב געטרונקן דעם צווייטער בעכער און זיך געוואונטשן 'לחיים' מיט'ן באשעפער..." דער גבאי איז געווען שטארק באאיינדרוקט פון די וואונדערליכע מעשה, און ער האט דאס פארציילט פאר מרן מהר"ש זי"ע, האט אים מרן זי"ע געזאגט איך האב געזעהן ווי די גאנצע פמליא של מעלה קומט אראפ, זעהן ווי א איד בעהט זיך איבער מיט'ן באשעפער, האב איך דאס געוואלט אליין זעהן...

# "אין זכות פון א 'קבלה'..."

**והותירך ה' אלקיך... (נצבים ל:ט)**

**הגה"צ רבי יצחק שלמה אונגאר זצ"ל, רב דקהל "חוג חתם סופר" בבני ברק ומגדולי רבני אנ"ש, האט דערציילט די פאלגענדע:** ווען מרן מהר"א זי"ע איז געווען אויפ'ן וועג פון פעסט אין אונגארין קיין ארץ ישראל, האט זיך די באהן אפגעשטעלט, אויף א קורצע צייט אין אראד, וואו ס'האבן זיך פארזאמלט אויפ'ן באהן הויף צענדליגע אידן וועלנדיג מקבל פנים זיין און זעהן דעם צדיק הדור און באקומען פון אים א ברכה. אבער וויבאלד די צייט איז געווען ענג, האט מען נאר צוגעלאזט צו מרן זי"ע געציילטע אידן צו קענען נעמען שלו' און אפגעבן א 'קוויטל' לברכה וישועה. די איבערראשענדע נייעס אז מ'קען זעהן מרן זי"ע און אויך באקומען א ברכה, האט זיך שנעל פארשפרייט. אין די זעלבע צייט האט זיך געפונען אין שפיטאל ר' ישראל זינגער, מיט א שווערע לעבנ'ס געפארפולע קרענק ל"ע, האט די משפחה באשלאסן באלד צו שיקן זיין ברודער, ר' יצחק זינגער, ער זאל געבן פאר מרן זי"ע א 'קוויטל' מיט א 'פדיון נפש', און מזכיר זיין דעם חולה לרפואה שלימה. ר' יצחק, וואס איז נישט אויפגעצויגן געווארן צווישן חסידים, און נישט געווען באקאנט מיט מנהגי החסידים, האט אבער פארט שטארק געגלייבט אינעם כח פון צדיקים, און מיט יראת הכבוד איז ער געשטאנען אין די שורה צוגעבן דאס 'קוויטל'. ווען דער משמש האט געענדיגט ליינען זיין 'קוויטל', האט מרן זי"ע אנגעוואונטשן פאר זיין ברודער ר' יצחק א רפואה שלימה. און וויבאלד ביידע ברידער זענען געווען שותפים אין זייער געשעפט, האט ער נישט געקענט ארויסנעמען געלט פון די קאסע אהן דעם וואס ער זאל האבן א קוויטונג, [רעסיט] פאר'ן וועלכן צוועק דאס געלט איז געגאנגען. האט ער דעריבער מיט זיין גרויס תמימות פארלאנגט אז מרן זי"ע זאל אים שרייבן א קבלה אויף די סומע געלט וואס ער האט געגעבן... דער משמש הערנדיג דעם מאדנע פארלאנג האט אים אנגעשריגן: "דער רבי פיהרט זיך נישט צו שרייבן קבלות!", אבער ר' יצחק האלט זיך ביי זיינס ער דארף האבן א קבלה... מרן זי"ע איז די גאנצע צייט געזיצן מיט'ן קאפ געבויגן, און הערנדיג דעם דין-ודברים, וואו דער משמש דינגט זיך מיט איינעם, האט מרן געפרעגט וואס האט פאסיהרט, האט דער משמש געענטפערט: אז דער איד בעהט פון אים א קבלה, ווייל אין רומעניע זענען אלע חשוד אויף גניבה... און איך פראביר אים ערקלעהרן אז ביי אונז איז נישט איינגעפיהרט אזא זאך.



ר' ישראל זינגער

האט זיך מרן זי"ע אנגערופן און געזאגט: "זאלסט זיין געזונט ביז הונדערט יאהר..., אויב דאס איז די גאנצע זאך, פארוואס נישט טוען א טובה פאר א איד, מ'וועט דיר שרייבן א קבלה און איך וועל דאס אונטערשרייבן". מרן זי"ע האט געבעהטן א בויגן פאפיר און מ'האט געשריבן דערויף די ווערטער: **"איך, וואס איז אונטערגעשריבן פון אונטן, האב ערהאלטן געלט כדי צו דאווענען פאר א חולה, און איך בענטש אים, ער זאל זוכה זיין צו א רפואה שלימה און לאנגע יאהרן און טעג"**, און מרן זי"ע האט אונטערגעשריבן דערויף זיין נאמען. ר' יצחק איז גלייך געלאפן מיט די קבלה אין שפיטאל אריין, ער האט איינגעפאקט די קבלה, און דאס געלייגט, אונטערן קאפ פונעם קראנקען, און צו יעדנ'ס וואונדער, איז ר' ישראל געזונט געווארן, און פארלאזט דעם שפיטאל.

ווען די נאציס ימ"ש האבן איינגענומען רומעניע און אנגעהויבן אונטערדרוקן מיט זייער רשעות די אידן, איז פאר ר' ישראל געלונגען צוזאמען מיט זיין פרוי און דריי טעכטער, זיך צו ראטעווען פון די נאצישע הענט ימ"ש, און זיי זענען ארויף געגאנגען קיין ארץ ישראל, ווי ער האט זיך באזעצט אין די שטאט בני ברק.

ווען הגרי"ש אונגאר זצ"ל איז אויפגענומען געווארן אלס רב אין 'קהל חוג חתם סופר', האט ר' ישראל אנגעהויבן דאווענען אין זיין בית המדרש, געווארן א מיטגליד אין די חשובע קהלה, און פון די חשובע מתפללים.

במשך אלע יאהרן האט ר' ישראל געהיטן אויף די קבלה, און דאס געהאלטן אין אן אפגעהיטן פלאץ. פון צייט צו צייט פלעגט ער קוקן אויף די קבלה, און שטענדיג געשפיהרט אן הכרת הטוב, פאר זיין ברודער, וואס צוליעב זיין תמימות האט ער זוכה געווען, צו וואס אנדערע זענען נישט זוכה. ר' ישראל האט געוואוסט אז אין זכות פון די ברכה וואס איז געשריבן אין די קבלה, האט ער זוכה געווען איבערצולעבן די מלחמה, וואס זיין ברודער ר' יצחק ע"ה האט ליידער נישט זוכה געווען דערצו, און אויך האט ער זוכה געווען צו לאנגע געזונטע יאהרן, און קיינמאהל נישט געדארפט גיין צו א דאקטער. ר' ישראל האט דערנאך געלעבט נאך פופציג יאהר, און די 'קבלה' האט אים באגלייט זיין גאנצע לעבן, ביז ס'האט מט די קבלה פאסיהרט, דאס זעלבע וואס האט פאסיהרט מיט די אנדערע 'מטבעות של ברכה' וואס מענטשן האבן באקומען פון מרן זי"ע בשעת די מלחמה, און ווי באקאנט, נאכ'ן ענדיג'ן זייער אויפגאבע, זענען די מטבעות פארשוואונדן געווארן אויף א גאר וואונדערליכ'ן וועג.

זיין גאנץ לעבן אין ארץ ישראל איז ר' ישראל קיינמאהל נישט געווען אין שפיטאל, און ער האט דאס אלעס אנגעהאנגען אין זכות פון די ברכה פון מרן זי"ע. בשנת תשנ"ו, ווען ר' ישראל איז שוין געווען נאענט צו די הונדערט יאהר, האט ער איין טאג נישט געפונען די 'קבלה' אויף זיין באשטימטע ארט. "וויאזוי קען דאס זיין" האט ער זיך געוואונדערט, איך האב דאך דאס לעצטענס געזעהן, און צוריק געלייגט אויפ'ן אפגעהיטן פלאץ". ער האט געזוכט אין די גאנצע דירה, אבער גארנישט געטראפן... ער האט דאס דערציילט פאר זיין טאכטער און אייניקלעך, אלע האבן געזוכט, אבער די קבלה איז ווי איינגעשלינגען געווארן אין די ערד. א קורצע צייט נאכדעם וואס די קבלה איז פארשוואונדן געווארן, ראש השנה תשנ"ז, איז ר' יצחק שלאף געווארן און מ'האט אים גענומען צום ערשטן מאהל אין שפיטאל אריין, און צום גדליה איז ער נפטר געווארן. יהא זכרו ברוך. *(תשו"ח לר' אהרן אסטרייכער שליט"א שהמציא לנו הסיפור)*

# כ"ק מרן מהר"ש מבעלזא זי"ע ועכי"א

## יומא דהילולא • כ"ז אלול תרט"ו • קס"ח שנים לפטירתו

## כ"ק מרן מהר"ש מבעלזא זי"ע

### • כ"ז אלול תרט"ו

**<u>הולדתו:</u> כ"ק מרן רבי שלו'ם רוקח מבעלזא איז געבוירן געווארן אין די שטאט בראד, צו זיין פאטער הרה"ק רבי אלעזר רוקח פון בראד, און זיין מוטער מרת רבקה העניא די טאכטער פון רבי יהודא זונדל רמר"ז פון סקאהל. זכר צדיקים לברכה.**

**<u>האיש מקדש:</u> מרת מלכה די טאכטער פון זיין פעטער רבי ישכר בער אב"ד סקאהל. זכר צדיקים לברכה.**

**<u>תולדותיו:</u> דער בכור הרה"ק רבי אלעזר. 2) הרה"ק רבי שמואל שמעלקא (ער איז נפטר געווארן בחיי אביו בלי זש"ק) 3) הרה"ק רבי משה מקאריב. 4) הרה"ק רבי יהודא זינדל פון אוחאן. 5) הרה"ק רבי יהושע מבעלזא. 6) מרת פריידא אשת רבי חנוך העניך מאלעסק. 7) מרת איידל אשת רבי יצחק רובין מבראד. זכר צדיקים לברכה.**

**<u>רבותיו:</u> הרה"ק רבי שלמה לוצקער המגיד מסקאהל בעמ"ח "דברת שלמה". הרה"ק החוזה מלובלין. הרה"ק המגיד מקאזניץ. הרה"ק ה"אוהב ישראל" מאפטא. הרה"ק ה"שרף" מסטרעליסק. זכר צדיקים לברכה.**

**<u>מתלמידיו:</u> רבי שמעון מיערוסלוב. רבי שלו'ם מקאמינקא. בניו של ה"בני יששכר". בניו של ה"דברי חיים" מצאנז. ה"אמרי יוסף" מספינקא. המהרש"ם מברעזאן. בעל "אזור אליהו". זכר צדיקים לברכה**

**<u>תורתו:</u> מדבר קדש. מהר"ש. הבינה והברכה**

**<u>על כסא מלכותו:</u> תקע"ז בעלזא**

**<u>פטירתו:</u> כ"ז אלול תרט"ו, דריי טעג פאר ראש השנה, ומנו"כ בעיר בעלזא.**

ஐ

## • א הייליג קינד •

### אזוי האט זיך די מלחמה געפיהרט

**כ"ק מרן רב שר שלום מבעלזא זי"ע** איז געבוירן געווארן חודש שבט תקמ"ג לפ"ק צו זיין פאטער רבי אלעזר זצ"ל און זיין מוטער הרבנית רבקה העניא ע"ה. זיינע עלטערן זענען ביידע געווען גרויסע מיוחסים אפשטאמיגע פון גאונים וצדיקי עליון. אין דעם יאהר וואס כ"ק מרן מהר"ש זי"ע איז געבוירן געווארן, איז פארגעקומען א ביטערע מלחמה צווישן רוסלאנד און פוילן. מרן זי"ע איז נאך געליגן אין זיין וויגעלע. און אלע האבן געקוקט מיט וואונדער: אזוי ווי דאס קינד איז געליגן אין זיין וויגעלע, אזוי האט זיך די מלחמה געפיהרט. ווען ער איז געליגן אויף זיין רעכטע זייט, האט איין מדינה געזיגט, ווען ער האט זיך איבער געדרייט צו זיין לינקע זייט האט די אנדערע מדינה געזיגט... אינטערעסאנט איז געווען, אז אויב פאר טובת כלל ישראל איז געווען, אז די מדינה פון די רעכטע זייט זאל זיגן, האט ער אלעמאהל פראבירט צו ליגן אויף די רעכטע זייט. אלע האבן געזעהן ווי ער שטרענגט זיך שטארק אהן צו ליגן לאנגע שטונדן אויף די רעכטע זייט, און די גאנצע צייט האט יענע מדינה געזיגט...

### דער אינגל וועט אויסוואקסן א גדול הדור!

ווען **כ"ק מרן מהר"ש זי"ע** איז געווען פינף יאהר אלט, האט אים אמאהל זיין עלטערע שוועסטער אויפגעהויבן אויף די הענט און אריבערגעפיהרט אויף א שמאלע ברעט וואס האט געדינט ווי א בריק, כדי ער זאל נישט פארשמיהרט ווערן פון די בלאטע. פונקט דעמאלט איז הרה"ק רבי משה לייב סאסובער זיי אנטקעגן געקומען און אויך געוואלט אריבערגיין, אבער וויבאלד ס'איז געווען זייער שמאל, און ס'איז נישט געווען גענוג ברייט פאר צוויי מענטשן אריבער צו גיין, איז הרה"ק רבי משה לייב אראפגעגאנגן און פריי




די הייליגע שוהל אין בעלזא

געמאכט דעם וועג זיי זאלן קענען אריבערגיין. זאגנדיג: **"דער יונגל וועט אויסוואקסן א גדול הדור!!"**

### א באליעבט אינגל

כ"ק מרן מהר"א זי"ע האט דערציילט: ווען **כ"ק מרן מהר"ש זי"ע** איז געווען א קליין אינגל, איז ער אמאהל געגאנגען אין די גאס, אין די שטאט בראדי מיט זיין מלמד. איז זיי אקעגן געקומען הרה"ק רבי אפרים אשכנזי, מגיד משרים אין בראדי, און אייניקל פונעם חכ"ם צב"י. ער איז געווען א איש קדוש ונורא און אלע האבן מורא געהאט צו שטיין ארום אים. דעריבער ווען ער איז געגאנגען אין די גאס האט זיך יעדער אפגעריקט מיט יראת הכבוד, און אים פריי געמאכט דעם וועג. אזוי אויך האט דער מלמד מיט מרן זי"ע זיך אפגעריקט לכבודו. אבער ווען הרה"ק רבי אפרים האט באמערקט מרן זי"ע האט ער אים צוגערופן, און אים מקרב מיט א ליעבשאפט אז אלע זאלן זעהן.

### זיין התמדה

**כ"ק מרן מהרי"ד זי"ע** האט דערציילט: די התמדת התורה פון מרן מהר"ש זי"ע איז געווען גרויס, נישט וואוסנדיג אפילו וואס ס'טוהט זיך ארום אים. אמאהל אלס אינגל אין די ערב פסח טעג, ווען אין שטוב איז דאס גרודער געווען גרויס, האט מען אים געטראפן זיצן אונטער א טיש פארטיעפט אין לערנען, אז ער אליין האט נישט געשפיהרט וואס ס'טוהט זיך ארום אים, אזוי גרויס איז געווען זיין התמדת התורה.

ஐ

## • עֹל כס הרבנות •

אין דער שטאָט בעלזא, לעבן סקאהל, איז נסתלק געווארן דער אלטער רב פון די קהלה, האבן די שטאט מענטשן געוואלט אויפנעמען אלס א נייער רב איינער פון דארטיג איינוואינער הגה"צ רבי אהרן קאצנלבויגן זצ"ל, באַקאַנט אלס 'רבי אהרן משיח', רבי אהרן, וועלכער איז געווען באַקאַנט מיט זיין דביקות און גאונות, האָט זיך אָפּגעזאָגט פון אננעמען דאס רבנות אין די שטאט, ווייל ער האט נישט געוואָלט הנאה האבן פון די קרוין פון תורה. זענען די ראשי הקהל פון די שטאָט געפאָהרן צום "חוזה" פון לובלין זי"ע צו פרעגן זיין עצה. האט דער "חוזה" זיי פאָרגעשלאָגן, מ'זאל אויפנעמען מרן מהר"ש זי"ע אלס רב פון שטאָט. ווען זיי זענען צוריק געקומען קיין בעלזא, האָבן זיי זיך געוואָנדן צו די חשובע אידן פון די שטאָט, זיי זאלן אונטערשרייבן דעם כתב הרבנות, און זיי האבן זיך אויך געוואנדן צו רבי אהרן ער זאל אונטערשרייבן דעם כתב הרבנות פאר מרן זי"ע. ווען זיי זענען געקומען צו אים, האָט זיין רעבעצין מיט פארוואורף געזאָגט: "דו וועסט דארפן זיין אונטער געווארפן צו א יונגערמאן א רב?". און זיין רעבעצין האט אים געבעהטן אז ער זאל אהננעמען דאס רבנות אין בעלזא. און רבי אהרן איז אויפגענומען געווארן אלס רב אין די שטאט בעלזא. ווען דער "חוזה" פון לובלין דאס געהערט האט ער געזאגט במליצה. "חז"ל זאגן אויף אהרן אז ער איז געווען א "אוהב שלום ורודף שלום", און דא זעהט ער גאר אז אז "שלום רודף אהרן" (א רמז אז דאס רבנות פון רבי אהרן אין בעלזא וועט זיין א קורצע צייט, ביז

‹‹‹‹‹

>>>>>

ס'וועט קומען די צייט אז מרן זי"ע זאל דארט ווערן רב). רבי אהרן האט נשט מאריך ימים געווען און מרן זי"ע איז געווארן דער רב אין בעלזא.

## דין תורה וועגן די רבנות

ווען מרן מהר"ש זי"ע איז נאך געווען א אינגערמאן אין סקאהל, איז ליידג געווארן די שטעלע פונעם בעדער פון די שטאט. און מרן זי"ע האט געוואלט נעמען די שטעלע און זיין א בעדער. און ס'האט זיך אנטוויקלט א וויכוח צווישן מרן זי"ע און זיין רעבעצין ע"ה, מרן זי"ע האט גע'טענה'ט אז ער וויל נישט זיין א רבי, ווייל ס'וועט אים שטערן אין זיין עבודת ה', ער וועט נישט קענען לערנען ווען ער וויל, און ער וועט דארפן זיך צוגרייטן דברי תורה, און זיך חנפ'נען צו די בעלי בתים און גבירים. האט מען באשלאסן צו גיין צו א דין תורה צום "אזור אליהו" הגה"צ רבי אליהו הרשאווסקי וואס איז געווען רב אין היבנוב, ער זאל פסק'ענען ווער ס'איז גערעכט. ווען ער האט געפרעגט פון די רעבעצין וואס זי האט צו ענטפערן אויף די טענה פון מרן זי"ע? האט זי געזאגט מיר האבן דאך קינדער אין שטוב , און ווען מיר וועלן דארפן טוען שידוכים מיט די קינדער, ווער וועט זיך וועלן משדך זיין מיט אונז, ווי וועט מען טרעפן נאך אזא בעדער אזוי ווי ער [מרן זי"ע]. האט דער "אזור אליהו" גע'פסק'נט אז די רעבעצין איז גערעכט , און מרן מהר"ש זי"ע האט געדארפט אנהנעמען דאס רבנות אין די שטאט בעלזא.

ஐ

# • זיינע גרויסע רבי'ס •

## געפאהרן צום חוזה פון לובלין

אין סקאהל האט געוואוינט דער לוצקער מגיד, הרה"ק רבי שלמה לוצקער זי"ע, וואס איז געווען א נאנטער תלמיד פונעם הייליגן מגיד, דער רבי ר' בער פון מעזריטש זי"ע. ער האט אויך ארויס געגעבן דעם ספר פון זיין רבינ'ס תורות "מגיד דבריו ליעקב". און ביז א קורצע צייט איז מרן זי"ע געווארן זיין "תלמיד מובהק", און פון אים האט ער געשעפט פון די קוואלן פון חכמה. אין יענע צייט האט אויך אויפגעשיינט א גרויסע און הייליגע ליכטיגקייט אין לובלין. דער נאמען פונעם הייליגן "חוזה" פון לובלין איז אויך אנגעקומען קיין סקאהל צו מרן זי"ע, וואס האט געגליסט צו קענען דעם הייליגן צדיק. מרן זי"ע איז געפאהרן אויף די הייליגע טעג צום "חוזה" קיין לובלין. ווען ער איז צוריק געקומען קיין סקאהל, איז דער לוצקער מגיד זי"ע געשטאנען ביים פענסטער און געזאגט פאר זיין רעבעצין, "קוק נאר צו, וואס הייסט אן אמת'דיגער חסיד, וואס איז מוותר אויף אלע הויכע מדריגות, אבי צו זיין יום טוב ביי זיין רבי'ן. יעצט כאפ א בליק אויף זיין געשטאלט און זעה ווי זיין פנים שיינט און דער 'אור התורה' באגלייט אים העכער זיין קאפ. די אלע מדריגות וואס איך האב אים צוגעזאגט, האט ער דאך באקומען אין לובלין!!..."

## געזעהן דעם רבין ר' אלימלך זי"ע

ווען **כ"ק מרן מהר"ש זי"ע** איז געווען א קליין אינגל, האט זיך אנגעצינדן אין זיין הארץ א גלוסטעניש צו פאהרן צום רבי ר' אלימלך קיין ליזענסק. יעדער וואך פלעגט אים זיין מוטער ע"ה געבן עטליכע גראשן טאשן-געלט, וואס ער האט אפגעשפּאָרט. ווינטער צייט אין יאהר תקמ"ז האט ער שוין געהאט צונויף געזאמעלט גענוג געלט צו פאהרן קיין ליזענסק, אבער ער האט ביי זיך געטראכט: יעצט אינמיטן ווינטער איז צו קאלט צו פאהרן. ער וועטווארטן ביז חודש ניסן, און פאהרן אויף יום-טוב פסח. אבער מן השמים האט מען אנדערש געפיהרט, און אין חודש אדר איז דער רבי ר' אלימלך נסתלק געווארן.....א שטארקע טרויער האט אים באנומען און זיין הארץ איז געווען צובראכן, און צוליעב דעם האט ער גארנישט געגעסן. ס'האט נישט געהאלפן די געבעהטן



די גרויסע שטוב ווי רבוה"ק האבן געפראוועט

פון זיין מוטער, און פון טאג צו טאג איז ער געווארן שוואכער, ביז ער איז אריינגעפאלן אין בעט קראנק. ביינאכט האט זיך אים געחלום'ט אז ער זעהט אן עלטערע איד מיט א געטליך געזיכט וואס זאגט אים: "איך בין רבי ר' אלימלך פון ליזענסק! און וויבאלד דו האסט אזוי שטארק געגלוסט מיך צו זעהן, בין איך געקומען צו דיר אז דו זאלסט מיך זעהן!" אינדערפרי איז מרן מהר"ש זי"ע אויפגעשטאנען מיט אן אויפגעלעבטן און פרייליך געמוט אז ער האט זוכה געווען צו אזא געוואלדיגע אנטפלעקונג, צו זעהן דעם גרויס'ן צדיק אין חלום, און ער איז געגאנגען אין בית המדרש מיט גרויס פרייד. נאכ'ן דאווענען האט ער פארציילט פאר עטליכע אידן פונעם חלום, און זעלבסט פארשטענדליך אז ס'האט ארויס געברענגט א געלעכטער ביי יעדן. אבער דארט אין בית המדרש האט זיך געפונען אן עלטערע איד וואס פלעגט א סאך פאהרן קיין ליזענסק, און ער האט געבעהטן פונעם אינגל אז ער זאל אים פארשטעלן דאס געשטאלט פון רבי ר' אלימלך. ווי ערשטוינט איז דער איד געווארן, ווען מרן זי"ע האט מיט פונקטליכקייט אויסגעמאהלן דאס אויסזעהן, און אלע זענען ערשטוינט געווארן. כ"ק מרן מהר"י מבעלזא זי"ע האט צוגעלייגט צו דעם, אין נאמען פון זיין פאטער, מרן מהר"ש זי"ע, אז ווער ס'איז זוכה צו זעהן רבי ר' אלימלך אין חלום, איז אזוי ווי ער איז זוכה צו זעהן אליהו הנביא! מרן מהר"י זי"ע האט אויך דערציילט, אז זיין פאטער, מרן מהר"ש זי"ע, האט אמאהל געזאגט: "איך האב געוואלט מאכן א פירוש אויפ'ן ספר 'נועם אלימלך', נאר איך האב געזעהן אז טינט און פאפיר וועט נישט זיין גענוג אויף דעם, האב איך נישט אנגעהויבן!"

# • לימוד זכות •

## א צובראכן הארץ פון א איד

דער הייליגער "חוזה" פון לובלין האט אמאהל געהייסן פאר זיין תלמיד **כ"ק מרן מהר"ש מבעלזא זי"ע**, ער זאל זיך אוועק שטעלן אונטערן אויווען און צוהערן דעם געשפרעך פון צוויי אידן. די אידן האבן מיט א צובראכן הארץ זיך באקלאגט אז דאס פאהרן קיין לובלין קומט זיי אהן מיט גרויס שוועריקייטן, ס'קאסט געלט, פלאג און מאטערנישן ביז זיי קומען און פאהרן צוריק אהיים, אבער זיי שפיהרן נישט קיין שום נוצן אז זיי האבן עפעס אויפגעטוען מיט'ן קומען קיין לובלין. מרן זי"ע האט פארשטאנען אז נישט אומזיסט האט אים זיין רבי געהייסן זיך צוהערן צום געשפרעך, און ער האט זיי געזאגט אזוי: אויבן אין הימל האט מען אמאהל אפגעוואויגן די זכותים פון אידישע קינדער, זייער צדקה, גמילות חסדים, הכנסת כלה, הכנסת אורחים, און נאך אנדערע גוטע זאכן. האט דער ס"מ גע'טענה'ט אז ביי די גוי'שע באפעלקערונג זענען אויך דא גומלי חסדים, מכניסי אורחים, א.א.וו. האט דער מלאך מיכאל געברענגט צובראכענע אידישע הערצער, און דאס האט איבערגעוואויגן די וואָגשאָהל און די זכותים פון די אידן זענען שטארק געשטיגן אין הימל. איז דער ס"מ שטיל געבליבן און נישט געקענט מקטרג זיין, ווייל ער האט נישט געקענט ברענגען צובראכענע הערצער פון די גוי'שע פעלקער, ווייל ביי זיי איז דאס נישט דא. און מרן זי"ע האט שטארק ארויסגעהויבן די גרויסקייט פון א צובראכן אידיש הארץ, ביז זיינע רייד זענען אריין אין זייערע הערצער און די צוויי אידן האבן זיך געשטארקט פון זיינע ווערטער.

## ביז דער באשעפער וועט העלפן

אמאל איז געקומען א חסיד צו כ"ק מרן מהר"ש זי"ע און זיך באקלאגט אז ער האט נישט קיין פרנסה, האט אים מרן זי"ע געוואונטשן: דער באשעפער וועט העלפן. האט זיך דער חסיד אנגערופן "און ביז דער באשעפער וועט העלפען?" האט מרן זי"ע גערופן די רעביצין מלכה ע"ה און איר דערציילט, דער איד איז זיך געקומען באקלאגן בעניני פרנסה, האב איך אים געוואונטשן, פרעגט ער מיר "און ביז דער באשעפער..." האט זיך די רעביצין אנגערופן "נו ער איז דאך גערעכט". האט מרן זי"ע געפרעגט: פארוואס? "ביז דער באשעפער וועט העלפן, וועט דער באשעפער אויך העלפן, דו מיינסט אז איך זאג סתם אזוי, ס'איז א פסוק, יעקב אבינו ע"ה איז ארויס פון זיין טאטע'ס שטוב, זאגן חז"ל אז אליפז איז אים נאכגעלאפן און האט פון אים אלעס צוגענומען, איז ער געגאנגען צו א פלאץ ווי מ'קען אים נישט, נישט האבנ'דיג מיט זיך גארנישט, און ער האט זיך געלייגט שלאפן ביינאכט "צובראכענעהייט", האט אים דער באשעפער צוגעזאגט "ופרצת ימה וקדמה צפונה ונגבה" (בראשית כח:יד), און מרן זי"ע האט צוגעלייגט, אויב דו ווערסט מיך פרעגן וואס וועט זיין ביז דער באשעפער וועט

<<<<<

# • כ"ק מרן מהר"ש מבעלזא זי"ע ועכי"א • כ"ז אלול תרט"ו •

<<<<<

העלפן, זאג איך דיר "כי לא אעזבך עד אשר אם עשיתי", ביז דעמאלס וועט אויך דער באשעפער העלפן.

## • מנהיג הדור •

### די טובה פון כלל ישראל...

מרן זי"ע האט פארגעזעצט צו זיצן על התורה ועל העבודה, און געגעסן "קעסט" ביי זיין שווער, רבי ישכר דוב רמר"ז. ווען ער האט געענדיגט עסן "קעסט" ביים שווער, האט מרן זי"ע געוואלט אנהויבן האנדלען מיט'ן געלט וואס ער האט באקומען פאר א נדן. האט ער געטראפן א יונגערמאן וואס פארשטייט צו האנדל, און מיט אים געמאכט א שותפות. זיי זענען געפאהרן צום רבי'ן פון לובלין זי"ע נעמען א ברכה אויפ'ן שותפות. יעדער באזונדער האט געפרעגט זיין עצה. פאר מרן זי"ע האט דער "חוזה" פון לובלין געזאגט אז ער זאל יא מאכן דעם שותפות, און פאר'ן צווייטן אינגערמאן האט ער געזאגט אז ער זאל נישט מאכן די שותפות... אינדרויסן ווען זיי האבן איבער געשמועסט די תשובות, איז די זאך געווען ביי זיי ווי א פארבארגענע רעטעניש, און זיי האבן נישט געוויסט וואס צו טוען...

ווען זיי האבן באגעגנט דעם "יוד הקדוש", רבי יעקב יצחק פון פשיסחא אין לובלין, האבן זיי אים דערציילט זייער רעטעניש. האט זיי דער "יוד הקדוש" געזאגט אז זיי זאלן יא מאכן די שותפות, אפילו דער שותף האט ספיקות אין הארץ. זיי האבן אנגעהויבן האנדלען און ס'איז נישט אריבער אסאך צייט, און זיי האבן פארלוירן זייער גאנצע געלט, און זיי זענען געבליבן אהן א פרוטה. זענען זיי נאכאמאהל געפאהרן קיין לובלין, און געטראפן דארט דעם "יוד הקדוש" און אים דערציילט וואס ס'איז אריבער אויף זיי. האט דער "יוד הקדוש" ווייטער געזאגט: איך האב געזעהן אז דיין חבר וויל נישט מאכן די שותפות, האב איך אים צוגערעדט צו דעם, אפילו ער וועט מוזן דערלייגן געלט, ווייל די טובה פון כלל ישראל שטיפט אלעס אוועק!!

### פארהוילן דאס פאהרן צום צדיק

הגאון רבי שמואל אב"ד ראדמישלא האט געהערט פון אן אלטן חסיד ר' יעקעלע ביטערבינער פון פולין, אז אין זיין יוגנד איז ער געפאהרן מיט זיינע חברים קיין בעלזא אויף פורים צו כ"ק מרן מהר"ש זי"ע. אבער אזוי ווי זיי האבן נישט געהאט קיין עמטליכע פאפירן אדורך צופאהרן די גרעניץ, האבן זיי זיך אדורך געשמוגלט די גרעניץ און די וועכטער האבן אויף זיי געשאסן, זיי האבן זיך געפונען אין גרויס געפאר און בסדי ה' זענען זיי געראטעוועט געווארן. זיי זענען אנגעקומען קיין בעלזא תענית אסתר, און ביינאכט נאכ'ן מגילה ליינען, זענען זיי געגאנגען צו די רעבעצין מלכה ע"ה, און איר דערציילט אלעס וואס ס'איז געשעהן מיט זיי און געבעהטן איבערבייס נאכ'ן תענית. איז די רעבעצין מיט זיי אריינגעגאנגען צו מרן מהר"ש זי"ע, און דערציילט וואס מיט די חסידים איז געשעהן. האט זיך מרן זי"ע אנגערופן "צו הערן מיך מגילה ליינען איז כדאי צו האבן מסירת נפש. דערנאך האבן די חסידים זיך געבעהטן ביי מרן זי"ע אז ס'זאל זיי ח"ו נישט געשעהן אן אומגליק אויפ'ן וועג צוריק. האט זיי מרן זי"ע געענטפערט: דער פסוק (יתרו י:ח) זאגט "ויאמר אל משה אני חותנך יתרו בא אליך", זאגט רש"י 'אם אין אתה יוצא בגיני צא בגין אשתך ואם אין אתה יוצא בגין אשתך צא בגין שני בניה'. דארף מען פארשטיין, האט דען יתרו געזוכט כבוד, ס'איז דאך נישט דער סדר פון איינעם וואס האט גענומען אויף זיך דעם עול תורה ער זאל זוכן כבוד? האט מרן זי"ע ערקלעהרט, ווען א איד וויל פאהרן צו א צדיק אמת, שטעלט אים דער יצר הרע אונטער פארשידענע שטרויכלונגן, איז די עצה דערצו, צו פארהוילן דאס פאהרן און קיינעם נישט דערציילן אז ער פארט צום צדיק. אבער


דאס בית המדרש אין בעלזא

ווען ער קומט שוין אהן נאהנט צום צדיק קען ער דאס שוין דאס מער נישט פארהוילן, דעמאלט ליגט די פליכט אויפן צדיק ער זאל אים נעמען אונטער זיין שוץ און אויף אים אכטונג געבן, ביז ער וועט צוריק אהיים קומען בשלום. דעריבער שטייט ביי יתרו "מה שמועה שמע ובא" (רש"י יתרו יח:א) און נישט "מה שמועה שמע והלך" ווייל יתרו'ס גיין איז געווען פארהוילן, ער האט קיינעם נישט פארציילט ווי ער גייט ווייל ער האט געהאט גרויסע שטרויכלונגן אויפ'ן וועג, ביז ער איז שוין אהנגעקומען נאענט דעמאלט האט ער ערשט געשפיהרט דעם תכלית פון זיין קומען. דער צדיק וואס וויל אכטונג געבן אויף א אדם פשוט דארף ער זיך צופאסן לויט'ן ערך פונעם פשוט'ן מענטש. און דאס האט יתרו געמיינט מיט דעם 'צא בגיני, צא בגין אשתך, בגין שני בניה'. און אט דאס זענען די רייד וואס משה רבינו האט מרמז געווען פאר יתרו "כי על כן ידעת חנותינו במדבר והיית לנו לעינים" זאגט רש"י לשון עבר, לשון עתיד ולשון חביב,—אלע זענען ריכטיג ווייל די אויגן פונעם צדיק געבן אכטונג אויפ'ן מענטש בעבר—פאר'ן קומען צו אים, ובעתיד—ווען מ'פאהרט אוועק פונעם צדיק ביז מ'קומט צוריק אהיים לשלום. *("קול יעקב", ע' "אמרי יוסף" ויגש)*

## • תיקון נשמות •

ס'ווערט דערציילט אין די שטאט ווישניצא, זענען רויב-פויגל געפלויגן העכערן דאך פון די שוהל, און געמאכט א גערידער מיט מאדנע קולות, און וויפיהל מ'האט זיי פראבירט צו פארטרייבן פון דארט, האט נישט געהאלפן. ווייל נאך א קורצע צייט זענען זיי צוריק געקומען, און שווער געמאכט מיט'ן פלאטערן און מיט קולות אויף די מתפללים. אמההל האט מרן מהר"ש זי"ע געדאוונט אין יענע שוהל, און פון דעמאלט, זענען מער נישט געפלויגן רויב-פויגל העכער די שוהל. ווען מ'האט דאס פארציילט פאר'ן שיניאווא רב, האט ער געזאגט: "וואס איז דאס בכלל א וואונדער. איך בין געווען אין בעלזא און אליין געזעהן ווי פייגל זענען אריינגעפלויגן אין די שוהל, און דער ציבור האט מורא געהאט פון די מאדנע רעשים און קולות, וואס מ'האט געהערט, און אזוי ווי מרן זי"ע האט איבער געטראטן די שוועל פון די שוהל זענען די פויגל באלד שטיל געווארן.

ווען כ"ק האדמו"ר רבי איציקל מפשעווארסק זצ"ל האט דערציילט די מעשה, וואס ער האט געהערט פון אן אייניקל פונעם 'ארי' דבי עילאי', וואס איז געווען רב אין ווישניצא, האט ער צוגעלייגט און געזאגט: "א פלא איז אז דער 'ארי' דבי עילאי', וואס איז געווען פון די גרויסע צדיקים, וואס מ'האט אויף אים געזאגט אז ער איז א 'שליש פונעם רבי פון לובלין', און טראץ זיין גרויסקייט, האבן די רויב-פויגל נישט מורא געהאט פון אים, און פאר'ן בעלזער רב, זענען די פויגל גלייך פארשוואונדן געווארן און מער נישט צוריק געקומען. און דאס איז ווייל דער בעלזער רב האט א גרויסער כח, א ניצוץ מבחינת הטוב פון קין, א בחינה פון 'גבורה שבקדושה', וואס די סטרא אחרא איז נישט מסוגל זיך קעגן צו שטעלן.

## • דאס שטעטעלע בעלזא •

### געווארן שטארק מפורסם

אינעם קליינעם שטעטעלע בעלזא וואס געפונט זיך נישט ווייט פון סקאהל איז נפטר געווארן דער רב, און די איינוואוינער זענען געפאהרן צום "חוזה" פון לובלין זי"ע ער זאל זיי פארשלאגן וועמען אויפצונעמען אלס רב, האט זיי דער "חוזה" פארגעשלאגן אויפצונעמען מרן זי"ע. און אין יאהר תקע"ז איז מרן זי"ע אויפגענומען געווארן אלס רב אינעם שטעטאלע בעלזא. דאס שטעטלע בעלזא איז שטארק מפורסם געווארן. ווען מרן זי"ע האט איבערגענומען דאס רבנות, איז זיין נאמען באריהמט געווארן אינעם גאנצן לאנד פאר א צדיק נשגב און "פועל ישועות". טויזענטער אידן, חסידים און "יושבים", בעלי בתים און רבנים, האבן אנגעהויבן צו שטראמען קיין בעלזא אין די מאסן, זיך צו ווארעמען ביים הייליגן פייער. זיי האבן פארלאזט זייערע היימען און משפחות פאר לאנגע חדשים, דער עיקר צו האבן די זכיה צו זעהן דעם צדיק כאטש איין מאהל א טאג.

### "אפילו די ווענט וויינען..."

**כ"ק מרן מהר"ש מבעלזא זי"ע** האט אמאל געפראוועט א שבת אין די שטאט ראווע. נאך שבת האבן די חשובי החסידים געבעטן פון מרן זי"ע ער זאל בלייבן אויף נאך א שבת. האט זיי מרן זי"ע געזאגט: **"איך האב מיך געזעגענט מיט די רעביצין נאר אויף איין שבת, אבער אויב איר ווילט דוקא איך זאל בלייבן אויף נאך א שבת מוזט איר פאהרן קיין בעלזא און**

<<<<<

# • כ"ק מרן מהר"ש מבעלזא זי"ע ועכי"א • כ"ז אלול תרט"ו •

<<<<<

**פרעגן ביי די רעבעצין מלכה ע"ה צו זי איז מסכים דערצו, און אויב נישט קען איך נישט בלייבן אויף נאך א שבת**". זענען געפארן א דעלעגאציע קיין בעלזא צו די רעביצין מלכה ע"ה, און זיי האבן איר נישט דערציילט וואס מרן זי"ע האט זיי געהייסן פרעגן, נאר זיי האבן געזאגט רעביצין מלכה ע"ה, און זיי האבן איר נישט דערציילט וואס מרן זי"ע האט זיי געהייסן פרעגן, נאר זיי האבן געזאגט פאר די רעבעצין אז זיי האבן געבעהטן פון מרן זי"ע אז ער זאל בלייבן אויף נאך א שבת און ער האט דערצו מסכים געווען, און זיי ווילן איר מעלדן דעריבער. האט זיי די רעבעצין געענטפערט: "**אויב דער רב וויל בלייבן אין ראווע אויף נאך א שבת קען איך דען זאגן אז נישט?**" הערענ'דיג אירע ווערטער האבן די חסידים ביי זיך געפיהלט אז זיי האבן נישט אויסגעפיהרט זייער שליחות. האבן זיי איר דערציילט דעם אמת און געזאגט אז מרן זי"ע האט באמת נאך נישט מחליט געווען, און ער האט זיי געשיקט פרעגן, אויב די רעבעצין איז מסכים? און נאר דעמאלט וועט ער פארבלייבן אויף נאך א שבת! הערענדיג זייערע רייד האט די רעבעצין זיי אריינגעפיהרט אינעם צימער פון מרן זי"ע און זיי געוויזן, ווי אלעס ווייַנט אויף דעם וואס מרן זי"ע איז נישט אינדערהיים, "**אפילו די ווענט וויינען, איז ווי אזוי קען איך מסכים זיין אז דער רב זאל בלייבן אויף נאך א שבת?**" ווען די חסידים זענען צוריק געקומען קיין ראווע און איבערגעגבן די רעבעצין'ס ווערטער האט מרן זי"ע געהייסן גלייך איינשפאנען דעם וואגן און ער איז באלד צוריק געפארן קיין בעלזא.

ꟷ

## • מרפא חולים •

**ס'איז באקאנט אז מרן מהר"ש זי"ע האט זוכה געווען צו די געהויבענע מדריגה צו קענען היילן מיט זיינע פינגער דורך 'לימוד התורה'. מיט'ן כח פון לערנען די הייליגע תורה האט מרן מהר"ש זי"ע זוכה געווען צו דעם אומנאטירליכער כח אויסצוהיילן קראנקע, דורכ'ן ארויפלייגן זיינע הייליגע פינגער ווי די קרענק איז געווען..**

### י'שלח ד'ברו ו'ירפאם

אמאהל איז הרה"ק רבי שלמה זלמן פון וויעליפאלע געפאהרן אויף שבת קודש צו זיין ביי מרן מהר"ש זי"ע, ווען ער איז געגאנגען אין מקוה פאר'ן זמן האט דער בעדער בטעות ארויף געגאסן אויפ'אים א גרויסע כלי מיט בריעדיגע וואסער, און רבי שלמה זלמן איז שטארק אפגעבריהט געווארן אויף אסאך חלקים פון זיין קערפער. ער האט געליטן שרעקליכע יסורים, און אזוי האט מען אים געפיהרט צו זיין אכסניא. זיינע ווייטאגן זענען געווען אזוי שטארק אז ער האט נישט געקענט קומען דאווענען אין שוהל צו קבלת שבת. ווען מרן זי"ע איז אריי געקומען אין שוהל, האט ער געזוכט רבי שלמה זלמן, ווען ער האט געזעהן אז ער איז נאך נישטא, האט ער באפוילן פארן בעל תפילה ער זאלווארטן ביז דער גאסט וועט קומען. איז איינע פון די גבאים צוגעגאנגען צו מרן זי"ע און דערציילט אז רבי שלמה זלמן קען נישט קומען ווייל ער ליגט אין בעט מיט זייער שטארקע יסורים, האט זיך מרן זי"ע אנגערופן: "געטס מיר דעם טיליפ, ווייל איך גיי באזוכן דעם וויעליפאלי רבי אין זיין אכסניא". ווען מרן זי"ע איז אנגעקומען צו די אכסניא האט ער געטראפן רבי שלמה זלמן דאווענען קבלת שבת מיט גרויס ווייטאג. האט זיך מרן זי"ע אנגערופן צו אים און געזאגט: "נו, מ'האט דאך יעצט געזאגט ביים דאווענען י'שלח ד'ברו ו'ירפאם וואס די ראשי תיבות איז יד"ו,—האנט, א צדיק קען אויסהיילן מיט'ן כח פון זיינע הענט". און מרן זי"ע האט אריבער געפיהרט זיינע הענט אויף זיין גאנצן פארווייטאגטער קערפער, און ס'איז געווען א פלא! אין יעדער פלאץ ווי מרן זי"ע האט אריבער געפיהרט זיין האנט איז אויסגעהיילט געווארן, דערנאך האט מרן זי"ע געזאגט אז ער איז נאך נישט אינגאנצן אויסגעהיילט, אבער מארגן וועט ער שוין בעזרת ה' קענען קומען צו תפילת שחרית



די שטאט בעלזא

אין אונזער שוהל. און אזוי איז געווען, שבת אינדערפרי איז דער וויעליפאלע רבי געקומען געזונטערהייט אין שוהל, אהן קיין שום סימן פון א ברי. ווען דער הייליגער רוזשינער האט דאס געהערט, האט ער געזאגט: די סופי תיבות פון די דריי ווערטער, ישל**ח** דבר**ו** וירפא**ם**, איז "מו"ח". דער בעלזער רב ניצט זיך מיט די האנט און די ראשי תיבות, און אונז ניצן דעם קאפ דעם מוח און די סופי תיבות.

### היילן מיט'ן כח פון די תורה

דער פאלטיטשאנער רבי זצ"ל האט דערציילט: הרה"ק רבי שלום קאמינקא זי"ע, דער ראוער עילוי, א תלמיד פון מרן מהר"ש זי"ע, איז נאך די פטירה פונעם ראפשיצער רב, געקומען צום הייליג'ן רוזישנער זי"ע, האט ער אים רוזישנער געפרעגט: איך הער אז די וועלט שמועסט וועגן די מופתים וואס מ'זעהט אין בעלזא, וויל איך וויסן וואס פארא דרך איז דאס? האט הרה"ק רבי שלום קאמינקער געענטפערט: "מיין רבי מאכט נישט קיין מופתים, נאר וואס ער זאגן ארויס פון מויל, הערט דער באשעפער און ערפוהלט זיין בקשה. האט דער רוזישנער געפרעגט: "מיט וואס איז זיין כח אזוי גרויס? האט ער געענטפערט מיט'ן כח התורה, ווייל מיין רבי איז נישט משביע מיט קיין שמות, נאר מיט'ן כח התורה פועל'ט ער ישועות.

### די פאטשיילע איבער די אויגן

ווען **כ"ק מרן מהר"א זי"ע** איז אמאהל געווען אויף אפרוה אין באד-האמבורג, איז געקומען צן אים אן עלטערע פרוי מיט איהר זוהן, און דערציילט: איך האב נאך געקענט דעם רבי'נס עלטער זיידע (כ"ק מרן מהר"ש זי"ע). ווען איך בין געווען א קליין מיידל בין איך ליידער בלינד געווען ל"ע. אמאהל איז מרן זי"ע אריבער געפאהרן אונזער דארף און איינגעשטאנען ביי אונז אין שטוב. מיין פאטער איז אריינגעגאנגען צום צדיק בעהטן א ברכה וועגן מיין קראנקהייט. האט דער צדיק באפוילן פאר זיין משמש צו ברענגן זיין פאטשיילע (טיכל), און ער האט דאס אריבער געפיהרט אויף מיינע אויגן. באלד דערנאך האבן זיך מיינע אויגן געעפענט און איך האב אנגעהויבן צו זעהן גלייך ווי יעדער איינער. איך געדענק נאך אפילו אז דאס איז געווען א רויטע פאטשיילע מיט ווייסע רונדעס, און ברוינע פלעקן פון די טאביק וואס ער פלעגט שמעקן..מרן מהר"א זי"ע האט שטארק הנאה געהאט פון די מעשה, און איהר געבעהטן איבער דערציילן די מעשה דריי מאהל.

### געברענגט דאס בעט אין טאטן'ס צימער

דער סדר איז געווען אז ווען איינער פון די קינדער פון מרן מהר"ש זי"ע איז נישט געזונט געווארן, האט מען דאס קינד אריינגעברענגט מיט'ן בעטל אין צימער פון מרן זי"ע, ביז ער איז געזונט געווארן. אמאהל איז ר' אלעזר דער בכור פון מרן זי"ע נישט געזונט געווארן. און מ'האט אים אריינגעברענגט אין צימער. אינמיטן נאכט איז זיין פאטער צוגעגאנגען זעהן אויב ער שלאפט שוין. ר' אלעזר האט פארשטאנען אז ווארשיינלעך האט מרן זי"ע עפעס א באהאלטענע זאך, וואס ער וויל נישט אז זיין ער זאל דאס זעהן. האט ער זיך געמאכט ווי ער שלאפט, און ער זעהט ווי זיין פאטער זיצט ביים טיש איינגעבויגן מיט'ן קאפ. פלוצלינג זעהט ער ווי א זייער הויכער מענטש קומט אריין אין צימער, אנגעטוהן מיט אנדערע סארט קליידער ווי זיי. ער דערנענטערט זיך צו מרן זי"ע און זאגט אים עפעס אריין אין אויער, אזוי ווי איינער וואס פארלאנגט עפעס. אבער מרן זי"ע האט זיך נישט וויסנדיג געמאכט פון זיינע ווערטער, און געבליבן זיצן אויף זיין ארט ווי פריער מיט א פלאמעדיג פנים. יענער הויכער מענטש גיט נישט אויף. ער בייגט זיך נאכאמאהל צו, רעדט אריין אין אויער, אבער אויך דאס מאהל האט זיך מרן זי"ע נישט צו טוען געמאכט פון אים. אזוי האט זיך דאס איבער גע'חזר'ט עטליכע מאהל, ביז יענער מענטש האט זיך אויפגערעגט, און מיט א צארן האט ער פארלאזט דעם צימער צוקלאפענדיג די טיהר אונטער זיך. פון גרויס באגייסטערונג האט זיך די געזונט צושטאנר פון ר' אלעזר פארערגערט, ביז זיין פאטער האט אים געפרעגט פארוואס ער שפיהרט זיך שלעכט? האט ער דערציילט אלעס וואס ער האט געזעהן אינמיטן די נאכט, אז ס'האט אים אנגעכאפט א ציטער און א שרעק זייט יענע מורא'ריגע ערשיינונג. האט אים מרן זי"ע בארוהיגט אז ער זאל נישט ציטערן, און ער האט אים דערציילט די גאנצע געשעהעניש: יענער איז נישט געווען קיין אנדערע ווי דער ס"מ (שטן) אליין. ער האט מיר געוואלט איינרעדן אז יעצט איז א פאסיגע צייט וואס טרעפט זיך זייער ווייניג, אז משיח זאל קומען. אבער אין הימל ווארט מען נאר אויף מייו צושטימונג. איך האב אבער נישט צוגעשטימט צו דעם. ווייל אויב משיח וואלט יעצט געקומען, וואלט דאס

<<<<<

<<<<<

געוועז דורך גרויסע צרות און ווייטאג, און מ'וואלט געדארפט טרעטן אין אידיש בלוט ביז צו די קניען. און מיר זענען דאך מתפלל: ולירושלים עירך "ברחמים" תשוב, משיח זאל קומען נאר דורך רחמים און חסדים.

## "געהאט א גאנצע רפואה"...

הרה"ק רבי שלו' קאמינקער איז אסאך געפאהרן צו מרן מהר"ש זי"ע און זיך געהאלטן פאר א חסיד. אמאהל איז ער ר"ל געלעהמט געווארן (באקומען א סטראוק) און ער האט נישט געקענט באוועגן זיין קערפער. האט ער געשיקט א שליח צו מרן זי"ע אז ער וויל קומען קיין בעלזא געהאלפן צו ווערן מיט א רפו"ש. (אזוי ווי מרן זי"ע איז געווען באוואוסט צו קענען היילן אזעלכע קרענק), האט מרן זי"ע צוריק געענטפערט אז דערווייל האט ער נאכגישט פאר אים א רפואה, און ווען ער וועט האבן, וועט ער שיקן רופן ער זאל צו אים קומען.

נאך א שטיק צייט האט מרן זי"ע געשיקט א שליח צום קאמינקא רב, אז ער זאל קומען קיין בעלזא. און ווען דער קאמינקא איז שוין געווען אויפ'ן וועג קיין בעלזא, איז דערווייל אנגעקומען א וועגעלע קיין בעלזא מיט א איד פון לעמבערג וואס איז געליגן געלעהמט ווי א קלאץ האלץ און זיך נישט געקענט באוועגן, און מ'האט דעם איד אריינגעטראגן צו מרן זי"ע אין שטוב. מרן זי"ע האט געהייסן מ'זאל דעם איד אוועק זעצן אויף א בענקעל וויפוהל מ'קען. האט מען דעם איד אוועק געזעצט אנגעלאנט אויפ'ן בענקעל פון מרן זי"ע, ווייל ער האט נישט געקענט זיצן. מרן זי"ע האט באפוילן אז יעדער זאל ארויס גיין פון צימער. ווען אלע זענען ארויס האט מרן זי"ע גענומען שפרייזן אין צימער אהין און צוריק צוקאכט. דערנאך איז ער צוגעגאנגען צום קראנקן און מיט זיינע הייליגע הענט געטאפט אויף איין אבר פונעם קראנקען, און ווייטער גענומען שפרייזן דעם צימער, און ער איז נאכאמאהל צוגעגאנגען צום קראנקען און מיט זיינע הייליגע הענט געטאפט אן אנדערן אבר, און אזוי די גאנצע צייט. נאך א שטיק צייט האט מען געזעהן דעם קראנקען ארויסקומען פונעם צימער געזונט אויפ'ן גאנצען קערפער, אהן מ'זאל אים דארפן אונטערהאלטן.

נאך עטליכע שעה איז דער קאמינקא רב אהנגעקומען מיט א וועגעלע קיין בעלזא און מ'האט אים אריינגעפיהרט צו מרן מהר"ש זי"ע אין צימער. האט זיך מרן זי"ע פאר אים מתנצל געווען אז ערשט איז דא געווען א איד (וואס האט אייך געפעדערט), און ער האט פאר אים גע'פועל'ט א רפואה, דעריבער קען ער אים אצינד נישט העלפן. אבער מרן זי"ע האט אים געהייסן בלייבן אויף שבת. ס'איז געווען פ' יתרו, און שבת קודש האט מען געבענגט דעם קאמינקא אין ביהמ"ד אויף א בעטל. ביי קריאת התורה האט מרן זי"ע געהייסן מ'זאל מכבד זיין דעם קאמינקא רב מיט די עלי' פון לוי. מרן זי"ע האט געלייענט אין די ספר תורה, און ווען ער איז אנגעקומען צום פסוק "וצוך אלקים ויכלת עמוד",—האט זיך מרן זי"ע צוגעבויגן צום קאמינקא רב און הויעך געלייענט די ווערטער פון "**וצוך אלקים ויכלת עמוד**",—באלד דערנאך איז דער קאמינקא רב אויפגעשטאנען, און געזונט געווארן, און נאך שבת איז ער צוריק אהיים געפאהרן.

## אויסהיילן קראנקע מיט די פינגער

צו מרן זי"ע איז אמאהל געקומען אן אייניקל פון רבי ר' ברוך'ל פון מעזיבוז, און געזיצן אין בעלזא א לענגערע צייט. איין טאג זעהט ער ווי ס'קומט אריין צו מרן זי"ע א מאן און א פרוי' האלטנדיג אין זייער האנט א יונג מיידל וואס איז נעבעך געווען שטים, און די דאקטורים האבן איר נישט געקענט היילן. מרן זי"ע האט אריבער געפיהרט זיינע צוויי הענט אויף איר מויל, און זי האט אנגעהויבן צו רעדן נארמאל. האט זיך אנגערופן רבי ר' ברוך'לס אייניקל: "אויב איך וואלט דאס געקענט טוען, וואלט איך פארדינט א סאך געלט"! האט אים מרן זי"ע געזאגט: "גלויב מיר אז איך מאך גארנישט אליין. נאר ווען איך בין געווען וואַך טויזענט נעכט און געלערנט תורה מיט התמדה, האב איך אין



די שטאט בעלזא די שוהל ווערט געזעהן די העכסטע

די לעצטע נאכט געבעהטן דעם באשעפער 'רבונו של עולם! דו ווייסט דאך אז איך האב גארנישט געטוען פאר מיין כבוד, נאר געלערנט תורה לשמה'. דערפאר בעהט איך דיר, אז אין דעם זכות פון האלטן מיינע צוויי פינגער אויף די גמרא ביים לערנען, זאל איך באקומען א הייליג'ן כח, אז איך זאל קענען אויסהיילן קראנקע אידן דורך אנטאפן די קרענק מיט די פינגער!

## אין זכות פון מצות ציצית

אמאהל האט אויסגעבראכן א אנשטעקיגע קראנקהייט אין א שטאט, האט מרן זי"ע געהייסן פאר הרה"ק רבי יעקב משה מהובניב זצ"ל (בן הרה"ק רבי שרגא פייוויש מהובניב זי"ע) אז ער זאל גיין בודק זיין די ציצית פון יעדן איינעם אלס א סגולה, און מרן זי"ע פרעגט אים "אוודאי ווילסטו אויך בודק זיין מיינע ציצית, און אזוי אויפגעהויבן זיינע ציצית און געזאגט איך האב כשר'ע ציצית, און מרן זי"ע האט זיך ספעציעל אויסגעדריקט אז ער איז מקפיד צו טוישן די ציצית נאר ווען זיי רייסן זיך אפ, און נישט לחומרא, און דאס האט ער געמיינט "אז ער האט כשר'ע ציצית".

## אז מ'זינדיגט נישט...

דער "ייטב לב" איז אמאהל געווען מיט זיין ברודער רבי שמואל פון גארליץ ביי מרן מהר"ש זי"ע, און ער האט געזעהן ווי מ'ברענגט א מענטש וואס האט נישט געקענט גיין אויף די פיס, און מרן זי"ע האט ארויף געלייגט זיינע הייליגע הענט אויפ'ן קראנקען און דער איד איז אויסגעהיילט געווארן, און ארויס פון דארט א געזינטער מענטש, האט דער "ייטב לב" מיט זיין ברודער רבי שמואל אנגעהויבן צו וויינען פון גרויס התרגשות, אז זיי האבן מיט די אייגענע אויגן געזעהן אזעלכע וואונדער. ווען מרן זי"ע האט געזעהן ווי זיי וויינען, האט ער זיי געזאגט: "**ס'איז נישט קיין חידוש וואס איך האב געטוען, ווייל אז מ'זינדיגט נישט, איז וואס מ'האט געזאגט איז געזאגט, און מ'האט געטוען איז געטוען**".

## קדושת התורה היילט...

אמאהל איז איינע פון די אייניקלעך פון רבי ר' ברוך פון מעזיבוז זי"ע געקומען קיין בעלזא צו מרן מהר"ש זי"ע, אבער אויפן וועג האט ער געהאט גרויסע עיכובים און אסאך מניעות האבן אים געטראפן, ווען דער וואגן האט זיך צובראכן די פערד זענען געשטארבן און דאס גלייכן, ביז ער איז ענדליך אנגעקומען קיין בעלזא. זייענדיג אין בעלזא האט ער געזעהן ווי מרן זי"ע גייט לאנגזאם צום דאווענען אין די שוהל, אבער ווען מרן זי"ע איז אהיים געגאנגען פון שוהל, איז ער געלאפן. ס'איז אים געווען א פלא, ווייל מצד הדין דארף זיין פארקעהרט, מ'דארף זיך יאגן צום בית הכנסת און גיין לאנזאם אויפן וועג אהיים. זייענדיג אינעוויינינג בקודש פנימה, האט ער געזאגט פאר מרן זי"ע אז ער וויל פרעגן דריי שאלות, און ער האט באקומען רשות. האט ער געפרעגט: **א**) פארוואס האט ער געהאט אזעלכע שטארקע און אינטערעסאנטע שטערינגען אויפן וועג קומענדיג קיין בעלזא; **ב**) פארוואס ווען דער רבי גייט אין שוהל צום דאווענען גייט ער שטאט, און אויפ'ן וועג אהיים לויפט ער; **ג**) איך האב געזעהן אז ווען דער רבי היילט אויס קראנקע לייגט ער די צוויי פינגערס, די אמה און אצבע, אויפ'ן קראנקן פלאץ. פארוואס פינקט די צוויי פינגערס?.

האט אים מרן זי"ע געענטפערט אויף די ערשטע שאלה: ווען מ'האט אנגעהויבן צו דריקן די סידורים צום דאווענען, האבן די דריקערס נישט געוואוסט ווי אזוי צו שרייבן די שם ה', ווייל אז מ'וועט דריקן אזוי ווי מ'זאגט דאס קען דאס קומען צו א בזיון, האבן די רבנים גע'פסק'ענט אז מ'וועט שרייבן דעם שם מיט די צוויי אותיות יוד. קומט אויס אז ווען צוויי אידן נעמען זיך צוזאמען ווערט דורכדעם א יחוד פונעם שם ה', און דערפאר פארלייגט זיך דער בעל דבר צוריק צו האלטן צוויי אידן זאלן זיך נישט צוזאמען טרעפן, איז דאס די סיבה אז ס'איז דיר אזוי שווער אנגעקומען די קומען אהער. אויף די צווייטע שאלה האט אים מרן זי"ע געזאגט: אויפן וועג צום בית הכנסת קומען אסאך נשמות בעהטן א תיקון, און איך קען זיי נישט אפזאגן, איז דאס די סיבה אז איך גיי אזוי לאנגזאם, אבער ווען איך קום צוריק פון דאווענען האב איך נישט קיין ברירה, ווייל ווען איך וועל מיך נישט יאגן וועל איך נישט אנקומען אהיים ביז ביינאכט. און אויף די דריטע שאלה: איז דאך באקאנט אז די רמ"ח מצוות זענען אקעגן די רמ"ח איברים וואס א מענטש האט, און ווען חלילה ער זינדיגט אויף איינע פון זיינע איברים האט ער נישט די מצוה וואס שיצט דעם אבר, און אזוי ווי איך טייטל ביים לערנען מיט די צוויי פינגערס, און איך פיהר זיי אריבער אויף די הייליגע אותיות, איז דא אויף זיי די קדושת התורה וואס איז אין איר אריין גערעכנט אלע מצוות, פארדעם פיהר איך אריבער די צוויי פינגערס אויף די ווייטאג, און דער אור התורה באלייכט און פארעכט דעם פגם פון די מצוה וואס

<<<<<

# כ"ק מרן מהר"ש מבעלזא זי"ע ועכי"א • כ"ז אלול תרט"ו •

<<<<<

איז קעגן יענער אבר און אזוי היילט ער זיך אויס.

ஐ

## • בית הכנסת המפורסם •

### א צובראכן הארץ, ברענגט שלימות....

ווען כ"ק מרן מהר"ש זי"ע האט באנייט די הייליגע בעלזער שוהל, האט זיך אין זיין דרשה דערהערט א טאן פון שפלות און צובראכנקייט, ווי ער איז זיך מתנצל מיט א צובראכן הארץ אז די גאנצע ארבעט וואס ער האט אריינגעלייגט צו בויען די הייליגע שוהל האט געקענט געטוען ווערן מיט מער קדושה און מיט מער שלמות. די גדולי התלמידים הערנ'דיג אזעלכע רייד זענען אויפגעטרייסלט געווארן, ווייל זיי האבן דאך געוואוסט



כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א איז מתפלל אויפ'ן בית החיים אין די שטאט בעלזא

וויפיהל קדושה וטהרה מרן זי"ע האט אריינגעלייגט אין יעדן פרט ופרט ביים בויען די שוהל. זייער הארץ איז געווארן אזוי צובראכן אז האבן איסגעבראכן אין א יאמערליכ'ן געוויין, טראכטנ'דיג ביי זיך, אז אויב מרן זי"ע זאגט אזוי, וואס זאלן מיר שוין זאגן? אבער מרן זי"ע זעהענ'דיג זייער צובראכן הארץ און געוויין האט זיי געוואלט מפייס און מחזק זיין האט ער זיי געזאגט אזוי: "געוועהנליך ווען א מענטש טוהט א מצוה קען ער דאס נישט טוען בשלמות ווי ס'דארף צו זיין, אפילו ווען ער זאל מאכן די ריכטיגע הכנות און משיג זיין די כוונות, וועט דאס זיין ווייט פון געטוען ווערן בשלימות. די איינציגע וועג דאס צו קענען ערפוהלן און טוען דעם רצון ה' איז מיט א צובראכן הארץ, וואס דאס איז א סגולה אז די מצוה זאל זיין בשלימות. און דאס געפונען מיר ווען די אידן האבן געענדיגט בויען דעם משכן האט זיי משה רבינו געבענטשט (רש"י פקודי לט:מג) 'יהי רצון שתשרה שכינה במעשי ידיכם, ויהי נועם ה' אלוקינו עלינו ומעשה ידנו כוננה עלינו ומעשה ידינו כוננהו'. דארף מען פארשטיין, פארוואס האט משה רבינו געדאפלט זיינע ווערטער 'ומעשה ידנו כוננה עלינו, ומעשה ידינו כוננהו'? נאר ווען די אידן האבן געענדיגט בויען דעם משכן האבן זיי זיך געמאכט א חשבון הנפש אז זיי האבן זיך געקענט מער אנשטרענגן און אויפשטעלן דעם משכן מיט גרעסערע מדרגות און מער שלימות. האט משה רבינו געזעהן זייער צובראכן הארץ, האט ער זיי געזאגט אז ביים באשעפער ווערט גערעכנט זייער שפלות און זייער צובראכן הארץ, ווי זיי וואלטן נאכמאהל געבויעט דעם משכן מיט גרעסערע השגות און שלימות, און דאס איז געווען זיין כוונה מיט וואס ער האט זיי געבענטשט, 'ומעשה ידנו כוננה עלינו'—דאס איז געווען פאר'ן בויען דעם משכן בפועל. 'ומעשה ידינו כוננהו'—דאס איז געווען פאר זייער צובראכן הארץ וואס ביים באשעפער ווערט דאס גערעכנט ווי זיי האבן געטוען די גאנצע ארבעט פונעם משכן מיט'ן ריכטיג'ן שלימות. *(ספר "יחיד בדורו" עמ' תשכ"ח)*

### געלערנט מיט אליהו הנביא הלכות בית הכנסת

ס'איז מקובל, אז מרן זי"ע איז געווען אויף טויזענט נעכט נאכאנאנד. אין די לעצטע נאכט האט ער זוכה געווען צו גילוי אליהו הנביא ז"ל, און אליהו הנביא האט מיט אים געלערנט הלכות בית הכנסת. דעמאלט האט מרן זי"ע פארשטאנען דעם רמז, אז פון הימל וויל מען אז ער זאל בויען א שוהל.

א גרויסע און הייליגע עבודה האט מרן זי"ע אריינגעלייגט ביים בויען די שוהל. זאגנדיג, אז ער האט געזארגט אז פון זיין שוהל ביז'ן מקום המקדש אין ירושלים זאל נישט שטיין אין וועג קיין שום טמא'נע זאך אדער צלם. די גאנצע ארבעט פון בויען די שוהל, איז געמאכט געווארן מיט קדושה און טהרה דורך אידישע בוי-ארבייטערס, אונטער דעם שטענדיגן אויפזוכט פון מרן זי"ע. די התלהבות און שמחה וואס האט געהערשט ביי יעדן אין הארץ בשעת'ן בויען, איז געווען געוואלדיג גרויס. מרן זי"ע האט אויך אליין געארבעט מיט די ציגל און צעמענט. און זעהענדיג ווי מרן זי"ע קוקט נישט אויף זיין כבוד און ארבעט אליין, האבן די ארבייטער אויך אנגעכאפט א חשק צו ארבעטן פלייסיג און מיט איבערגעגעבנקייט, און נישט נאר די איינוואוינער פון בעלזא און בעלזער חסידים האבן צוצוהעלפן צו בויען די שוהל, נאר אויך אידן וואס זענען אדורך געפאהרן בעלזא, זענען געלאדענט געווארן דורך מרן זי"ע צו נעמען אן אנטייל אינעם בויען. אין יאהר תר"ג האט מען מיט גרויס פראכט און פאמפע זוכה געווען צו פייערן דעם חנוכת הבית פון די הייליגע שוהל וואס איז געבויט געווארן ווי א קעניגליכע פעסטונג. מרן זי"ע האט געהאט א ספעציעלע כוונה איבער צו לאזן א טייל פונעם בויען פאר זיינע קינדער און אייניקלעך. און אלע בעלזער צדיקים האבן עפעס צוגעלייגט אדער צוגעענדיגט אינעם בויען. די שוהל איז געשטאנען ביז צו די צווייטע וועלט קריג, ווען די דייטשע רשעים ימ"ש, מיט די הילף פון די פארשאלטענע אוקראיינער גוים ימ"ש האבן דאס גענצליך פארניכטעט.

ஐ

## • הסתלקות לשמי מרום •

נאכדעם וואס מרן זי"ע האט זוכה געווען אויפצוהויבן דעם הייליגע פאָהן פון תורת הבעש"ט זי"ע אין גאליציע און אין פוילן, און געפיהרט מלחמות איבער פערציג יאהר קעגן די משכילים וואס האבן געלאקערט אריינצודרינגען אינעם כרם בית ישראל מיט זייערע בייזע ווינטן ברוחניות ובגשמיות, האט מרן זי"ע צוריק געקעהרט זיין נשמה, ז"ך אלול תרט"ו, צום כסא הכבוד לויטער און ריין אזוי ווי ער האט זי באקומען.

### 'ה' עשקה לי ערבני'

רבי העניך דיין פון די שטאט בעלזא, וואס איז געווען ביי די פטירה פון מרן מהר"ש זי"ע האט דערציילט: "אנדערטהאלבן שעה פאר זיין פטירה, האט מרן זי"ע געזאגט דעם פסוק **'ה' עשקה לי ערבני'**, און מרן זי"ע האט ערקלעהרט אז ווען מ'האט מיר געזאגט אז ס'איז באשטימט געווארן אז מיין נשמה דארף אראפצוגיין אויף די וועלט, האב איך געזאגט, 'ניין, איך וויל נישט, ווייל איך האב מורא אז איך וועל דורכפאלן אין די וועלט. האט מען מיר געוויזן פון הימל די באלוינונג פון די מצוות וואס איך וועל מקיים זיין אויף די וועלט. פונדעסטוועגן האב איך געזאגט, 'איך דארף נישט זיי, און נישט זייער באלוינונג.' האט מען מיר געוויזן וויפיהל טויזנטער פארלאזטע און פארוואוגלטע נשמות וואלגערן זיך אוןווארטן איך זאל אראפקומען אויף די וועלט זיי מתקן צו



די מציבה אויפ'ן אויפ'ן בית החיים אין די שטאט בעלזא

זיין, פונדעסטוועגן האב איך געזאָגט, 'ניין, ווייל איך האָב מורא פאר מיין נשמה, אז דער קלקול וועט זיין מער ווי דער תיקון". ביז דער באשעפער אליין האט מיר געהאַפט, אַז איך וועל אַריין קומען בשלום אין די וועלט און איך וועל אוועק גיין בשלום פון די וועלט. און מרן זי"ע האט געטייטשט דעם פסוק **'ה' עשקה'** צוליעב די פארלאזטע נשמות וואס וואלגערן זיך נע ונד אהן א תיקון, **'לי ערבני'**, איז דער באשעפער געווען אן ערב, און מיר געהאפט אויף דעם, בעהט איך דיר באשעפער זיי מקיים דיין ערבות. און מיט די ווערטער איז מרן זי"ע נפטר געווארן.

בנו וממלא מקומו, כ"ק מרן רבי יהושע (מהר"י) זי"ע, האט געזאגט ביי די לוי': אזוי ווי דער טאטע זי"ע איז געווען א שליח ציבור אויף די וועלט, אזוי איז ער אויך אויסגעקליבן געווארן צו זיין דער שליח ציבור אין עולם העליון. ער איז נסתלק געווארן דריי טעג פאר ראש השנה, ווייל א בעל תפילה דארף זיך אפשיידן דריי טעג פאר ראש השנה, און זיך גרייטן מיט אלע כוונות התפילה.

**השי"ת זאל אונז העלפן, מיר זאלן אלע קענען גיין אין זיינע דרכים און זיך באהעפטן אין זיינע מעשים, ס'זאל מקויים ווערן זיין הבטחה: "בעלזא וועט זיין א ווינקל פאר תורה און יראת שמים ביז משיח וועט קומען"! און מיר זאלן בקרוב זוכה זיין אקעגן צו גיין משיח צדקינו בראשות ממשיך דרכו הק', כ"ק מרן רבינו שליט"א, במהרה בימינו אמן!!**

***זכותו הגדול וכל הצדיקים תגן עלינו ועל כל ישראל אמן***

ஐ





## מאוצרות רבוה"ק מבעלזא

# שבת סליחות

### • אז מ'זאגט נאר ארויס די צוויי ווערטער "שבת סליחות" איז שוין גענוג

אזוי ווי כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א האט אמאהל געזאגט בתוך דברי קדשו 'שבת סליחות': **"אז מ'זאגט נאר ארויס די צוויי ווערטער, 'שבת סליחות' איז שוין גענוג אז ס'כאפט אהן א ציטער"!**

און אזוי ווערט געברענגט אין די ספרים הקדושים, און ס'איז געווען מרגלא בפומיה פון כ"ק מרן מהר"א זי"ע, בשם אביו כ"ק מרן מהרי"ד זי"ע, אז ס'איז מקובל בשם הרה"ק רבי ר' בער פון מעזריטש זי"ע, אז אלע ימים טובים וואס געפאלן אינמיטן די וואך, הויבט שוין אהן זייער קדושה צו שפראצן פונעם שבת קודש פריער, ווייל "כל ברכאן דלעילא ותתא ביומא שביעאה תליין, (זוה"ק יתרו פח:א) קומט אויס לויט דעם אז 'שבת סליחות' איז שוין אין א וועג ווי א 'ראש השנה' [עיין בספה"ק 'באר מים חיים' פ' נצבים].

דעריבער האבן שוין פון "שבת סליחות", אנגעהויבן קומען קיין בעלזא טויזנטער חסידים ואנשי מעשה, להסתופף בצל רבוה"ק אין דעם געהויבענעם שבת. ובראשם צענדליגע רבנים ויושבי על מדין, מורי הוראה און מנהיגי קהלות בישראל, וואס טייל פון זיי זענען אפילו נישט געבליבן אויפ'ן גאנצן חודש דער 'ירח האיתנים' אין בעלזא, ווייל זיי האבן געדינט אלס בעלי תפילה און בעלי תקועה אין זייערע וואוינערטער, אבער אויפ'ן "שבת סליחות" אין בעלזא האבן זיי נישט געוואלט מוותר זיין. *("מועדי קדשיך" עמוד קנד-קנה*

### • די בעלי תפילה זענען שוין געקומען אויף שבת סליחות

**"די בעלי תפילה בצל הקודש בעלזא, וואס האבן נישט געוואוינט אין די שטאט בעלזא, האבן זיך שוין מקדים געווען און געקומען צופאהרן אויף "שבת סליחות"**. אזוי האט מרן זי"ע געזאגט פאר'ן באקאנטער בעל תפילה ר' אברהם לייב ברגופן ז"ל ווען ער האט זיך אין שנת תש"י מקדים געווען צו קומען קיין ירושלים שוין אויף "שבת סליחות" להסתופף בצל הקודש, אלס דער בעל תפילה בהיכל קדשו פון מרן זי"ע, אנגעהויבן פון די ימי נוראים פון שנת תשי"א. ווען מרן זי"ע האט אים געזעהן האט ער אים געזאגט מיט אן אפענע פרייד, "בעלי תפילות אין בעלזא זענען שוין געקומען אויף "שבת סליחות", און אויך האט אים מרן זי"ע געזאגט: "דעם שבת בין איך די נישט מכבד צו דאווענען פאר'ן עמוד".




יוֹשְׁבֵי בֵיתֶךָ עוֹד יְהַלְלוּךָ סֶּלָה: אַשְׁרֵי הָעָם שֶׁכָּכָה לּוֹ אַשְׁרֵי הָעָם שֶׁ–ה' אֱלֹקָיו:

*ס'איז מערקווירדיג: "שבת סליחות" פרייטאג צו נאכט'ס האט כ"ק מרן מהר"א זי"ע געהייסן מ'זאל זינגען "לכה דודי", אזוי ווי מ'האט זיך געפיהרט יעדן "שיינעם שבת". דער בעל תפילה הרה"ח ר' אברהם לייב ברגופן ז"ל, האט דערציילט: אין יאהר תש"ח, "שבת סליחות" האט מרן זי"ע מכבד געווען דעם נאראלער רב זצ"ל צו דאווענען קבלת שבת פאר'ן עמוד, און איידער מ'האט אנגעהויבן דאווענען, האט מרן זי"ע געזאגט: "אברהם לייב דו וועסט אונטערהאלטן".*

און אויב גאנץ חודש אלול האבן אידן מפשפש געווען במעשים און זיך פאסיג געגרייט צו די ימים הנוראים, איז דאס התעוררות צו די 'הייליגע טעג' פון 'שבת סליחות' געווען פיהלפאכיג.

### • ביי 'מן המיצר' איז שוין אביסל צו שפעהט

**כ"ק מרן מהרי"ד מבעלזא זי"ע** האט אמאהל אין חודש אלול געפרעגט איינע פון די משמשים ר' שמואל צאלעם ז"ל ווען ער ווערט נתעורר צו תשובה, פאר חשבון הנפש ותיקון המעשים? האט ר' שמואל געענטפערט מיט א תמימות: "ווען דער רבי זאגט "מן המיצר" פאר תקיעת שופר, דעמאלט ווערט ער נתעורר צו תשובה". האט אים מרן זי"ע געזאגט: "שמואל! ביי "מן המיצר" איז שוין אביסל צו שפעט!" בפשטות איז די כוונה געווען אז ער דארף שוין נתעורר ווערן צו תשובה אין חודש אלול, און נישט ווארטן ביז תקיעת שופר אינעם יום הדין. אבער חסידים האבן ערקלעהרט די כוונה פון מרן זי"ע: אז א איד דארף תשובה טוען ווען ס'איז בהרחבה אלעס איז אים גוט ב"ה, און נישט ווארטן מיט תשובה טוען "מן המיצר",—ווען ער ליידט ח"ו פון ענגשאפט און ס'דריקט אים פון צרות ח"ו, וואס דעמאלט איז שוין אביסל צו שפעט.

### • אויף וועמען פארלאזט זיך דער רב?

אמאהל איז **כ"ק מרן מהרי"ד מבעלזא זי"ע** אריינגעקומען פארטאג'ס אין בית המדרש צו סליחות און געטראפן נאר די יושבים וואס זענען געזיצן און געלערנט און זיך געגרייט מיט אן הכנה דרבה צו זאגן סליחות. האט מרן זי"ע געפרעגט: ווי זענען די בעלי בתים און די אנדערע אידן פארוואס זענען זיי נאכנישט דא אין בית המדרש? מען זאגט דאך שוין באלד סליחות און זיי זענען נאכנישט געקומען לערנען? ווי אזוי טוהט מען אזא זאך? אבער באלד האט מרן זי"ע אויף זיי ממליץ געווען און געזאגט: "דער אמת איז אז זיי ווייסן אליין אז מ'דארף אויפשטיין פארטאג'ס צו סליחות און דאווענען צום באשעפער, און זיי האבן דערצו א גאר שטארקן ווילן. אבער יעדער ווייסט דאך זיין ביטער הארץ, וויאזוי מ'האט אפגעפיהרט דאס גאנצע יאהר, און דאס הארץ ווערט אזש צובראכן, און פון גרויס ווייטאג קען מען נישט אויפשטיין און מ'בלייבט ווייטער שלאפן. אבער סוף כל סוף שטייען זיי אויף, ווייל זיי טראכטן אז דער רבי וועט שוין פאר זיי תשובה טוען, און אויך זייערע הרהורי תשובה וועט דער רבי שוין מעלה זיין צום הימל, אבער, האט מרן זי"ע געקרעכצט און געוויינט, **"די שטאט'ס מענשטן פארלאזן זיך אויפ'ן רבי'ן, אבער אויף וועמען פארלאזט זיך דער רבי?...."**

<<<<<<<

## מאוצרות הצדיקים

## שבת סליחות

### • סליחות מתוך שמחה של מצוה

• **'לקט יושר'** בשם **'תרומת הדשן'**: שבת איז דער בן זוג פון די תורה, דערפאר הויבן מיר אן באלד נאך שבת צו זאגן סליחות ווען מיר האבן נאך די שמחה פון די תורה וואס מיר האבן געלערענט אין שבת, און אויך האבן מיר נאך שמחה פון עונג שבת, און די גמרא (שבת ל:) זאגט אז די שכינה רוהט אויף א מענטש נאר ווען ער האט שמחה פון א מצוה, און מיט די שמחה הויבן מיר אן צו זאגן סליחות.

### • אל תשליכנו לעת זקנה (סליחות)

• **"דברי יחזקאל"**: אין זוהר הק' שטייט אויפ'ן פסוק "ואברהם זקן בא בימים",—אברהם איז געקומען מיט אלע טעג, זיינע טעג זענען געווען גאנץ, יעדער טאג האט עדות געזאגט אויף די מעשים טובים וואס ער האט געטוען יענעם טאג, און ס'האט אים קיין איין טאג נישט געפעהלט אין זיין לעבן, אבער ח"ו ווען א מענטש זינדיגט, פארליהרט ער טעג פון זיין לעבן. קומט אויס אז ס'קען אמאהל זיין א מענטש וואס ער איז טאקע א זקן, אבער ער האט ווייניג טעג. דאס בעהטן מיר ביים באשעפער "אל תשליכנו 'לעת' זקנה",—פארווארף אונז נישט צו א צייט פון זקנה, אין מיר זאלן ח"ו נישט האבן די פארפוהלטע טעג מיט זיך.

### • וסלחת לעווננו כי רב הוא (סליחות)

מ'דארף פארשטיין וואס איז אונזער טענה צום באשעפער, אז ער זאל אונז מוחל זיין ווייל אונזערע זינד זענען פיהל, אדרבה אויב אונזערע זינד זענען פיהל איז דאך געוויס שווערער מוחל צו זיין אויף די עבירות. קען מען זאגן פשט אז מיר בעטן ביים באשעפער זיי אונז מוחל אויף די עבירות כי "רב" היא, ווייל די הלכה איז אזוי ווי רב, וואס ער האלט אז מודה בקנס ואחר כך באו עדים איז פטור, און וויבאלד מיר זענען זיך מודה אויף אונזערע עבירות. זאלסטו שוין מער נישט אויס הערן די עדות פונעם קטיגור. *(האר"י הקדוש)*

# זיך גוט צוגרייטן צו די הייליגע טעג

דער הייליגער 'דברי חיים' פון צאנז זי"ע האט געזאגט א געוואלדיגע משל אויף די עבודה פון די טעג: ס'איז געווען א מענטש וואס האט געהאט א קלוגע און געשיקטע 'קעכערין', וואס ווען זי האט געדארפט קאכן, האט זי שוין אלעס צוגרייטן א טאג פריער. זי האט צוגעגרייט די האלץ צו הייצן דער אויוון, גוט אויסגערייניגט דער אויוון ס' זאל זיין ריין, אפגעוואשן אלע געשיר וואס זי וועט דארפן נוצן מארגן צום קאכן, אפגעשיילט און צושניטן אלע מאכלים, און צומארגנ'ס ווען זי האט שוין געדארפט גיין קאכן, איז אלעס געווען גרייט, און זי האט אלעס שנעל אפגעקאכט און געהאט זייער א גוטע טעם און ריח.



ס' איז געווען א צווייטער מענטש, וואס האט געהאט א נארישע קעכערין, א פוילע און א שלימזל'טע, און זי האט אלעס איבערגעלאזט אויף מארגן. צומארגנס ווען זי האט זיך אויפגעוועקט, האט זי געטראכט ביי זיך: מ'קען נאך שלאפן אביסל, און נאר ווען ס'איז שוין געווארן שפעט האט זי געטראכט: שוין, מ'דארף אויפשטיין, און נאר דעמאלט האט זי אנגעהויבן אלעס צוצוגרייטן. די העלצער, רייניגן דער אויוון, אפוואשן און אפשיילן און קאכן. אלעס האט זי געטוען זייער שנעל, אבער די העלצער זענען נישט געווען גוט, דער אויוון נישט גוט געהייצט, די מאכלים זענען נישט געווען גרייט אזויווי ס' דארף צו זיין, און די עסן האט נישט געהאט קיין טעם און קיין ריח.

דער נמשל איז: ווען א איד גרייט זיך אין חודש אלול צום חודש תשרי, האט דער חודש אן אנדערע טעם, די תשובה האט אן אנדערע טעם, דאס דאווענען האט אן אנדערע טעם, און די מצוות האבן אן אנדערע טעם, און אלעס איז אינגאנצן אנדערש; אבער אויב איינער איז פויל, און ער לאזט אלעס איבער אויף ראש השנה, דעמאלט איז דער תקיעת שופר נישט אזויווי ס'דארף צו זיין, די תשובה איז נישט קיין תשובה, דאס דאווענען איז נישט קיין דאווענען... אוודאי אלעס איז חשוב ביים באשעפער וויאזוי ס'איז נאר, אבער נישט דאס איז דער תכלית, דער תכלית איז אז א איד זאל זיך גוט צוגרייטן, אז ווען ס'קומען די הייליגע טעג זאל ער קענען דינען דעם באשעפער און מקיים זיין אלע מצוות אזויווי ס'דארף צו זיין, און אלעס וועט האבן אן אנדערע טעם. *(סעודה ג' פ' כי תבוא תשס"ז)*

### • מעביר ראשון ראשון. (סליחות)

מיר זאגן ביי די סליחות "מעביר ראשון ראשון",—דער באשעפער פיהרט אוועק די זינד פון זיך, און ער איז נישט "מכלה"—ער פארלענדט נישט די זינד, ווייל די גמרא (יומא פו:) זאגט: אז אויב מ'טוהט תשובה מאהבה, פון ליעבשאפט צום באשעפער, ווערן די זדונות איבערגעקערט צו זכיות. דעריבער זאגן מיר "מעביר" ראשון ראשון,—דער באשעפער פיהרט אוועק פון דער וועלט די זינד, און פארלענדעט זיי נישט, ער האלט זיי אין א ספעציעלן היכל, כדי ווען א איד וועט תשובה טוען מאהבה, וועט ער נעמען זיינע זינד, און זיי רעכענען פאר זכיות. *(הרה"ק רבי אברהם מסלאנים זצוק"ל, בעל "באר אברהם")*

### • אין וועלכע מדריגה דו ביזט... (סליחות)

• **בעל שם טוב הק' זי"ע** : "ובקשתם **משם** את ה' אלקיך"—פון דארט, אין וועלכע מדריגה דו ביזט, זאלסטו זוכן דעם באשעפער. "**ומצאת כי תדרשנו**"—און ווען דו וועסט אים אמת'דיג זוכן, וועסטו אים טרעפן, אין סיי וועלכע מדרגה דו

ווערט זיך געפונען.

### • מעביר ראשון ראשון. (סליחות)

**"קדושת לוי":** די הארבסטע זינד פונעם מענטש, איז זיין ערשטער זינד וואס ער טוהט. ווייל די שפעטער'דיגע זינד זענען שוין א המשך פון די פריער'דיגע זינד, ווייל די גמרא זאגט "עבר ושנה נעשה לו כהיתר". דעריבער בעהטן מיר, "מעביר ראשון ראשון"—דער באשעפער זאל צוערשט אוועקנעמען און אפמעקן די ערשטע זינד, וועלן די שפעטער'דיגע זינד שוין ממילא אוועק פאלן.

### • "ביקור ארבעה ימים"

• **אלי' רבה:** דער טעם פארוואס מיר זאגן סליחות אמווייניגסטענס פיהר טעג פאר ראש השנה, ווייל דער דין איז אז א קרבן דארף האבן "ביקור" פיהר טעג—מ'דארף איבערצוקוקן די בהמה אויב זי האט א פעהלער, ווייל אויב יא, איז זי פסול פאר א קרבן, און ביי אלע קרבנות שטייט "והקרבתם עולה", אבער ביי ראש השנה שטייט (במדבר כט:כ) "ועשיתם עולה"... כדי מרמז צו זיין, אז איר זאלט זיך אליין מאכן פאר א קרבן עולה, און דעריבער דארף מען האבן אמווייניגסטענס פיהר טעג צו זאגן סליחות אזוי ווי א קרבן דארף, האבן 'ביקור' כאטש פיהר טעג.

## מאוצרות הצדיקים

# חודש תשרי

## • פארוואס מ'בענטשט נישט דעם חודש תשרי

### • דער חודש איז פארדעקט

מ'בענטשט נישט דעם חודש תשרי, אזוי ווי יעדן שבת פאר ראש חודש, אויך דערמאנט מען נישט ראש חודש ביי די קרבנות און נישט ביים דאווענען ראש השנה, ווייל מיר ווילן פארטומלען דעם שטן ער זאל נישט וויסן ווען ס'איז ראש השנה וויבאלד מיר האבן דאס נישט מקדש געווען, א סימן דערויף ווייל ס'שטייט (תהלים פא:ד) "תקעו בחדש שופר "**בכסה**" ליום חגנו"—אז דער חודש זאל זיין צוגעדעקט מ'זאל אים נישט דערמאנען. *(לבוש סי' תקפ"א)*

### • דער שטן זאל נישט וויסן

דערפאר בענטשט מען נישט דעם חודש [א שבת פאר ראש השנה] כדי צו פארמישן דעם שטן ער זאל נישט וויסן ווען ס'איז ראש השנה. *(דרכי משה סימן תקפ"א בשם ספר המנהגים. לרא"ט).*

### • דער חודש איז שוין געבענטשט



דערפאר בענטשט מען נישט דעם חודש תשרי ווייל דער חודש איז שוין א געבענטשטער, ווייל אין דעם חודש זענען געשעהן אסאך זאכן.

### • יעדער ווייסט ווען ס'איז ראש השנה

דער הויפט טעם פארוואס מ'בענטשט נישט דעם חודש, איז ווייל ראש חודש תשרי איז דער יום טוב ראש השנה, און יעדער ווייסט ווען ס'איז, איז איבריג מ'זאל דאס דארפן דערמאנען פון פריער. *(שער הציון סימן ת"ז).*

### • דער באשעפער אליין בענטשט דעם חודש

דער באשעפער אליין בענטשט חודש תשרי, דער ערשטער חודש פון די חדשים פון יאהר. און די ברכה פון באשעפער וואס ער בענטשט די אידן גיט אונז דעם כח צו קענען בענטשן די עלף אנדערע חדשים. און וואס איז די ברכה פון באשעפער? דאס איז פ' ניצבים, וואס מ'לייענט שטענדיג א שבת פאר ראש השנה. ווייל דער פסוק זאגט: "אתם ניצבים היום", און ס'שטייט אין זוהר הק' אז דאס ווארט 'היום' באדייט ראש השנה, איז דער פסוק מרמז, אז ראש השנה וועלן אידישע קינדער זיין ניצבים, זיי וועלן שטיין און זוכה זיין בדין פון הימעל.

### • שבת מקור בהברכה

דער טעם פארוואס מ'בענטשט שטענדיג דעם חודש, א שבת פאר ראש חודש, ווייל שבת איז דער מקור הברכה פאר די גאנצע קומענ'דיגע וואך, קומט אויס אז דער שבת פאר ראש חודש איז שוין משפיע אויפ'ן נייעם חודש וואס קומט, אבער ראש השנה ווי ס'ווערט ערוועקט דער אנהייב באשאפונג פון די וועלט וואס האט נישט קיין שייכות מיט'ן פריער'דיגער שבת ווייל איידער דער באשעפער האט באשאפן די וועלט איז געווען ה' אחד ושמו אחד, בענטשט מען נישט דעם שבת פריער ראש חודש. *(אמרי אמת זצוק"ל)*

### • צירוף חודש תשרי

דער צירוף פון חודש תשרי: דער שם הֲוַיָ'ה וואס לייכט חודש תשרי איז: "וַהָיָה", וואס גייט ארויס פון די סופי תיבות פון פסוק (בראשית יב:טו-טז): "וַיִּרְא'וּ אֹתָ'הּ שָׂרֵ'י פַרְעֹ'ה". דער צירוף פונעם שם ווייזט אויף שמחה, ווייל 'והיה' איז א לשון פון שמחה (ברכות ס:) אז מ'וועט ארויס גיין זכאי אינעם משפט ביים יום הדין אין ראש השנה.

### • די תפילות פון א גאנץ יאהר ווערן נשפע דורך די תפילות פון ראש השנה

אין ספר 'בת עין' שטייט אז אלע תפילות וואס א מענטש דאווענט במשך פונעם גאנצן יאהר, זענען אנגעהאנגען אין די תפילות וואס ער דאווענט אין ראש השנה, ווייל ראש השנה איז דער קאפ פונעם גאנצן יאהר, און די אנדערע טעג פונעם יאהר זענען אזויווי די איברים פונעם גוף, און "גופא בתר רישא גריר", דער גוף גייט נאכן קאפ, און דורך די תפילות פון ראש השנה טוהט מען ממשיך זיין אויף זיך דעם כח צו דאווענען ווי ס'דארף צו זיין במשך פון די גאנצע קומענדיגע יאהר.

און דער עיקר כח פון די תפילות וואס מיר דאווענען אין ראש השנה איז ווען מ'שטעלט זיך דאווענען מיט הכנעה און צובראכנקייט, מיט דעם וואס דער מענטש טראכט אריין אז באמת איז ער





בכלל נישט ראוי צו דאווענען פאר'ן באשעפער און בעהטן פון אים אלע זיינע געברויכן, נאר דער באשעפער איז אן 'ארך אפים' ער טוהט גוטס פאר אלע זיינע באשעפענישן אפילן פאר דער וואס איז נישט פאסיג און ווערד, און צוליעב דעם קען יעדער איינער דאווענען צום באשעפער. און ווען א מענטש איז זיך אין דעם מתבונן איז ער זיך מכניע פאר'ן באשעפער, און דורכדעם טוהט ער ממשיך זיין אויף זיך די מדה פון 'ארך אפים' אז דער באשעפער איז זיך מרחם אויף אים, און ערפוהלט אלע זיינע געבעהטן אפילו ער איז נישט ראוי דערצו. און פון ראש השנה טוהט דער מענטש ממשיך זיין אויף זיך די דאזיגע כח פאר'ן גאנצן יאהר צו קענען דאווענען מיט א צובראכן הארץ אלע טעג פון יאהר אזיווי אין ראש השנה.

*(אמרות טהורות פ' נצבים)*

## • מ'דארף זיך פריער אליין צוגרייטן!

דער חזן פונעם שטעטל מאשיצק האט געדאווענט די הייליגע טעג אין די גרויסע שוהל אין לעמבערג. און ער איז איז געפאהרן אויף שבת סליחות קיין בעלזא, צו מרן מהר"א זי"ע. איין יאהר נאך שבת, ווען ער איז אריין זיך געזעגענען, איידער ער פאהרט קיין לעמבערג. פרעגט אים מרן זי"ע פארוואס ער יאגט זיך? האט דער חזן געענטפערט: "איך דארף מיר פאָרזעהן די תפילות". האט אים מרן זי"ע געזאגט: **'פארזעהן דארפסטו דיך? די תפילות זענען שוין פארגעזעהן!"**




## • קיין שום תפילה ווערט נישט פארפאלן

אין ספר 'עטרת ישראל' ווערט געברענגט אז א מענטש זאל נישט טראכטן צו זיך "ווער בין איך דען זיך צו דערנעהנטערן צום באשעפער אין ראש השנה? איך ווייס דאך ווי ווייט איך בין פון באשעפער. ס'פאסט נישט פאר א נידריגע מענטש ווי איך, צו דינען דעם באשעפער בכלל, און נאר גרויסע לייט תלמידי חכמים און חסידים בעלי מדריגה זענען פאסיג צו שטיין און דאווענען פאר'ן באשעפער און אויס'פועל'ן אלעס גוט'ס מיט זייערע תפילות אבער איך מיט מיין נידריגע מצב וויאזוי קען איך מיך דען שטעלן דאווענען פאר'ן באשעפער אין ראש השנה...?"

א מענטש זאל חס ושלום נישט טראכטן אזוי! ווייל דער אמת איז אז ס'איז נישט ריכטיג! נאר יעדער איינציגער איד אין וואס פאר א מצב ער געפינט זיך נאר, קען ער זיך דערנעהנטערן צום באשעפער. און דאס זאגט די פסוק "**אתם נצבים היום**", און דער 'זוהר הקדוש' זאגט אז 'היום' מיינט 'ראש השנה', "**כולכם לפני ה' אלקיכם ראשיכם שבטיכם זקניכם ושוטריכם כל איש ישראל**", יעדער איינציגער איד, ס'זאל זיין ווער ס'זאל נאר זיין, קען זיך דערנעהנטערן צום באשעפער און דאווענען פאר אים. און אפילו ער איז ח"ו געשטרויכלט געווארן מיט עבירות רחמנא ליצלן, זאל ער נישט טראכטן צו זיך: "איך בין דאך פוהל מיט זינד, און איך בין נישט ראוי צו זיין נאענט צום באשעפער". נאר ער זאל גלייבן אז ס'איז נאך אלס דא אים א 'חלק אלקי ממעל', און ער איז יא ראוי צו דאווענען, און ער דארף דאוואנען צום באשעפער.

און ער שרייבט צווישן זיינע ווערטער אז אפילו אויב מ'דאווענט און מ'זאגט תהלים מיט טעותים, טוהט דער באשעפער פאררעכטן די אלע גרייזן וואס אידן מאכן ביים דאווענען, און קיין שום תפילה ווערט נישט פארפאלן. *(אמרות טהורות לפ' נצבים)*

## • "אשר לו הים והוא עשהו"

בשעת די ערשטע וועלט קריג, ווען די לענדער האבן געפיהרט מלחמות, און יעדער האט געוואלט פארכאפן און הערשן אויף טיילן פונעם ים הגדול, האט זיך דעמאלט כ"ק מרן מהרי"ד מבעלזא זי"ע אויסגעדריקט: "די טערקן זאגן אז דער ים איז זייער'ס, די ענגלענדער זאגן אז דער ים איז זייער'ס, אבער מיין יוסלע [דער באקאנטער בעל תפילה החסיד רבי יוסל'ע שטערוויצער ז"ל] זאגט: "**אשר לו הים והוא עשהו!**". ווען מרן

## • אין זכות פון רבי'ן ר' אלימלך'ס תהלים

אמאהל האט כ"ק מרן מהר"י זי"ע געקויפט א סידור אין וואס דער רבי ר' אלימלך פון ליזענסק זי"ע האט דערין געדאוונט. שפעטער האט מרן מהר"י זי"ע דאס געגעבן א מתנה פאר כ"ק מרן מהר"א זי"ע. נישט איינמאהל און נישט צוויי מאהל ווען מרן מהרי"ד זי"ע האט געדארפט פועל'ן א גרויסע ישועה, האט ער געבארגט פון זיין זוהן, מרן מהר"א זי"ע דעם סידור פון רבי ר' אלימלך פון ליזענסק זי"ע, און אין דעם האט ער געדאוונט און אויסגעבעהטן ישועות, פאר'ן כלל און פאר'ן פרט. איין יאהר ווען דאס מלכות האט גוזר געווען אז די רבנים דארפן קענען די לאנדס-שפראך, איז מרן זי"ע ספעציעל געפאהרן קיין לעמבערג, צוזאמען מיט'ן באקאנטן עסקן הרה"ג רבי אברהם חיים דוד סופר-שרייבער זצ"ל, נשיא ארץ ישראל, כדי צו שתדל'ן מבטל צו זיין די גזירה ביים גאווערנאר פון די געגענט. איידער מרן מהרי"ד זי"ע איז געפאהרן האט ער געבעהטן פון מרן מהר"א זי"ע דעם סידור פון רבי ר' אלימלך זי"ע, און אזוי האט ער זיך ארויסגעלאזט אין וועג. זייענדיג אינמיטן וועג האט הרה"ג רבי אברהם חיים דוד געפרעגט פון מרן מהרי"ד זי"ע וויאזוי ער טראכט מבטל צו זיין די גזירה?! וואס וועלן מיר רעדן און זאגן ביים גאווערנער. האט אים מרן זי"ע געוויזן דעם סידור וואס ער האלט אין זיין האנט, אין אים געזאגט: "**מיט דעם סידור וואס איז מיוחס צו רבי ר' אלימלך, וועלן מיר צוזאמען זאגן פרקי תהלים מבטל צו זיין די שלעכטע גזירה**". מרן מהרי"ד זי"ע האט געעפנט דעם סידור און אויפגעמישט צו תהלים אינעם סידור און ביידע האבן געזאגט פרקי תהלים מיט גרויס כוונה. אין די ענדע האבן די קאפיטלעך תהלים געהאלפן און אויף א וואונדערליכ'ן וועג איז די גזירה בטל געווארן.



ז"ע זאגט דעם פסוק מיט די נעימה פונעם נוסח התפילה פון די ימים הנוראים.

## • וואס ס'איז געווען איז געווען!

אמאהל איז א חסיד פונעם **שינאווא רב זי"ע** געווען אין די זומער וואכן ביי זיין רבי'ן אויף שבת. מוצאי שבת נאכ'ן זיך געזעגענען זיך, האט ער זיך בארעכנט: "אוי וויי! מיר האלטן דאך שוין נאהנט צו די **הייליגע טעג**, און מיט וואס פארא פנים טוה איך זיך באווייזן פאר'ן באשעפער? האט ער באשלאסן צוריק צו גיין צום רבי'ן און פארלייגן זיין פארזארגט הארץ, אבער מ'האט געהאט פארשלאסן די טיהר ביין רבי'ן און מ'קען אצינד נישט אריינגיין. האט ער באשלאסן צו ווארטן ביז אינדערפרי, ווען דער רבי וועט ארויסגיין פון צימער. ווען דער שינאווער רב האט אים געזעהן, האט ער זיך צו אים אנגערופן אזוי: ווען מיר זענען געווען אינגעלייט, זענען מיר אמאהל געווען אויף איינע פון די זומער שבתים אין בעלזא ביי כ"ק מרן מהר"ש זי"ע, און באלד מוצאי שבת ביים געזעגענען, האבן מיר זיר בארעכנט: מיר האלטן דאך שוין אט באלד ביי די הייליגע טעג, און מיט וואס גרייטן מיר זיך צום יום הדין? מיר האבן געוואלט צוריק אריינגיין צום רב, אויסגיסן אונזער הארץ, אבער די טיהר איז שוין געווען פארשלאסן. האבן מיר צוגעווארט ביז אינדערפרי. באלד ווען דער רב זי"ע איז ארויסגעקומען פון זיין צומער, האט ער זיר געוואנדן צו מיר מיט די ווערטער: **"אינגערמאן! וואס ס'איז געווען ביז אצינד, איז שוין געווען... די הויפט זאך איז, אז פון היינט און ווייטער זאל מען לעבן מיט א חשבון!"**

## מאוצרות רבוה"ק מבעלזא

# תהלים

## •"תהלים,—בטהרת הגוף והנשמה"

אין מדרש (שוחר טוב תהלים א) שטייט: רבי יהושע בן קרחה זאגט: צוואנציג מאהל שטייט "אשרי" אין תהלים, קעגן די צוואנציג "הוי" וואס שטייט אין ספר ישעי'. האט רבי געזאגט איך וואונדער זיך אויף רבי יהושע, וואס ער זאגט אז ס'שטייט צוואנציג מאהל "אשרי", איך זאג אז ס'שטייט צויי און צוואנציג מאהל "אשרי", קעגן די צויי און צוואנציג אותיות פון די תורה, וואס אויף זיי איז געזאגט געווארן (תהלים יט:טו) **"יהיו לרצון אמרי פי"**, מ'זאל דאס מאכן און פארשרייבן לדורות "אמרי פי" און פארצייכענען לדורות, און מ'זאל דאס נישט לייענען אזוי ווי אין ספרים נאר דאס תהלים זאגן, זאל גערעכנט ווערן אזוי ווי מ'לערנט די פרשה פון נגעים ואהלות.

דארף מען פארשטיין די בקשה פון דוד המלך,




אז דער וואס זאגט תהלים זאל דאס אים גערעכנט ווערן ווי ער לערנט נגעים ואהלות? נאר שירות ותשבחות פאר'ן באשעפער דארף מען זאגן מיט די נשמה און מיט'ן גוף, אזוי ווי ס'שטייט (תהלים קנ:ו) "כל הנשמה תהלל יה", און ס'שטייט (שם לה) "כל עצמותי תאמרנה ה' מי כמוך", און דעריבער דארף דאס זיין בטהרת הגוף והנשמה. אזוי ווי חז"ל (ברכות כה.) זאגן און אזוי ווערט גע'פסק'נט אין שו"ע (או"ח סי' עו ס"ד), און וויבאלד אז דער עיקר שלמות הטהרה פונעם מענטש, איז ווען דער מענטש איז ריין פון יעדער חטא ועוון, און נישט יעדער איז אין די געהויבענע מדריגה צו זיין אזוי, האט דוד המלך ע"ה געבעהטן אז דאס זאגן די תהילות ותשבחות פון תהלים, זאל גערעכנט ווערן ווי מ'לערנט נגעים ואהלות, ווייל ביים ענין פון עסק התורה, האבן חז"ל (יומא עב:) געזאגט: אז כתר תורה "ליגט און יעדער וואס וויל קען דאס קומען נעמען", ד.מ. אז כאטש מ'איז נאך נישט בשלימות הטהרה פון יעדער חטא ועוון, קען מען לערנען תורה, און די סגולת און לעכטיגקייט פון די תורה, וועט אים אומקערן ער זאל זיין בשלימות הטהרה. (פתיחתא דאיכה רבתי א). און דאס איז די כוונה וואס דוד המלך ע"ה האט געבעהטן, אז זאגן תהלים זאל זיין גלייך אזוי ווי לערנען נגעים און אהלות, אז א איד אפילו ער איז נישט אינגאנצן ריין פון זינד, זאל ער אויך קענען זאגן פאר'ן באשעפער שירות ותשבחות פון תהלים, און דאס זאל זיין באוויליגט און אנגענומען אזוי ווי ער וואלט עוסק געווען אין נגעים ואהלות, וואס ד.מ. געלערנט תורה, וואס אויף לימוד התורה האבן די חכמים געזאגט "כל הרוצה ליטול את השם יבוא ויטול",—יעדער וואס וויל זיך נעמען דעם גוט'ן נאמען, פון לימוד התורה זאל קומען און נעמען.

*(כ"ק מרן מהרי"ד מבעלזא זי"ע)*

# "די פיש אין וואסער ציטערן"

## • פארוואס די פיש אין וואסער ציטערן?

די וועלט זאגט נאך פון הגאון רבי ישראל סאלאנטער זצ"ל **"אין חודש אלול טוען אפילו די פיש אין ים ציטערן"**. אין די ספרים און מוסר שמועסן ווערט דער געדאנק אויסגעברענגט אויף פארשידענע וועגן, יעדער אויף זיין אייגנארטיגן שטייגער.

## • און דו ציטערסט גארנישט...

הרב שלום שבדרון פלעגט דערציילן ווי ס'קלינג אים נאך אין די אויערן די געשרייען פון זיין מאמע ע"ה, פון די טיפעניש פון איר



יראת שמים הארץ, ווען זי פלעגט אים זעהן אלס קינד שפילן און פארברענגען די צייט אין חודש אלול. "אפילו די פיש אין וואסער ציטערן חודש אלול און דו שפרינגסט ארום און ציטערסט גארנישט", אזוי האט זי געטענה'ט אפילו צו קליינע וואס האבן בכלל נישט פארשטאנען.

## • תהלים כמנין "כפר"

אין די טעג פון רחמים ורצון, טוען אידן פארמעהרן צו זאגן פרקי תהלים, און דער מנהג איז צו ענדיגן אין חודש אלול צוויי מאהל דאס ספר תהלים וואס איז צוויי מאהל ק"ן (150) קאפיטלעך תהלים וואס באטרעפט אזוי ווי "כפר"



דריי הונדערט (300), אז אין דעם זכות זאל אונז דער באשעפער פארגעבן אונזערע זינד.

## מאוצרות רבוה"ק מבעלזא

# עבודה קשה שבמקדש

### •"נעמען קוויטלעך..."

ווי באקאנט איז די עבודה פון "לייענען קוויטלעך" געווען איינע פון די שווערסטע עבודות שבמקדש ביי רבותינו הק'. ס'האט פארנומען א געהויבן ארט, און פון די ערשטע און העכסטע עבודות בצל קדשם. במשך די יאהרן האט מען געקענט הערן פארשידענע אויסדרוקן מפי קדשם וועגן די גרויסקייט און שוועריקייט פון די דאזיגע הייליגע עבודה. ווי ס'ווערט דערציילט איין יאהר מוצאי יום הקדוש נאכ'ן דאווענען האט כ"ק מרן מהר"א זי"ע זיך געוואנדן צום גבאי'ן הרה"ח רבי אהרן יהושע לאנדאו ז"ל און אים געפרעגט ווי אזוי ער האט געדאווענט. האט ר' אהרן יהושע געענפערט און אויסגעלויבט דאס דאווענען פון מרן זי"ע. ווען מרן זי"ע האט דאס געהערט האט ער אים געענפערט: **"איר מעגט מיר גלייבן ס'איז מיר לייכטער צו שטיין ביים עמוד א מעת לעת ווי צו ליינען איין קוויטל!"**

אויך איז באקאנט וואס מרן מהר"א זי"ע האט אמאהל געזאגט: **"ס'איז מיר גרינגער צו האקן האלץ אין וואלד, ווי צו ליינען א קוויטל"**.

כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א האט דערציילט: דער זיידע ז"ל [מרן מהרי"ד זי"ע] האט זיך אמאהל אויסגעדרוקט און געזאגט: "איך בין שוין א רבי אזויפיהל און אזויפיהל יאהרן, און קיין שום זאך איז מיר נישט שווער געווען, נישט צו דאווענען פאר'ן עמוד, נישט צו פיהרן קיין טישן, און נישט צו זאגן תורה, אבער ווען איך דארף נעמען קוויטלעך, **'ווייס איך נישט ווי זיך אהין צו טוען'**."

### • איך געב אוועק די ימים נוראים פאר די ירושלימער אידן

אין די יאהרן וואס מרן מהר"א זי"ע, האט געוואוינט אין ארץ ישראל, איז מרן זי"ע געווען גאנץ חודש תשרי, אויף די ימים נוראים, אין ירושלים עיר הקודש, אזוי ווי ער האט זיך אמאהל אויסגעדרוקט מיט זיינע הייליגע ווערטער, צום משמש בקודש , הרה"ח ר' יצחק לאנדא ז"ל: **"איך געב די ימים נוראים פאר די ירושלימ'ער אידן."** אויסער צוויי מאהל: אין יאהר תש"ה, ווען מרן זי"ע האט געווײלט גאנץ חודש תשרי אין צפת, און אין שנת תש"ט, ווען די וועגן קיין ירושלים זענען געווען געפארפוהל צוליעב די מלחמה וואס איז דעמאלט געווען אין ארץ ישראל, דעריבער איז מרן זי"ע געבליבן אין זיין וואוינונג אין תל אביב און איז נישט געפאהרן קיין ירושלים.

### • פתקא טבא



פאר די הייליגע טעג זענען אנ"ש און אויך סתם עמך אידן אריינגעגאנגען צו מרן זי"ע מיט קוויטלעך, געבענטשט צו ווערן צום נייעם יאהר, לשנה טובה ומבורכת. אנגעהויבן פון ר"ח אלול, האט מען אין די קוויטלעך אויך צוגעשריבן מ'זאל זוכה זיין צו א 'כתיבה וחתימה טובה', און פונעם ערשטן טאג סליחות ביז נאך די ימים נוראים, זענען פרויען נישט אריינגעגאנגען בקודש פנימה.

### • כוללות קוויטל"

פאר ראש השנה האבן די גבאים צוגעגרייט א 'כוללות קוויטל',—א העפט ווי מ'האט אריינגעשריבן די נעמען פון די ראשי המשפחות פונעם גאנצען קהל אנ"ש אין ארץ ישראל און חוץ לארץ. אין א בחינה פון "כולם נסקרים בסקירה אחת". נעבן דעם 'כוללות קוויטל' העפט איז געשטאנען א טעלער און דער קהל האט דארט אריינגעלייגט פדיון נפש, דער העפט איז געלעגן גאנץ ימים נוראים אויפ'ן טיש פון מרן זי"ע.

[אגב, אמאהל אין ראש השנה, אויפ'ן וועג גייענדיג פון די שטוב צו די "שאטער", איז איינער צוגעגאנגען און זיך מזכיר געווען פאר מרן זי"ע. האט אים מרן זי"ע געזאגט: "היינט איז יום הזכרון, מ'דארף זיך נישט מזכיר זיין".]

### • א שווערע עבודה

רבותינו הק' פון בעלזא האבן אפגערעכט אן עבודת הקודש אינעם טאג פון א' סליחות, וואס האט זיך שוין אנגעהויבן אינמיטן "שבת סליחות", און מוצאי שבת האבן רבותינו הק' זגעדאווענט תפילת ערבית ביים עמוד.

א' סליחות זאגן רבותינו הק' סליחות ביים עמוד, און דערנאך דאווענען רבותינו הק' , תפילת שחרית ביים עמוד. דערנאך זאגן רבותינו הק' גאנץ ספר תהלים פאר'ן עמוד מיט א השתפכות הנפש, און דורכאויס דעם גאנצער טאג שטייען זיי בתפילה לפני קונם, וראשם מגיע השמימה.

די עבודת הקודש אין בעלזא פונעם דערהויבענער טאג פון התעוררות איז נישט קיין לייכטער, און אזוי האט זיך כ"ק מרן מהרי"ד זי"ע אויסגעדריקט: **"די עבודה פון א' סליחות איז מיר שווערער ווי די עבודה פון ראש השנה און יום כיפור"...**

פשט דערפון האט כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א אמאהל ערקלעהרט אין א שמועס מיט'ן מחותן דער מאקאוו'ער רב שליט"א אזוי: "די עבודה פון א' סליחות איז צו עפענען די טויערן פון הימל פאר די הייליגע טעג הבאים עלינו לשלום, און עפענען טויערן איז דאך א שווערע ארבעט און ס'פאדערט גאר אסאך אנשטרענגונג. דערנאך, ווען די טויערן זענען שוין אפן איז גרינגער צו פועל'ן אויבן אין הימל אלעס גוטס פאר אידן. "דעריבער האט דער זיידע ז"ל געזאגט, אז די עבודה פון א' סליחות איז אים שווערער ווי די עבודה פון ראש השנה און יום כיפור"...

### • א שטארקער פחד פונעם יום הדין

דער "ערוגת הבושם", האט אמאהל פאר ראש השנה געשיקט א קוויטל צו **כ"ק מרן מהרי"ד זי"ע**, און זיך מזכיר געווען אז ער איז נישט געזונט און ער דארף א רפואה. האט אים מרן זי"ע צוריק געענטפערט, אז ער איז נישט קראנק, נאר ער האט א שטארקער פחד פונעם יום הדין, אזוי ווייט אז ער שפיהרט זיך ווי ער איז קראנק...

*(פארזעצונג אי"ה)*

## ארבע מדות בנותני צדקה...הרוצה שיתן ולא יתנו אחרים, עינו רעה בשל אחרים...יתן ויתנו אחרים חסיד. (אבות ה:יג)

*—פיר ערליי נאטורן זענען דא ביי די מענטשן וואס געבן צדקה.... איינער וואס וויל אז בלויז ער זאל געבן צדקה, או אנדערע זאלן נישט געבן צדקה איז זיין אויג [קארג] שלעכט אויף אנדערע...... איינער וואס וויל געבן צדקה און אויך אנדערע זאלן געבן צדקה דער ווערט גערופן א חסיד ווייל ער האט אויך אינזין זיין חבר'ס טובה, און נישט בלויז זיך. —*

### "ארבע מדות בנותני צדקה". (אבות ה:יג)

ס'זענען דא דריי סארטן צדקה: איין צדקה ווערט אנגערופן "זהב", איין צדקה "כסף", און איין צדקה "נחשת". אויב א מענטש געבט צדקה באהאלטענערהייט אז דער ארימאן זאל נישט פארשעהמט ווערן, ווי שלמה המלך ע"ה האט געזאגט (משלי כא:יד) "ומתן בסתר יכפה אף", איז דאס אין די בחינה פון "זהב", ראשי תיבות **ז**'ה **ה**'נותן **ב**'סתר. און דער ואס געבט צדקה ווייל ער איז קראנק ל"ע און ער וויל ווערן געזונט אדער ווייל ער געפינט זיך אין אן אנדערע סכנה ח"ו, איז דאס אין די בחינה פון "כסף", ראשי תיבות **כ**'שרואה **ס**'כנה **פ**'ותח. די צדקה וואס איז גלייך צו "נחשת", איז א צדקה וואס דער מענטש געבט ווען ער שפיהרט אז זיין סוף איז שוין נאנט ל"ע באפעהלט ער פאר זיינע קינדער זיי זאלן טיילן צדקה מיט זיין געלט, איז דאס אין די בחינה פון "נחשת", ראשי תיבות **נ**'אום **ח**'ולה **ש**'יאמר **ת**'נו. *(מדרש דוד - מובא ב'מאיר עינים')*

### "יתן ויתנו אחרים חסיד". (אבות ה:יג)

לכאורה פארוואס ווערט ער אנגערופן "חסיד", כאילו ס'איז א זאך לפנים משורת הדין, ער דארף דאך לויט די הלכה געבן צדקה, ס'איז בכלל נישט קיין חסידות, ווי די גמרא בבא בתרא ט.) זאגט: "גדול המעשה יותן מו העושה". נאר דער פשט קען זיין לויט ווי דער רמב"ם ז"ל [הלכות צדקה] רעכנט אויס אכט מעלות ביי מצות צדקה, איינס העכער פונעם אנדערן, און דאס העכסטע צווישן זיי איז ווען מ'געבט די צדקה פאר באשטימטע גבאים, אזוי אז דער נותן ווייסט גארנישט צו וועמען דאס געלט גייט. ווידער דער מקבל, ווייסט נישט פון וועמען דאס געלט קומט. דאס קען זיין דער פשט, "יתן" ער געבט טאקע צדקה, "ויתנו אחרים", אז די גבאים זאלן דאס אויסטיילן [נישט ער זעלבסט] פאר'ן ארימאן, וואס דאס איז די גרעסטע מעלה פון צדקה, אזא איינער קען מיט רעכט אנגערופן ווערן א "חסיד". *('כנסת ישראל' - מובא 'לקוטי בתר לקוטי')*

### "יתן ויתנו אחרים חסיד". (אבות ה:יג)

הרה"ק רבי מענדל מרימינאוו זי"ע פלעגט זאגן דעריבער מאכט מען נישט א ברכה ביים געבן צדקה, פונקט אזוי ווי מ'דארף מאכן א ברכה אויף יעדער אנדערע מצוה, ווייל א ברכה דארף מען מאכן בלב שלם, מיט שמחה, און עפ"י רוב ווערט צדקה גענעבן נישט מיט'ן גאנצן חשק, מיט אמת'ע שמחה...

## "הרוצה שיתן ולא יתנו אחרים"

## "ס'איז דאך א משנה מפורשת!..."

**א**מאהל זענען די גבאי צדקה פון פראג געקומען צו גאון רבי יחזקאל לאנדא זצ"ל, דער בעל "נודע ביהודה" זצ"ל, און געבעהטן א נדבה פאר מצות פדיון שבויים. "מיר נויטיגן זיך אין דריי הונדערט רענדלעך", האבן זיי געזאגט. איז דער "נודע ביהודה" אריין אינעם צווייטן צימער, און זיי געברענגט א גרויסער סכום פון צוויי הונדערט ניינציג רענדלעך. אט האט איר מיין נדבה, און די איבריגע זאלט איר נעמען ביי אנדערע מענטשן אין שטאט. די גבאי צדקה האבן זיך זייער געפרייט




מיט די שיינע סומע געלט וואס זיי האבן באקומען, אבער איידער זיי האבן פארלאזט זיין שטוב, האבן זיי אים געפרעגט: "אויב דער גאון האט אונז געגעבן אזא שיינע נדבה, פארוואס האט איר אונז נישט געגעבן נאך צעהן רענדלעך, אז די מצוה זאל גערופן ווערן אויף אייער נאמען, און מיר זאלן נישט דארפן ארומגיין שאפן די איבעריגע צעהן רענדלעך? האט דער גאון זיי געענטפערט: איך וואונדער זיך אויף אייך תלמידי חכמים, ס'איז דאך א אפענע משנה אין פרקי אבות, **"הרוצה שיתן ולא יתנו אחרים, עינו רעה בשל אחרים"**. *(שיחות חולין של תלמידי חכמים)*

* * *

## כל אהבה שהיא תלויה בדבר, בטל דבר, בטלה אהבה, ושאינה תלויה בדבר אינה בטלה לעולם, איזו אהבה שהיא תלויה בדבר, זו אהבת אמנון ותמר, ושאינב תלויה בדבר, זו אהבת דוד ויהונתן. (אבות ה:טז)

*—יעדער ליעבשאפט וואס איז אפהענגיג אין א געוויסע זאך, ווען די געוויסע זאך ווערט צעשטערט, זי עקזיסטירט מער נישט, ווערט נאטורליך די ליעבשאפט צעשטערט, און די סארט ליעבשאפט וואס איז נישט אפהענגיג אין קיין זאך ווערט קיינמאל נישט צעשטערט [ווייל די "אהבה" איז א ריינע], וועלכעס איז א ליעבשאפט וואס איז אפהענגיג אין א זאך, דאס איז די ליעבשאפט פון אמנון [דער זוהן פון דוד המלך] און תמר [זעה תנ"ך שמואל ב']. און וועלכעס איז א ריינע ליעבשאפט וואס איז נישט אפהענגיג אין א זאך, דאס איז די ליבשאפט פון דוד המלך און יהונתן [שאול המלך'ס זוהן. זעה שמואל א']—*

### "כל אהבה שהיא תלויה בדבר. (אבות ה:טז)

אהבה און מחלוקת זענען צוויי קעגנגעזעצטע זאכן איינער צום אנדערן. ליבשאפט נעמט זיך פון שלום, און מחלוקת שטאמט פון פיינטשאפט. לאזט דער תנא אונז הערן, אז אלע זאכן גייען נאך זייער יסוד. אויב דער יסוד איז לשם שמים, איז אויך די מחלוקת, וואס איז בטבע גורם ביטול, וועט דאס צום ענדע האבן א קיום, און אהבה, כאטש בטבע ברענגט דאס קיום, וועט דאס אין די ענדע בטל ווערן אויב דער יסוד דערפון איז נישט לשם שמים. פון דעם דארף דער מענטש זיך אראפלערנען לייב צו האבן דעם באשעפער אן "אהבה שאינה תלויה בדבר", וואס דעמאלט וועט די ליעבשאפט האב אן אייביגן קיום. *(מדרש שמואל)*

### "כל אהבה שהיא תלויה בדבר, בטל דבר, בטלה אהבה ושאינה תלויה בדבר אינה בטלה לעולם. (אבות ה:טז)

דאס איז א רמז אויף אהבת ה'. דער מענטש וואס האט ליעב דעם באשעפער, ווייל ער טוהט מיט אים טובות און חסדים, איז דאס נישט אן אייביגע ליעבשאפט, ווייל אויב ס'וועט זיך מאכן פאר אים שלעכטע צייטן ח"ו, וועט זיין אהבה צום באשעפער בטל ווערן. אבער דער מענטש וואס האט ליעב דעם באשעפער, מיט אן אמת'ע ליעבשאפט, ווייל ער איז זיין באשעפער, און נישט ווייל ער טוהט אים טובות און חסדים אזא מענטש אפילו ס'וועט אויף אים קומען שלעכטע צייטן וועט ער נישט אויפהערן ליעב האבן דעם באשעפער, ווייל נשט אין די חסדים איז אפהענגיק זיין ליעבשאפט צום באשעפער. *(עבודת ישראל)*

### "ושאינה תלויה בדבר אינה בטלה לעולם. (אבות ה:טז)

דער פסוק (בראשית כה: כה) זאגט "ויאהב יצחק את עשו כי ציד בפיו, ורבקה אוהבת את יעקב". ביי יצחק'ס ליעבשאפט צו עשו שטייט "ויאהב", א לשון עבר, און ביי רבקה'ס ליעבשאפט צו יעקב שטייט א לשון הוה, "אוהבת". די כוונה איז, ווייל יצחק האט ליעב געהאט | עשו, צוליעב גשמיות'דיגע סיבות, ענינים פון עולם הזה, ווי דער פסוק זאגט "כי ציד בפיו", וועגן דעם שטייט "ויאהב", אין א לשון עבר. אבער רבקה האט געהאט פאר יעקב א רוחניות'דיגע ליעבשאפט, וואס דאס איז אייביג, שטייט ביי איר א לשון הוה, "אוהבת" זי האט אים ליעב, ווייל איר ליעבשאפט איז געווען "אינה תלויה בדבר". *(של"ה הקדוש)*

### "ושאינה תלויה בדבר אינה בטלה לעולם. (אבות ה:טז)

דער תנא זאגט "לעולם", און נישט "לעולם ועד", מרמז צו זיין אז דורך די אהבה פונעם מענטש צום באשעפער, ווערט ערוועקט ביים באשעפער מדה כנגד מדה, א ליעבשאפט צו אידישע קינדער. דאס איז די כוונה פון "לעולם", אז א איד איז מעורר מיט זיין לייבשאפט צום באשעפער א ליעבשאפט צו די גאנצע וועלט, אז ס'זאל נישט בטל ווערן. *(עבודת ישראל)*

<<<<<

## מַיין אוֹצָר...אבות: פרק ה'-ו'

### "אהבה שאינה תלויה בדבר אינה בטילה לעולם"

### "נעמען דעם באשעפער פאר א רבי'ן...!"

**א**יינער פון די געהויבענע חסידים פונעם "חוזה" פון לובלין זי"ע, איז געווען הרה"ק רבי פייוויש היבנובער זצוק"ל. אמאהל איז ער געזיצן אין בית המדרש און געלערנט זוהר. האט דער "חוזה" וואס האט געוואוינט אין די אויבערשטע דירה, געשיקט זיין משמש צו רבי פייוויש, ער זאל נישט זאגן אזוי הויך, ווייל ער, דער "חוזה", וויל שלאפן. האט זיך רבי פייוויש אנגערופן און געזאגט: "איך דין נישט דעם רבי'ן, נאר דעם באשעפער אליין", און ער האט ווייטער געזאגט זוהר. דערנאך האט ער חרטה געהאט אויף זיינע ווערטער, און זיך שטארק מצטער געווען. ער האט געציטערט, אז דער "חוזה" וועט אים מער נישט אריינלאזן. אבער דערנאך האט ער זיך מיישב געווען: **"נו, אז דער לובלינער וועט מער נישט וועלן זיין מיין רבי, וועל איך דינען דעם באשעפער, און דער באשעפער וועט זיין מיין רבי..."** אינדערפרי, ביי תפלת שחרית האט רבי פייוויש מורא געהאט זיך צו באווייזן פאר'ן "חוזה", האט ער זיך באהאלטן אונטערן אויוון. ווען דער "חוזה" איז אריינגעקומען צום דאווענען, און געפרעגט, ווער ס'וועט צוגיין צום עמוד, האט איינער געזאגט, אז רבי פייוויש וועט דאווענען, האט זיך דער "חוזה" אויפגעשטעלט פון זיין שטוהל (אויב דער "חוזה" האט געלאכט, ווען מ'האט געזאגט א נאמען וועמען מ'קען צושיקן צום עמוד, האט מען געוואוסט אז ער וויל נישט יענער זאל זיין דער שליח ציבור, און אויב ער האט זיך אויפגעשטעלט, איז א סימן אז דער שליח ציבור געפעלט אים). רבי פייוויש איז טאקע צוגעגאנגען, און געווען דער שליח ציבור ביים עמוד. נאך שחרית איז דער 'חוזה' צוגעגאנגען צו רבי פייוויש און אים געזאגט: **"ס'איז א לייכטע זאך צו נעמען זיך דעם באשעפער פאר א רבי'ן"**. *('חמדה גנוזה' - מובא בספר 'מאיר עינים' ע"מ אבות)*

***

**גדולה תורה שהיא נותנת חיים לעושיה בעולם הזה ובעולם הבא, שנאמר: כי חיים הם למוצאיהם, ולכל בשרו מרפא... ואומר עץ חיים היא למחזיקים בה ותומכיה מאשר... (אבות ו:ז)**

*—די חשיבות פון תורה איז גרויס, דערמיט וואס זי גיט אריין לעבן, פאר די וואס לערנען און זענען איר מקיים, סיי אויף די וועלט, און סיי אויף יענע וועלט [לעולם הבא]. ווי ס'ווערט געזאגט אין פסוק [משלי ד'] ווייל די תורה איז א לעבענס גייסט פאר די וואס געפונען איר, און צו זיין גאנצן קערפער איז דאס א היילונג, און נאך זאגט דער פסוק [משלי ג'] א היילונג וועט די תורה זיין פאר דיין נאפל [ווייל דער נאפל איז דער שורש און מיטלפונקט פונעם קערפער] און א מארך געטראנק פאר דיינע ביינער, און נאך זאגט דער פסוק [שם ג'] די תורה איז א בוים פון לעבן פאר די וואס האלטן זיך אין איר, און אירע שטיצערס זענען געלויבט.*

### "גדולה תורה שהיא נותנת חיים לעושיה". (אבות ו:ז)

ס'שטייט פון רבינו חיים וויטאל זצוק"ל אז ווען א מענטש רעדט דברים בטלים, און כל שכן דברים אסורים פארקירצט ער זיין לעבן ח"ו, ווייל יעדער מענטש באקומט א באשטימטע מאס ווערטער וויפיהל ער זאל קענען ארויס רעדן פון מויל, און מיט יעדער ווארט קומט אויך מיט א סארט חיות וואס פארלאזט דעם מענטש ווען דאס ווארט פארלאזט זיין מויל. דערפאר לערנט אונז דא די משנה אז מ'זאל נישט מיינען אז ביים רעדן דברי תורה איז אויך ח"ו אזוי. נייך **"גדולה תורה"**—דער כח התורה איז אזוי גרויס אז נישט נאר אז ס'נעמט נישט אוועק פונעם לעבן אזוי ווי דברים בטלים וואס מ'רעדט, נאר אדרבה, **"היא נותנת חיים לעושיה"**,



יעדעס ווארט וואס מ'רעדט דברי תורה טוהט נאך פארמעהרן דאס לעבן. *(מראית העין להחיד"א)*

### "גדולה תורה שהיא נותנת חיים לעושיה בעולם הזה ובעולם הבא". (אבות ו:ז)

מ'דארף פארשטיין די תורה ווערט דאך גערופן "תושיה" ווייל ס'שוואכט אפ דעם כח פון מענטש, (סנהדרין כו:) אויב אזוי, ווי קען זיין "נותנת חיים לעושיה"? נאר אין אמת'ן שוואכט די תורה אפ דעם כח פונעם גוף, אבער פון די אנדערע זייט שטארקט דאס דעם כח פונעם נפש פון מענטש, און ווי באקאנט איז דער כח הנפש אינעם מענטש שטארקער ווי דער כח הגוף, אויב אזוי אפילו דער כח הגוף ווערט שוואכער בלייבט אבער דער כח הנפש, וואס די תורה איז משיבת נפש, און "מרבה חיים לעושיה", אזוי ווי די משנה זאגט: ב:ז) "מרבה תורה מרבה חיים". *(נתיבות שלום - סלונים)*

### "כי חיים הם למוצאיהם". (אבות ו:ז)

דער בעל **"חידושי הרי"ם"** האט געפרעגט: צי איז שייך א ענין פון מציאה ביי לערנען תורה? חז"ל זאגן דאך (ברכות סג:) **"אין התורה מתקיימין אלא במי שממית עצמו עליה"**—די תורה האלט זיך נישט נאר ביי איינעם וואס הרג'עט זיך דערויף. אויך זאגן חז"ל (מגילה ו:) **"לא יגעה ומצאה אל תאמין"**—איינער וואס זאגט אז ער האט זיך נישט געפלאָגט און ער האט געפונען די תורה, זאלסטו אים נישט גלויבן—דעריבער ווי איז שייך א מציאה ביי די תורה? נאר דער פשט איז אז נאכדעם וואס דער מענטש פלאָגט זיך אויף די תורה, געפונט ער איר, גלייך ווי מ'געפינט א מציאה. דער מענטש דארף גלויבן אז אלעס וואס ער איז זוכה אין די תורה, קומט נישט צו אים צוליעב זיין פלאָגעניש, נאר ס'קומט צו אים ווי א מציאה, וואס ער האט זוכה געווען פון הימעל, ווייל אהן סייעתא דשמיא קען ער נישט משיג זיין די תורה, נאר די מציאה געפינט נישט נאר דער וואס פלאָגט זיך אויף די תורה.

### "ולכל בשרו מרפא".

די תורה איז נישט אזא היילונג ווי אנדערע רפואות, וואס היילן אויס איין אבר און שעדיגן אנדערע גלידער, נאר **"ולכל בשרו מרפא"**—ס'איז א רפואה פאר'ן גאנצן קערפער. *(באר אברהם)*

### עץ חיים היא למחזיקים בה.

די גמרא (קידושין ל:) זאגט: אז די תורה איז דער תבלין צו באזיגן דעם יצר הרע און זיינע תאוות, און דער וואס שיידט זיך אפ פון די תורה איז גלייך ווי ער שיידט זיך אפ פון לעבן. אז א מענטש לערנט אויף אזא אופן, ער גלייבט אז די תורה וועט אים ראטעווען פונעם יצר הרע, איז די תורה פאר אים טאקע א בוים פון לעבן. *('רוח חיים', וואלאזשין)*

### "ולכל בשרו מרפא"

### "לערנען א רפואה אויף אלע מיחושים...!"

**ה**גה"צ רבי שמואל זאב הלוי ראטה זצ"ל פון אנטווערפן, דער אוהעל דיין און חבר הביד"ץ "מחזיקי הדת" אין אר"י האט דערציילט: ווען ער איז קראנק געווען אויף די הארץ און לעבער, האט ער שטארק געוואלט פאהרן קיין ארץ ישראל אויף די ימים נוראים להסתופף בצל כ"ק מרן מהר"א מבעלזא זי"ע, אבער ער האט געשפיהרט אז ער האט נישט די כוחות דערצו צוליעב זיין שוואכקייט. די חשובע החסידים האבן אים מחזק געווען און ערמוטיגט אז ער זאל יא פאהרן קיין ארץ ישראל צו מרן זי"ע און דאס וועט אים ברענגען א רפואה שלימה. איז ער געפאהרן קיין אר"י. ווען ער האט דערציילט פאר מרן זי"ע, פון זיין קראנקהייט, און וואס די דאקטורים זאגן, האט אים מרן זי"ע געוואונטשן מיט א רפואה שלימה. יום טוב סוכות האט דער אוהעל דיין נאכאמאהל זיך מזכיר געווען ביי מרן זי"ע פאר א רפואה שלימה, האט זיך מרן זי"ע אויף אים געבייזערט און געזאגט: "זיי נישט קיין שלימזל'ניק, ביזט נישט קראנק דו ביזט געזונט, לאז דיך אפ פון די דאקטורים". האב ער געענטפערט: "רבי! איך האב אבער זייער גרויסע יסורים!" האט אים מרן זי"ע געזאגט: "דער טאטע ז"ל האט געזאגט, א איד וואס זיצט און לערנט איז א רפואה אויף אלע מיחושים"... און פון דעמאלט אהן איז ער געווארן געזינט, און ביז צו זיינע לעצטע טעג האט ער קיינמאהל נישט געדארפט צוקומען צו קיין דאקטער, ווען די רפואה איז געווען ביי אים חוץ לדרך הטבע.

***

# מַיין שַׁבָּת אוֹצָר



## מַיין אוֹצָר... חסידים דערציילן...

### • "א השתוקקות צו פאהרן קיין ארץ ישראל..."

כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א האט דערציילט: דער עלטער זיידע ז"ל [כ"ק מרן מהר"י זי"ע] האט געהאט א גרויס השתוקקת צו פאהרן קיין ארץ ישראל, [מ'האט דעמאלט געקענט פאהרן מיט א שיף], און ער האט אסאך געשמועסט דערוועגן. אמאהל האט איינע פון די חסידים כמדומה ר' מרדכי פעלץ געפרעגט דעם זיידן ז"ל, אויב דער רבי וויל פאהרן קיין ארץ ישראל, ווער האלט אים צוריק? האט דער עלטער זיידע ז"ל געענטפערט: צו קענען פאהרן קיין אר"י דארף מען זיך גרייטן דערצו א גאנץ יאהר, זיך פארמאכן און נישט אויפנעמען קיין מענטשן פאר א לאנגע צייט און דאס וויל איך נישט. אויך ווען מ'קומט קיין ארץ ישראל דארף מען טיילן פאר די ארץ ישראל קינדער עטליכע 'זלאטעס' האב איך געמאכט א חשבון אז ס'דארף אויסקומען צו הונדערט 'דוקאטן' [עסטרייך ווალוטע פון גאלד], און פון ווי האב איך אזויפיהל געלד"?

| | |
|---|---|
| טוב מזל | גליון השבוע נדבת ידידנו הרה"ח ר' **נחום אונגאר** הי"ו<br>לשמחת הכנס נכדו יניק וחכים כמר **יצחק מנחם** הי"ו<br>בן חתנו הרה"ח ר' **חיים יעקב זינגער** הי"ו,<br>לעול התורה והמצוות למזל טוב<br>*שפע ברכה והצלחה שמחה והרבה נחת כל יוצ"ח* |

| | |
|---|---|
| טוב מזל | גליון השבוע נדבת ידידנו הרה"ח<br>ר' **חיים יעקב זינגער** הי"ו<br>לשמחת הכנס בנו יניק וחכים כמר **יצחק מנחם** הי"ו<br>לעול התורה והמצוות למזל טוב<br>*שפע ברכה והצלחה שמחה והרבה נחת כל יוצ"ח* |

## ברכת כתיבה וחתימה טובה

**לידידנו היקרים והחשובים שמדי שבת בשבתו**
**מפיצים את הגליון ברחבי תבל**

הרה"ח ר' אהרן לאנגסאם הי"ו, ב.פ.

• הרה"ח ר' שמעון חיים אוסאיבל הי"ו והצוות ב.פ.

הרה"ח ר' שלמה גראסמאן הי"ו, אנטווערפן. •

הרה"ח ר' שלום פסח למברגר, ירושת"ו

**הקב"ה ישלם שכרם וישלח ברכה והצלחה בכל מעשי ידיהם, ויזכו הם וכל אשר להם לשנה טובה ומבורכת, להכתב ולהחתם בספרן של צדיקים גמורים לאויט"א**

התודה והברכה לר' **שמואל מאיר הוס** הי"ו
עבור השתתפותו בהוצאת הגליון לרגל ההילולא
של זקינו כ"ק מרן מהר"ש מבעלזא זי"ע ועכי"א
כ"ז אלול תרט"ו • *לשפע ברכה והצלחה ולכל הישועות*
ת.נ.צ.ב.ה.

התודה והברכה לר' **אלי' ברחורין** ברה"י הי"ו,
עבור השתתפותו בהוצאת הגליון לרגל ההילולא
של זקינו כ"ק מרן מהר"ש מבעלזא זי"ע ועכי"א
כ"ז אלול תרט"ו • *לשפע ברכה והצלחה ולכל הישועות*
ת.נ.צ.ב.ה.

התודה והברכה לר' **משה רוזנפעלד** הי"ו
עבור השתתפותו בהוצאת הגליון לרגל ההילולא
של כ"ק מרן מהר"ש מבעלזא זי"ע ועכי"א
כ"ז אלול תרט"ו • *לשפע ברכה והצלחה ולכל הישועות*
ת.נ.צ.ב.ה.

התודה והברכה לר' **יוסף שטרוסבורג** הי"ו - ציריך
עבור השתתפותו בהוצאת הגליון לרגל ההילולא
של כ"ק מרן מהר"ש מבעלזא זי"ע ועכי"א
כ"ז אלול תרט"ו • *לשפע ברכה והצלחה ולכל הישועות*
ת.נ.צ.ב.ה.

התודה והברכה לר' **יהושע העשיל זילבערבערג** הי"ו
עבור השתתפותו בהוצאת הגליון לרגל ההילולא
של זקנו כ"ק מרן מהר"ש מבעלזא זי"ע ועכי"א
כ"ז אלול תרט"ו • *לשפע ברכה והצלחה ולכל הישועות*
ת.נ.צ.ב.ה.

התודה והברכה לר' **יצחק אבערלענדער** הי"ו
עבור השתתפותו בהוצאת הגליון לרגל ההילולא
של כ"ק מרן מהר"ש מבעלזא זי"ע ועכי"א
כ"ז אלול תרט"ו • *לשפע ברכה והצלחה ולכל הישועות*
ת.נ.צ.ב.ה.

התודה והברכה לר' **הערשי זילבערשטיין** הי"ו
עבור השתתפותו בהוצאת הגליון לרגל ההילולא
של כ"ק מרן מהר"ש מבעלזא זי"ע ועכי"א
כ"ז אלול תרט"ו • *לשפע ברכה והצלחה ולכל הישועות*
ת.נ.צ.ב.ה.

התודה והברכה לר' **לוי יצחק שיף** הי"ו
עבור השתתפותו בהוצאת הגליון לרגל ההילולא
של זקינו כ"ק מרן מהר"ש מבעלזא זי"ע ועכי"א
כ"ז אלול תרט"ו • *לשפע ברכה והצלחה ולכל הישועות*
ת.נ.צ.ב.ה.

התודה והברכה לר' **שמעון חיים אוסאיבל** הי"ו
עבור השתתפותו בהוצאת הגליון לרגל ההילולא
של זקנו כ"ק מרן מהר"ש מבעלזא זי"ע ועכי"א
כ"ז אלול תרט"ו • *לשפע ברכה והצלחה ולכל הישועות*
ת.נ.צ.ב.ה.

התודה והברכה לר' **שלו' פסח למברגר** הי"ו ירושת"ו
עבור השתתפותו בהוצאת הגליון לרגל ההילולא
של כ"ק מרן מהר"ש מבעלזא זי"ע ועכי"א
כ"ז אלול תרט"ו • *לשפע ברכה והצלחה ולכל הישועות*
ת.נ.צ.ב.ה.

התודה והברכה לר' **פסח לעמבערגער** הי"ו
עבור השתתפותו בהוצאת הגליון לרגל ההילולא
של כ"ק מרן מהר"ש מבעלזא זי"ע ועכי"א
כ"ז אלול תרט"ו • *לשפע ברכה והצלחה ולכל הישועות*
ת.נ.צ.ב.ה.

זכות הדפסת הגליון נדבת הנדיב הנכבד
הרה"ח ר' **אברהם צבי חיים**
בן **רחל פרומט** רייז הי"ו
לרגל יומא דהילולא של
**רשכבה"ג כ"ק מרן מהר"ש**
**מבעלזא זי"ע ועכי"א**
**כ"ז אלול תרט"ו**
*לשפע ברכה והצלחה ולכל הישועות*
ת.נ.צ.ב.ה.

התודה והברכה להרה"ג ר' **משה באבד** הי"ו
עבור השתתפותו בהוצאת הגליון לרגל ההילולא
של כ"ק מרן מהר"ש מבעלזא זי"ע ועכי"א
כ"ז אלול תרט"ו • *לשפע ברכה והצלחה ולכל הישועות*
ת.נ.צ.ב.ה.

התודה והברכה להרה"ג ר' **משה לייבוש באבד** הי"ו
עבור השתתפותו בהוצאת הגליון לרגל ההילולא
של כ"ק מרן מהר"ש מבעלזא זי"ע ועכי"א
כ"ז אלול תרט"ו • *לשפע ברכה והצלחה ולכל הישועות*
ת.נ.צ.ב.ה.

התודה והברכה לר' **אליעזר צבי שפירא** הי"ו
עבור השתתפותו בהוצאת הגליון לרגל ההילולא
של כ"ק מרן מהר"ש מבעלזא זי"ע ועכי"א
כ"ז אלול תרט"ו • *לשפע ברכה והצלחה ולכל הישועות*
ת.נ.צ.ב.ה.

## מַיין אוֹצָר... מורא מקדש

### ערוועקן צו תשובה און דאווענען פערציג טעג

### אתם נצבים היום כולכם... (נצבים כט:ט)

הרה"צ רבי משה וואלפסאן שליט"א אב"ד קהל "אמונת ישראל" האט געזאגט: די פרשה לייענט מען שטענדיג א שבת פאר ראש השנה. און דעריבער איז דא אין די פרשה פערציג פסוקים מרמז צו זיין אויף וואס ס'ליגט אויף אונז, מיר זאלן זיך אפשטעלן פון אונזער לעבנ'ס שטייגער ["אתם נצבים"] און זיך ערוועקן צו תשובה און צו תפילה מיט כוונה אין די פערציג ימי הרחמים וואס זענען פון ראש חודש אלול ביז יום כיפור. *('אמונת עתיך')*

## מַיין אוֹצָר... צדיקים האבן געזאגט:

### • רעדן ווען מ'דארף

הרה"ק רבי שמואל מסאכאטשוב זצ"ל האט געזאגט: שווייגן ווען מ'דארף רעדן, ווערט אויך פארערכנט ווי א פגם הדיבור".

### • שווייגן לערנט וואס צו רעדן

הרה"ק רבי מנחם מענדל מווארקא זי"ע האט געזאגט: לערן דיך צו שווייגן, כדי דו זאלסט וויסן וואס צו רעדן.

*גליון השבוע נתנדב ע"י ידידנו היקר
ר' **שלמה גראסמאן** הי"ו לעי"נ אביו
ר' **צבי אלימלך יחיאל מיכל**
ב"ר **אליהו** ע"ה • נפטר כ"ח אלול תשנ"ז
ת.נ.צ.ב.ה.

גליון השבוע נתנדב ע"י ידידנו הרה"ח
ר' **אהרן** (ב"ר אלי') **גראסמאן** הי"ו לעי"נ זקנו
ר' **צבי אלימלך יחיאל מיכל**
ב"ר **אליהו** ע"ה • נפטר כ"ח אלול תשנ"ז
ת.נ.צ.ב.ה.

גליון השבוע נתנדב ע"י ידידנו היקר
ר' **בערל גרויז** הי"ו, לעיקוואוד, לעי"נ
זקנתו מרת **ליפשא** ב"ר **יהודא** ע"ה
• נפטרה ב' תשרי תשפ"ד
ת.נ.צ.ב.ה.

*גליון השבוע נתנדב ע"י בני המשפחה לעי"נ
הרה"ח ר' **פסח** ב"ר **צבי אלימלך** ז"ל
**לאנגסאם** • נפטר א' דראש השנה תש"ב
בגלות סיביר
ת.נ.צ.ב.ה.

גליון השבוע נתנדב ע"י ידידנו הרה"ח
ר' **זלמן הערמאן** הי"ו, לעיקוואוד לעי"נ זקנו
ר' **צבי אלימלך יחיאל מיכל** ב"ר **אליהו** ע"ה
גראסמאן • נפטר כ"ח אלול תשנ"ז
ת.נ.צ.ב.ה.

*גליון השבוע נתנדב ע"י ידידנו הרה"ח
ר' **דוד שפירא** הי"ו לעי"נ אמו
מרת **ליפשא** ב"ר **יהודא** ע"ה
• נפטרה ב' תשרי תשפ"ד
ת.נ.צ.ב.ה.

גליון השבוע נתנדב ע"י ידידנו היקר
ר' **אהרן** בר"ל **פארגעס** הי"ו, לעי"נ
זקנתו מרת **ליפשא** ב"ר **יהודא** ע"ה
• נפטרה ב' תשרי תשפ"ד
ת.נ.צ.ב.ה.

*גליון השבוע נתנדב לעי"נ איש צדיק ותמים
הרה"ח ר' **חיים יהודה** ב"ר **מרדכי** ע"ה
**דיער** • נפטר א' דראש השנה תשפ"ה
ת.נ.צ.ב.ה.

גליון השבוע נתנדב ע"י ידידנו היקר
ר' **אברהם גראסמאן** הי"ו לעי"נ זקנו
ר' **צבי אלימלך יחיאל מיכל**
ב"ר **אליהו** ע"ה • נפטר כ"ח אלול תשנ"ז
ת.נ.צ.ב.ה.

*גליון השבוע נתנדב ע"י ידידנו הרה"ח
ר' **יוסף יונתן וועבער** הי"ו לעי"נ
חמותו מרת **ליפשא** ב"ר **יהודא** ע"ה
• נפטרה ב' תשרי תשפ"ד
ת.נ.צ.ב.ה.

"מיין שבת אוצר" און נאך קענט איר געפונען יעדער וואך
אין די וועכענטליכע אויסגאבע פון "המחנה מאגאזין"
T:718-438-1263 • F:718-569-6440 • e-mail: NEWS@hamachne.com

גליון השבוע נתנדב ע"י ידידנו היקר
ר' **יעקב יחזקי' גראס** הי"ו
לעי"נ חותנו ר' **מרדכי** ב"ר **אפרים** ע"ה
• נפטר ה' תשרי תשס"ג
ת.נ.צ.ב.ה.

גליון השבוע נתנדב לזכרו ולעי"נ
ר' **אברהם יודא** ב"ר
**ישעי' עקיבא** ע"ה פיינער
• נפטר כ"ג אלול תשע"ח ת.נ.צ.ב.ה.

גליון השבוע נתנדב לזכרו ולעי"נ
ר' **ישראל צבי (הערשל)** ב"ר
**יוסף יונה** ע"ה קליין
• נפטר ג' טבת תשע"ז ת.נ.צ.ב.ה.

גליון השבוע נתנדב לזכרה ולעי"נ
הילדה התמימה **מינצא לאה** ע"ה
בת יבלחט"א ר' **לוי יצחק הכהן** הי"ו
נפטרה כ"ד טבת תשפ"ב • ת.נ.צ.ב.ה.

גליון השבוע נתנדב לזכרה ולעי"נ המהנכת
הדגולה והחשובה אשה יראת ה' מרת **ברכה**
ב"ר **דוד מנשה** ע"ה ביגעלאייזן
נפטרה ה' תמוז תשפ"ג • ת.נ.צ.ב.ה.

גליון השבוע נתנדב לזכרו ולעי"נ
ר' **משה אלעזר** ב"ר **צבי** ע"ה
**לעמבערגער**
• נפטר ח' אדר תשנ"ח ת.נ.צ.ב.ה.

ת"ת תורה ויראה
דרב"י מסאטמאר
קרית יואל
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

בעזהשי"ת

# זקניך ויאמרו לך

גליון
תתק"ג
פרשת כי תבא
שנת תשפ"ה לפ"ק

ז׳ תקעז) עס דערציילט אונזער זיידע
**הרה"ח ר׳ אשר ניימאן שליט"א**

**וגם במנוחתו לא ישכנו...**

איך האב זוכה געווען מיטצופארן מיט **כ"ק דו"ז הגה"ק רבי משה ארי׳ פריינד זלה"ה גאב"ד ירושלים** (היארצייט כ׳ אלול), אויף קברי אבות.

זייענדיג במקום כהונת אביו הק׳ אין הוניאד, האט דער ירושלים׳ער רב ז"ל דערציילט א מעשה פלא, אז דער פריערדיגער רב אין הוניאד איז געווען זיין זיידע - דער פאטער פון זיין מוטער הצדיקת שרה ע"ה - **הגה"צ רבי זאב וואלף גאלדבערגער** ז"ל. עס איז געווען אין די שטאט א ראש הקהל, א גבר אלם וועלכער האט נישט געהערכט דעם רב בעניני חיזוק הדת, ער האט געהאט א גאסט-הויז וואו ער האט גע׳שחט׳ן אליין, אבער דער הוניאדער רב איז נישט געווען צופרידן פון די שחיטה, וויבאלד ער איז געווען א קנאפער ירא שמים, א מגולח. ער האט אויך געהאט גאר שוואכע קינדער ל"ע.

נאך די הסתלקות פונעם הוניאדער רב האט מען געבויעט אן אוהל על קברו. עטליכע יאר שפעטער איז דער ראה"ק געשטארבן, און זיינע קינדער האבן פארלאנגט מיט געוואלד אז מ׳זאל אים מוזן לייגן נעבן דעם הוניאדער רב ז"ל, ובלית ברירה האט מען אים דארט געלייגט נעבן דעם וואנט פון אוהל.

מיט א צייט דערויף איז נפטר געווארן א אדם חשוב, און די חברה קדישא איז ארויס אויפן ביה"ח קוקן א פלאץ וואו מ׳קען אים לייגן, זעהן זיי צו זייער וואונדער אז עס איז געווארן א ליידיג פלאץ צווישן דעם ראש הקהל מיטן וואנט פונעם אוהל, און זיי האבן אים דארט געלייגט.

א צייט שפעטער איז נפטר געווארן נאך א חשוב׳ער תלמיד חכם, און מ׳האט געזעהן ווי עס איז שוין דא נאך א פלאץ צווישן אים מיטן וואנט פונעם אוהל, און זיי האבן יענעם אויך אריינגעלייגט דארט.

ווען די קינדער פונעם ראה"ק האבן דאס געזעהן, האבן זיי געברענגט א ריזיגער שטיין און געלייגט נעבן דעם קבר פון זייער טאטן, אז עס זאל זיך נישט קענען מער רוקן. עס האט אבער נישט געהאלפן גארנישט, און ווען עס איז נפטר געווארן נאך אן אדם חשוב איז ווידער געווארן פלאץ, און עס זענען שוין געווען דריי קברים צווישן אים מיטן קבר. די פלא איז געווען אז דער שטיין איז יא געבליבן אויפן זעלבן פלאץ צווישן דריטן און פערטן קבר.

דער ירושלים׳ער רב האט דאס געוויזן פאר אלע אנוועזנדע ווי דער קבר פון יענעם מענטש איז שוין נאך ווייטער און מער אפגערוקט פון פריער, און ער האט געזאגט "איך געדענק ווען דער קבר איז געווען ממש אנגעלאנט אויף די וואנט, און יעצט איז דא אזויפיל קברים אינצווישן, מיטן גרויסן שטיין נאכן דריטן קבר... קען זיין אז דער אדם חשוב האט אויך נישט געוואלט ליגן נעבן דעם ראש הקהל איז געבליבן דער שטיין אלס הפסק צווישן אים מיטן ראש הקהל"... עס איז געווען א פחד נורא צו זעהן מיט די אויגן עד ימינו אלה, ווי הקב"ה איז תובע עלבון יראיו.

ז׳ תקעח) עס דערציילט אונזער זיידע
**הרה"ח ר׳ יושע עקשטיין שליט"א** סופר סת"ם

**דער לבוש ווי דער פסק פון דברי חיים**

י"א אלול תשנ"ו - ביומא דהילולא פון זיין זיידן הגה"ק מנאסאד ז"ל - געציילטע טעג לפני הסתלקותו לחה"ה, האט דער ירושלים׳ער רב **כ"ק הגה"ק רבי משה ארי׳ פריינד זלה"ה** באנייט א ספר תורה, וואס איז אריינגעגעבן געווארן ברוב פאר והדר מיט די השתתפות פון טויזנטער יקירי ירושלים, צו זיין קרי׳ ׳קרית רמ"א׳. עס האט זיך שפעטער ארויסגעשטעלט אז דער מעמד איז געווען ווי א ווי א מעמד פרידה פונעם ירושלים׳ער רב מיט די אלפי בני ציון היקרים וואס האבן אים דאס לעצטע מאל געזעהן באותה מעמד אחוז שרעפים, ווען קומענדיגן כ׳ אלול איז ער נסתלק געווארן לגנ"מ.

דער ירושלים׳ער רב האט זיך געהאט אויסגענומען ביים אויסוועלן דעם סופר פאר זיין ספר תורה, אז ער זאל זיין א יר"ש מרבים, און אויך אז זיין ב"ב זאל גיין מיטן קאפ צודעק ווי דער הייליגער **דברי חיים** ז"ל פסק׳עט להלכה. דער סופר מומחה הרה"ח ר׳ ח. ש. כהן שליט"א, האט טאקע דעמאלטס צוגעשטעלט דעם לבוש אין שטוב אז מ׳זאל גיין מיט זיידן ווי דער פסק פונעם דברי חיים.

אגב, דער סופר האט אין יענע תקופה געווארט א היבשע צאל יארן צו נפקד ווערן בזש"ק, און דער ירושלים׳ער רב האט געזאגט אז אויב זי נעמט זיך אונטער צו גיין אנגעטון מיט זיידן וועט זי געהאלפן ווערן. וכך הוה זי האט מתקן געווען דעם לבוש, זיי האבן שנעל געזעהן א ישועה מן השמים, און זיי האבן נאך זוכה געווען צו בנים ובנות.

ז׳ תקעט) עס האט דערציילט אונזער זיידע
**הרה"ח ר׳ שלום יודא קליין ע"ה**

**תנוח בשלו"ם על משכבך...**

אונזער זיידע ע"ה האט זוכה געווען במשך צענדליגער יארן צו זיין דבוק צו הגאון הגדול בעל **משנת יעקב מקאפיש** ז"ל, און צו חתנו ממלא מקומו כ"ק הגה"צ רבי **אהרן גד כ"ץ** ז"ל **אב"ד קאפיש**, און זיי משמש געווען בנאמנות במשך אסאך יארן. ער איז געווען גבאי נאמן אין ביהמ"ד ׳גבעת פינחס קאפיש׳ מיט א געוואלדיגע ערליכקייט.

א. אין די וואכן פארן זיידנס פטירה האט מען געזעהן היבש אינטערעסאנטע זאכן. געגוי 40 טעג פאר ער איז נפטר געווארן האט ער דערציילט איבער א אינטערעסאנטער חלום וואס ער האט געהאט מיט זיינע רבי׳ס אז זיי רופן אים צו זיך.

ער איז נפטר געווארן בפניא דמעלי שבתא, עטליכע מינוטן פארן זמן שב"ק, אין די זעלבע מינוטן וואס ער פלעגט יעדע וואך נאך אנגעהויבן מימי בחרותו, אריבערגיין אין שטוב פון הגאון בעל **משנת יעקב** ז"ל און פארלעשן די לעקטער בשעת הדלקת הנרות של שבת כמנהגו. אזוי אויך פלעגט ער אין די צייט אנגרייטן די לעקטער און עירקאנדישאן אינעם קאפישער ביהמ"ד. עס איז געווען אן הרגשה אז אין די מינוטן וואס ער פלעגט עוסק זיין לקבלת פני שבת מלכתא, האט מען אין הימל מקבל געווען זיין נשמה.

אזוי אויך איז די לוי׳ געווען זונטאג פר׳ כי תצא וואס במשך צענדליגער יארן איז דער טאג געווען ביי איהם מוקדש ארויסצופארן מיטן ווען אין די קאנטרי אהיים ברענגען דעם קאפישער רב ז"ל. בו ביום האט מען אריינגעברענגט זיין מטה אינעם קאפישער ביהמ"ד, ויבכו אותו כל העדה מיט א בכי תמרורים.

ב. ער פלעגט דערציילן א מעשה פלא. עטליכע יאר נאך די חתונה האט ער נישט געהאט קיין קינדער, דער דאקטער האט געזאגט אז בדרך הטבע קען ער נישט האבן קיין קינדער ל"ע. און זיין שווער הרה"ח ר׳ מאיר שווארץ ע"ה פלעגט כסדר מזכיר זיין ביי **הרה"ק רבי איציקל מפשעווארסק זלה"ה**.

איז געווען איינמאל אין די אנהויב תש"ל יארן ווען ער האט געזעהן ווי **הרה"ק מהר"י מפשעווארסק זלה"ה** דרייט זיך ארום אין סאטמארער ביהמ"ד אין לאנדאן און רעדט עפעס צו מענטשן. עס איז אים געווען אויפפאלנד ווי עס האט אויסגעזעהן אז עפעס דרוקט אים, איז ער צוגעגאנגען צו רבי יענקעלע, און ער זאגט "וואס קען איך אייך העלפן ?".

זאגט אים רבי יענקעלע "כ׳וועל אייך זאגן דעם אמת, דער שווער איז געקומען דא אויף אפרווה אין ׳קליפטאנוויל׳ (א אפרווה ארט צוויי שעה וועג פון לאנדאן, וואס סאטמאר-לאנדאנער אידן פלעגן ארויספארן יעדן מוצש"ק צו מלוה מלכה בצ"ק פון רבי איציקל, און אנקומען צוריק אהיים זונטאג אינדערפרי, און דאווענען שחרית מיט בגדי שבת). און איך זוך א היימישן איד וואס קען מאכן היימישע ׳בארכעס׳ (חלות) פארן שווער".

זאגט דער זיידע "זארגט אייך נישט, איך וועל מאכן די ׳בארכעס׳..."

פרעגט רבי יענקעלע "כ׳קען בעטן צו מאכן אויך פאר מעך ? !"... זאגט דער זיידע ׳יא׳. פרעגט ער ווייטער "פאר מיין איידעם (כ"ק אדמו"ר מספינקא שליט"א) אויך ? ! זאגט ער ׳יא׳.

דאנערשטאג ביינאכט האט ער אפגעבאקן אסאך שיינע גרויסע חלות, און אריבערגעשיקט צו רבי איציקל ז"ל, וואס האט אים גורם געווען א גרויסע הנאה, ער האט זיך אויסגעדרוקט מיט גרויס הנאה "רבי מאיר האט מיר געשיקט שיינע חסיד׳ישע חלות"...

אזוי האט דאס אנגעהאלטן במשך די עטליכע וואכן וואס רבי איציקל איז דארט געווען אויף אפרווה. איידער רבי איציקל איז אהיימגעפארן איז דער זיידע ר׳ מאיר ע"ה אריין מיט די באבע ע"ה, און רבי איציקל האט זיך עקסטער באדאנקט פאר ביידע און אויסגעדרוקט זיין שטארקע הכרת הטוב אויף דעם וואס מ׳האט אים אזוי מהנה געווען מיט די חלות.

האט זיך דער זיידע אנגערופן "דער רבי ווייסט דאך אז מיין טאכטער ווארט אויף

קינדער", האט רבי איציקל געענטפערט "**זי וועט האבן קינדער ווי יעקב אבינו**"...

האט דער זיידע געזאגט "זי האט עטליכע חבר'טעס וואס ווארטן אויף א ישועה מיט קינדער"... און רבי איציקל האט אלעמען אנגעוואונטשן.

ברכת צדיק עשתה רושם און זיי זענען שנעל געהאלפן געווארן מיט א הערליכן דור מיט 13 קינדער בליעה"ר - ווי יעקב אבינו - און אויך אלע חבר'טעס האבן בקרוב געהאט א ישועה.

ז' תקפ) עס דערציילט אונזער זיידע

**הרה"ח ר' יודא ברוך טארים הי"ו**

## קחם על זרועותיו

בשנת תשנ"ד לפ"ק איז גיסי כ"ק **הגה"ק רבי משה ארי' זלה"ה גאב"ד ירושלים עיה"ק** געקומען נאך געלט פארן סאטמארער כולל אין ירושלים עיה"ק וואס ער האט געטראגן על שכמו.

פרייטאג צונאכטס י"ב אייר איז געבוירן בני מו"ה מנחם מענדל הי"ו, איך האב דעמאלטס געהאט א גרויסע ישועה בזכותו ובברכת קודש פונעם ירושלימ'ער רב ז"ל, וואס האט קלאר געזאגט זיין מיינונג פארקערט פון די דאקטורים, און ב"ה עס האט זיך אלעס ארויסגעשטעלט כדבריו.

מוצש"ק בין איך געפארן קיין בארא פארק אפנעמען דעם מזל טוב פונעם ירושלימ'ער רב, און ער האט מיר ווארים געוואונטשן אז די שמחה וועט ברענגען 'ברכות מיט ישועות, רפואות שמחות ונחת"...

האב איך אים דעמאלטס מכבד געווען מיט סנדקאות ביים ברית קומענדיגן שב"ק הבעל"ט. זאגט דער רב ז"ל, אויב דאס קינד איז געבוירן י"ב אייר, וועט דער ברית זיין שב"ק י"ט אייר"...

"הייסט אז ל"ג בעומר איז ערב שב"ק, איך וויל זיין ל"ג בעומר אין מירון, וואס זאל איך טוהן?! זאל איך צוריק קומען?!...".

האב איך געזאגט "דער רב זאל טוהן ווי אזוי ער פארשטייט".

פארשטייענדיג אז דער ירושלימ'ער רב פארט שוין אהיים אינמיטן די וואך ווייל ער וויל זיין ל"ג בעומר אין מירון, האב איך געפרעגט "פאר וועמען זאל איך געבן סנדקאות?! פאר מיין טאטן אדער פאר מיין שווער?! האט ער געענטפערט א אינטערעסאנטע תשובה "זיי נישט מכבד קיינעם, האלט עס פאר דיר"..

דער מציאות איז געווען אז דער ירושלימ'ער רב איז טאקע ארויסגעפארן דינסטאג אויפן וועג אהיים כדי צו זיין ל"ג בעומר אינדערהיים. אויפן וועג צום עירפארט האט פאסירט אן עקסידענט וואס האט גורם געווען אז דער ירושלימ'ער רב איז אריין אין שפיטאל, און ער האט שוין געמוזט דא בלייבן שב"ק. ער איז דאן געפארן אויף אפרוה קיין בעלל-הארבער ווי עס איז אפגעהאלטן געווארן דער ברית ברוב פאר והדר, און דער רב איז געווען סנדק ביום י"ט אייר, אינעם יארצייט טאג פון זקנינו הגה"ק רבי מנחם מענדל מרימאנוב זלה"ה, ויקרא שמו בישראל 'מנחם מענדל'. דעמאלטס האבן מיר שוין פארשטאנען די אינטערעסאנטע תשובה פונעם רב ז"ל בנוגע דעם ברית.

ז' תקפא) עס דערציילט אונזער זיידע

**כ"ק אדמו"ר מגארליץ שליט"א** ב.פ.

## ואנכי הסתר אסתיר פני

עס איז ידוע אז **כ"ק מרן רבינו זלה"ה** איז געווען גאר שארף קעגן בילדער, און ער איז געווען זייער דערקעגן אז מ'זאל איהם נישט פאטאגראפירן. ער פלעגט פארשטעלן זיין צורה פון בילדער, און נישט איינמאל האט ער איבערגעלאזט א שמחה צוליב דעם וואס מ'האט געכאפט בילדער.

איך קען נישט פארגעסן, דער רבי וואס האט זיך געהאלטן אזוי נאנט מיט **כ"ק אאמו"ר הגה"צ אב"ד טשענגער זלה"ה**, איז אמאל געקומען צו מיינע עלטערן אין שטוב צו א פריוואטע שבע ברכות, און ווען דער רבי איז ארויס פון די קאר האט דער רבי באמערקט ווי דער אויבערשטער שכן האט געכאפט א בילד. דער רבי האט זיך אויסגעדרייט און האט זיך צוריק אריינגעזעצט אין די קאר.

מען האט געמאלדן מיין טאטן ז"ל אז דער רבי וויל צוריק אהיים פארן, און ער איז תיכף ארויסגעגאנגען צו די קאר און האט צוגעזאגט דעם רבי'ן אז ביי אונז אין שטוב וועט קיינער נישט נעמען קיין בילד. דער רבי איז צוריק אריינגעקומען און האט פארברענגט אין זייער א גוטע שטימונג. עס איז געבליבן אין מיין זכרון ווי נאך די שבע ברכות איז דער רבי עקסטער צוגעגאנגען צו די טיר פון די עזרת נשים און הערצליך געוואונטשן א 'מזל טוב' פאר מיין מאמע הרבנית ע"ה און פאר די כלה.

ב. גאר א אינטרעסאנטע עפיזאד געדענק איך פון אלס בחור, ווען **הרה"ק רבי יחזקאל'ע מעריץ זלה"ה** האט חתונה געמאכט א טאכטער מיטן זוהן פון **כ"ק אדמו"ר מקרעטשניף רחובות זלה"ה**, און הרה"ח ר' **אלימלך פראנקפורטער** ע"ה - א קרוב משפחה מיט רבי יחזקאל'ע - האט געמאכט א שבע ברכות לכבודו ביי זיך אין שטוב אין קראון הייטס, אין אונזער שכנות. וואו ער האט אויך געלאדענט דעם **באבוב'ער רב** ז"ל מיט וועמען ער האט זיך געהאלטן נאנט, און ער האט געלאדנט דעם רבי'ן ז"ל צו באשיינען די שבע ברכות.

ר' אלימלך האט געוואלט אויפכאפן די גאנצע שבע ברכות אויף א 'מאווי', האט ער ארומגעלייגט דעם צימער מיט שיינע קאלירטע לעמפלעך כדי די מאווי זאל קלאר און שיין ארויסקומען, און מען האט באהאלטן דעם 'אפאראט' באופן אז מען זאל עס נישט קענען באמערקן.

ווי נאר מען האט געהערט אז דער רבי קומט ארויף די טרעפ, איז דער קרעטשניפער רבי אקעגן געגאנגען צו די טיר מקבל פנים זיין דעם רבי'ן. אבער ווי נאר דער רבי איז אריינגעקומען אין צימער און האט באמערקט די קאלירטע לעמפלעך רויט און גרין, האט ער פארדעכטיגט אויב דאס איז נישט 'עפעס'... האט דער רבי געפרעגט "וואס איז דאס?!" האט דער קרעטשניפער רבי זיך אנגערופען מיט א שמייכל "סאטמאר רבי, דאס איז געמאכט צו בארוהיגן די נערוון"...

האט דער רבי זיך אנגערופן "נו אויב אזוי, זאל מען אהער ברענגען א משוגע'נעם, לאמיר זעהן אויב ער וועט זיך בארואיגן"...

ז' תקפב) עס דערציילט אונזער זיידע

**הרה"ח ר' עקיבא הירש הי"ו**

## מחוק כל שטרי חובותינו

איך האב זוכה געווען לאנגע יארן להסתופף בצ"ק פון **כ"ק אדמו"ר הרה"ק מספינקא זלה"ה**.

עס איז געווען ליל שב"ק פרשת ראה תשנ"ז, איך בין געווען אויפן זומער אין 'לאפידות' קאנטרי. פרייטאג צונאכטס נאך די סעודה - אהיים גייענדיג פונעם התוועדות וואס פלעגט זיין יעדע וואך אין די באנגעלאו פון כ"ק הרה"צ חו"פ רבי **חיים מעריץ** זלה"ה - מיט ידידי הרה"ח ר' מנחם מנלי ווייזער הי"ו, דערציילט ער מיר א דבר פלא וואס ער האט געהאט אין יענע טעג מיט מו"ר מספינקא ז"ל.

מיט א צייט פריער האט איינער פון די קינדער פונעם ספינקער רבי'ן געזוכט צו בארגן א גרעסערע סכום געלט פון א געוויסן נגיד. יענער נגיד האט מורא געהאט צו בארגן אזא גרויסן סכום, נישט וואוסנדיג צי יענער וועט זיין ביכולת צו באצאלן, איז ער אריין צום ספינקער רבי'ן און געפרעגט צי ער זאל בארגן דאס געלט.

דער ספינקער רבי האט אים קלאר געענטפערט "בארג אים דאס געלט, איך נעם אחריות דערויף". און ער האט אפגעשריבן א שטר בחתימת ידו אז ער איז ערב אויף די הלואה. כמובן אז ער האט געגעבן די הלואה.

עס גייט אריבער עטליכע וואכן, און אינמיטן די וואך פון פר' ראה האט דער ספינקער רבי געבעטן פון איש אמונו ר' מנלי הי"ו אז ער זאל ארויספארן צו יענעם מלוה, און איבערגעבן דעם גאנצן סכום געלט.

היות דער מלוה האט זייער מחשיב געווען דעם כתב יד מיט די חתימה פונעם רבי'ן, האט ער געקלערט אז ער וויל האלטן דעם שטר ביי זיך, מחמת דאס חשיבות דערפון.

דאנערשטאג קומט אן א טעלעפאן פונעם ספינקער רבי'נס שטוב צום מלוה, און דער משב"ק זאגט אז דער רבי בעט צוריק דעם שטר. האט ער געענטפערט אז ער איז יעצט אין די קאנטרי "איך קום אהיים די קומענדיגע וואך, און איך וועל צוריק געבן פארן רבי'ן דאס צעטל"...

א קורצע צייט שפעטער קומט נאך א טעלעפאן קאל אז "ניין, דער רבי זאגט ער וויל צוריק האבן דאס צעטל נאך פאר שבת ביי אים אינדערהיים"... עס איז געווען א חידוש אז דער רבי איז אזוי באזארגט פארן שטר, אז ער געטרויעט דאס נישט אפילו עטליכע טעג. אבער יענער האט נישט געהאט קיין ברירה, און ער האט געזוכט א שליח ביים ציון ערב שב"ק כ"ו אב, וואס זאל נאך פאר שב"ק איבערגעבן דעם שטר פארן רבי'ן.

דאס אלעס האט מיר ר' מנלי דערציילט ליל שב"ק באטאנענדיג מיט וואונדער די פלא פארוואס דער רבי האט זיך אזוי גע'עקשנ'ט אז ער וויל האבן דאס צעטל צוריק נאך פאר שב"ק.

עס גייט נישט אריבער מער ווי עטליכע מינוט, און ר' מנלי - זייענדיג דער פערזענליכער לייב-דאקטער פון ספינקער רבי'ן - באקומט א 'הצלה קאל' טעלעפאן קאל פון וויליאמסבורג אז דער רבי איז ל"ע צוזאמען געפאלן אינמיטן די תורה ביי עריכת שולחנו הטהור. ער האט געכאפט די קאר אין יענע מינוט און 'אריינגעפלויגן' אין שטאט אריין, אונטערוועגנס האט ער שוין געהערט די ביטערע בשורה אז נצחו אראלים את המצוקים ונשבה ארון הקודש.

עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז דער ספינקער רבי האט געהאט אן הרגשה איבער דאס וואס וועט פאסירן אביסל שפעטער, און דער רבי האט געוואלט גיין פון די וועלט ריין פון אלע חובות און שטרות. זכותו יגן עלינו.

**כל הזכיות שמורות למערכת זקניך ויאמרו לך:** צו איבערגעבן הערות, סיפורי צדיקים - מנדב זיין א גליון לעילו נשמת,
אדער נעמען א טייל אינעם קומענדיגן חלק וואס גייט בקרוב אין דרוק בס"ד: ביטע רופט די מערכת **845-783-0735**/Tellerkj@gmail.com

כל הזכויות שמורות להמו"ל

# אז תתענג

דברי תורה וחסידות, סיפורי צדיקים ועניני מוסר,
מלוקטים מספרי רבותינו הקדושים מאורי הדורות זי"ע

לע"נ אאמו"ר הרה"ח ר' אברהם ב"ר משה זאב ז"ל (ראזענבערג) - נלב"ע ב' מנחם אב תשע"ה
ולע"נ מו"ח הרה"ח ר' חיים ב"ר מיכאל דוב הכהן ז"ל (הערמאן) - נלב"ע כ"ד ניסן תשפ"ה
ולע"נ אחי מו"ה יצחק ב"ר אברהם ע"ה ~ מו"ה משה זאב ע"ה ב"ר מיכאל דוב שליט"א ~ מו"ה אליעזר צבי ע"ה ב"ר יום טוב הלוי שליט"א

בעזהשי"ת

## פרשת נצבים תשפ"ה לפ"ק – כיתות ה' ו'

## תורות על הפרשה

**אתם נצבים היום כולכם לפני ד' אלקיכם.**

ס'שטייט אין זוהר הקדוש, אז דאס ווארט **היום**, גייט ארויף אויף ראש השנה.

מ'קען מרמז זיין, אז די תורה לערנט אונז, אז כדי מיר זאלן געהאלפן ווערן אינעם גרויסן טאג ראש השנה, זאל מען נאר בעטן פאר כבוד שמים, ווייל אויב מ'בעט פאר זיך, דאן קוקט מען נאך פון הימל דעם מענטש, צו ער איז ראוי צו געהאלפן ווערן, אבער אז מ'בעט פאר כבוד שמים, דאן העלפט השי"ת.

דאס קען זיין פשט אין פסוק, **אתם נצבים**, אויב ווילט איר שטיין און האבן א קיום, **היום**, היינט, אינעם הייליגן טאג ראש השנה, דאן איז די עצה, **כולכם לפני ד' אלקיכם**, יעדער זאל זיך אויסגיסן זיין הארץ, און בעטן פאר כבוד שמו יתברך, אז ס'זאל שוין זיין יתגדל שמיה רבא, אזוי ארום וועלן אלע משטינים און מקטריגים שטיל בלייבן.

(קדושת יו"ט)

**אתם נצבים היום.**

ס'שטייט אין די גמרא (חגיגה דף ט"ז), אז ווען א מענטש קומט ארויף אויפ'ן עולם האמת, און שטייט פאר'ן בית דין של מעלה, קומען זיינע אברים און זאגן עדות אויף אלע מעשים וואס ער האט געטאן אויף די וועלט.

דער דין איז, אז ווען מ'זאגט עדות דארפן די עדים שטיין, אזוי ווי ס'שטייט אין פסוק (פ' תצא) **ועמדו שני האנשים**.

דאס קען זיין מרומז אין פסוק, **אתם נצבים היום כלכם לפני ה' אלקיכם**, עטץ אליין וועט'ס שטיין און עדות זאגן (אזוי ווי עדים וואס דארפן שטיין) פאר'ן בית דין של מעלה אויף ענקערע מעשים.

(ישמח משה)

**אתם נצבים היום וגו' מחוטב עציך עד שואב מימיך.**

ס'שטייט אין זוהר הקדוש, אז דאס ווארט **היום**, גייט ארויף אויף ראש השנה.

אויך שטייט אין די ספרים, אז די ימים נוראים הייבן זיך אן, פון חמשה עשר באב, און ענדיגן זיך אין הושענא רבה.

איינע פון די טעמים פארוואס חמשה עשר באב ווערט פאררעכנט אלס א יום טוב איז, ווייל מ'האט דעמאלט אויפגעהערט צו שניידן האלץ פאר'ן מזבח, ווייל די זון האט שוין נישט דעם זעלבן כח צו טריקענען די האלץ ווי פארדעם.

אויך איז באקאנט, אז א גאנץ יאר ביים מקריב זיין דעם קרבן תמיד, האט מען געגאסן אויפ'ן מזבח וויין, אבער די זיבן טעג פון סוכות האט מען אויך געגאסן וואסער.

דאס קען מען מרמז זיין דא אין פסוק, **אתם נצבים "היום"**, עטץ שטייט'ס היינט אין ראש השנה אין א פארכטיגן טאג, א יום הדין, וואס באמת הייבן זיך די ימי הדין אן, **מחוטב עציך** (פון דיין האלץ האקערס), דאס איז מרמז אויף חמשה עשר באב, וואס איז געווען א יום טוב ווען האקן די האלץ פאר'ן מזבח, און עס ציט זיך, **עד שואב מימך** (ביז דיינע וואסער שעפערס), דאס איז מרמז אויף הושענא רבה, וואס דעמאלטס איז געווען דער לעצטער טאג פון שמחת בית השואבה, וואס מ'האט געשעפט און געגאסן וואסער אויפ'ן מזבח, די אלע טעג זענען פארכטיגע טעג.

(צמח דוד)

## דער לעצטער שבת פון יאר

ס'ווערט געברענגט פון צדיקים, אז פונקט ווי ווען מ'הייבט אויף א שטעקן ביי איין עק, הייבט זיך פון זיך אליין אויף די גאנצע שטעקן, די זעלבע זאך, אויב א מענטש היט אפ דעם לעצטן שבת פון יאר ווי עס דארף צו זיין, הייבט ער דורכדעם אויף אלע שבתים פונעם גאנצן יאר, און כאטש ער האט אפשר נישט אכטונג געגעבן צו היטן דעם שבת מיט אלע אירע הלכות, דאך קען מען דאס פארעכטן מיט'ן היטן דעם לעצטן שבת, ווייל, הכל הולך אחר הגמר, אלעס גייט נאכ'ן סוף.

(ישמח ישראל)

ס'שטייט אין ספר הקדוש באר מים חיים, אז ס'שטייט אין זוהר הקדוש **כל ברכאן דלעילא ותתא ביומא שביעאה תליין**, אז אלע ברכות און טובות וואס קומען אויף א מענטש במשך די וואך, ווערט אלעס נגזר אין הימל אינעם פארגאנגענעם שבת, און אלע שווערע פאסירונגען וואס פאסירט ביי א מענטש, און דער מענטש איז געראטעוועט געווארן דערפון, איז דאס נגזר געווארן אינעם שבת פארדעם, ווען דער מענטש האט אפילו נאכנישט געוואוסט אז עס ווארט אים א צרה, און ער האט נישט מתפלל געווען דערויף, אבער הקב"ה האט שוין גוזר געווען דערויף א שבת בעפאר, אז ער זאל געראטעוועט ווערן דערפון.

ממילא ליינט מען אייביג א שבת פאר ראש השנה, **אתם נצבים היום**, וואס איז מרמז אויף ראש השנה, ווייל אלעס וואס גייט באשטימט ווערן אויף דעם מענטש אין ראש השנה, לעבן געזונט, פרנסה, נחת פון קינדער, און נאך, אלעס ווענדט זיך אינעם היינטיגען שבת.

דעריבער דארף מען זען, אז מ'זאל אויסנוצן דעם שבת ווי עס דארף צו זיין, און מתפלל זיין צום הייליגן באשעפער, אז מיר זאלן פארשריבן ווערן לחיים טובים, און מיר זאלן אלע האבן א כתיבה וחתימה טובה, און מיר זאלן שוין געהאלפן ווערן מיט די גאולה שלימה, בביאת גואל צדק במהרה בימינו אמן.

* * *

מ'בענטשט נישט חודש תשרי, אזוי ווי מ'בענטשט יעדן ראש חודש, כדי צו פארמישן דעם שטן, ער זאל נישט וויסן ווען ס'איז ראש השנה.

מ'קען דאס מרמז אין פסוק, **תקעו בחדש שופר בכסא ליום חגנו**, אז דער חודש וואס מ'בלאזט שופר, זאל זיין באדעקט און באהאלטן. (לבוש סימן תקפ"א)

## סליחות מיט מזונות און ברוינפן

ס'איז געווען ערב ראש השנה, און ס'ווערט שפעט, און דער הייליגער בארדיטשובער רב (בעל מחבר ספר קדושת לוי) איז נאך אלץ נישט אריין געקומען צו סליחות, נאכדעם וואס איז דורך א היפש ביסל צייט איז דער הייליגער קדושת לוי אריינגעקומען מיט מזונות און א פלעשל ברוינפן.

נאכ'ן דאוונען האט ער דערציילט, אז ס'איז געווען גאר א גרויסע קטרוג אין הימל, איז ער ארויסגעגאנגען פון זיין הויז גאר פרי פארטאגס, מיט מזונות און ברוינפן, און ער האט געטראפן אן אידיש אינגל, און אים געפרעגט, דארפסט אביסל מזונות און ברוינפן, איז ער קודם געגאנגען זיך געוואשן די הענט, געזאגט ברכות התורה, און נאכדעם געמאכט א ברכה, און געגעסן, גייט ער ווייטער, און טרעפט א גוי'שע אינגל, און פרעגט אים די זעלבע פראגע, דארפסט אביסל מזונות און ברוינפן, ער האט דאס תיכף אויפגעגעסן, זיך נישט געוואשן, נישט געמאכט קיין ברכה.

האב דער הייליגער בארדיטשובער רב געזאגט, רבונו של עולם, קוק דער חילוק צווישן דעם איד און דעם גוי, דער איד אפילו זייענדיג פארשלאפן, טראכט מען אבער אייביג פון די מצוות פון השי"ת, און אזוי איז די שלעכטע גזירה בטל געווארן.

# יארצייט פון די וואך



דעם היינטיגן פרייטאג, כ"ו אלול, פאלט אויס די יארצייט פון

הרה"ק **רבי שמואל אבא מזיכלין** זי"ע

הרה"ק רבי שמואל אבא מזיכלין זי"ע איז געבוירן געווארן אין יאר תק"ע, אין די שטאט לוביטש, צו זיין פאטער ר' זעליג ז"ל און צו זיין מוטער מרת יוטל ע"ה. זיין פאטער ר' זעליג איז געווען א זון פון רבי איציק זצ"ל פון זיכלין, וועלכער איז בזיווג שני געווען אַן איידעם ביי הרה"ק רבי פישעלע סטריקובער זי"ע.

א קינד וואס וועט באלייכטן די וועלט

נאך די חתונה פון ר' זעליג מיט זיין פרוי יוטל איז אריבער אסאך יארן און זיי האבן נישט געהאט קיין קינדער ל"ע, זענען זיי געפארן צו זייער שטיף-זיידע הרה"ק רבי פישעלע סטריקובער און זיך מזכיר געווען צו געהאלפן ווערן מיט קינדער.

האט הרה"ק רבי פישל געזאגט, "איך זע אז עס וועט פון אייך ארויסקומען ליכטיגע אידישע דורות. איר וועט האבן א קינד וועלכער וועט באלייכטן די וועלט ברוחניות ובגשמיות און העלפן אידן".

א יאר שפעטער איז געבוירן געווארן א קינד ביי ר' זעליג, וועמען מ'האט א נאמען געגעבן "שמואל אבא", כאטש זיין גוף איז געווען אפגעשוואכט, איז אבער זיין מח געווען גאר שארף און ער האט אלעס גלייך אויפגעכאפט און פארשטאנען קלאר, און ווען ער איז אלט געווען פינף יאר האט ער שוין געלערנט גמרא מיט תוספות. זיינע עלטערן האבן געהאט גרויס צער פון דעם וואס זייער קינד איז נאכנישט געהעריג אנטוויקלט, און זיין איז מאמע געפארן קיין סטריקוב צו הרה"ק רבי פישל און געבעטן ער זאל אנוואונטשן אז דאס קינד זאל אנהייבן גיין געהעריג און זיין געזונט. רבי פישל האט צוגעזאגט אז דאס קינד וועט זיין געזונט. פון דעמאלטס און ווייטער האט זיך דאס קינד אנגעהויבן צו אנטוויקלען און איז ב"ה געווארן געזונט און שטארק, אבער א נידריגן געשטעל איז ער יא געבליבן אלע זיינע יארן.

זיינע הייליגע רבי'ס

הרה"ק רבי שמואל אבא איז געווען א תלמיד פון זיין שטיף-זיידע הרה"ק רבי פישעלע סטריקובער זי"ע (א תלמיד פון הייליגן מעזריטשער מגיד, פון הייליגן קדושת לוי מבארדיטשוב, און פון הייליגן רבי'ן רבי אלימלך מליזענסק זי"ע), און כאטש רבי שמואל אבא איז געווען בלויז צוועלף יאר אלט ווען רבי פישעלע איז נפטר געווארן, האט ער גאר אסאך קונה געווען פון אים און זיך א גאנץ לעבן פארעכנט ווי זיינס א תלמיד. נאך די פטירה פון רבי פישעלע סטריקובער, איז רבי שמואל אבא געווען א תלמיד פון זיין זון הרה"ק רבי יעקב מברזשעזשין זי"ע. אויך איז ער געפארן צום הייליגן רבי'ן רבי בונם מפרשיסחא זי"ע.

אין די ישיבה אין פלאצק - קוטנא

ווען רבי שמואל אבא איז אלט געווען צוועלף יאר און איז געווען באקאנט אלס "דער לוביטשער עילוי", האט אים זיין טאטע ר' זעליג געטראגן לערנען צו די ישיבה פונעם פלאצקער גאון הרה"ק רבי לייבוש חריף זי"ע. נאכ'ן לערנען א יאר אין פלאצק, איז רבי שמואל אבא געפארן לערנען קיין קוטנא צו די ישיבה פונעם קוטנער רב הגאון רבי משה יהודה לייב זילבערבערג זצ"ל בעל מחבר ספר זית רענן, און דארט געלערנט א האלבע יאר.

לוביטש - באדזאנאוו

הרה"ק רבי שמואל אבא האט חתונה געהאט מיט די רעביצין גאלדא ראצא ע"ה, די טאכטער פון זיין פעטער ר' מרדכי פון די שטאט באדזאנאוו - א ברודער מיט זיין טאטן ר' זעליג (ר' מרדכי איז געווען א ברודער פון ר' זעליג נאר פון איין טאטע. די מאמע פון ר' מרדכי, די פרוי בזיווג שני פון זיין פאטער רבי איציק, איז געווען א טאכטער פון הרה"ק רבי פישעלע סטריקובער זי"ע). ר' זעליג, דער פאטער פון רבי שמואל אבא, איז געווען מער פארמעגליך ווי זיין ברודער ר' מרדכי, דערפאר האט ער זיך אונטערגענומען צו געבן קעסט פאר זיין זון נאך די חתונה. רבי שמואל אבא איז געבליבן וואוינען נעבן זיין טאטן אין לוביטש און געהארעוועט אויף תורה מיט גרויס התמדה. אויך פלעגט ער דאווענען מיט א געוואלדיגע התלהבות.

אויפגענומען אלס רבי

**נאך א שטיק צייט יאר איז ר' זעליג - דער פאטער פון רבי שמואל אבא - ל"ע געווארן אַן ארימאן און נישט געקענט מער אויסהאלטן זיין זון, דאן איז רבי שמואל אבא אריבער וואוינען נעבן זיין שווער ר' מרדכי אין די שטאט באדזאנאוו. די אידן פון לוביטש האבן זיך זייער געבענקט צו דעם געהויבענעם יונגערמאן רבי שמואל אבא, און בעפאר די הייליגע טעג האבן זיי באשלאסן צו פאָרן צו אים קיין באדזאנאוו אויף די הייליגע טעג און זיי האבן אים אויפגענומען אלס רבי. דאן האט רבי שמואל אבא שוין נישט געהאט קיין ברירה און אנגעהויבן צו פראווען רבי'סטיווע.**

דאס הייליג הויף אין זיכלין

**עטליכע יאר שפעטער, אין יאר תר"ד, האט א שוועסטער פון ר' זעליג און ר' מרדכי מיט'ן נאמען בילא - וועלכע האט געוואוינט אין זיכלין און איז געווען זייער רייך און געטיילט אסאך צדקה - זיך דערוואוסט פונעם שווערן מצב הפרנסה ביי איר ברודער ר' מרדכי, האט זי אים געלאדנט צו קומען וואוינען קיין זיכלין מיט זיין גאנצע משפחה און זיך אונטערגענומען זיי אויסצוהאלטן. דאן האט ר' מרדכי זיך אריבערגעצויגן קיין זיכלין און מיטגענומען זיין איידעם הרה"ק רבי שמואל אבא. ביז א קורצע צייט האבן פילע חסידים אנגעהויבן צו קומען קיין זיכלין צו מקבל זיין תורה און קדושה פונעם רבי'ן הרה"ק רבי שמואל אבא און צו מזכיר זיין זייערע בקשות, און דער זיכלינער רבי איז באקאנט געווארן אין די וועלט אלס א גרויסער פועל ישועות.**

מקרב געווען אידן צום אויבערשטן

**הרה"ק רבי שמואל אבא האט געפירט דאס הייליג הויף אין זיכלין פאר פינף און דרייסיג יאר, ביז צו זיין פטירה. ער האט זיך אסאך אפגעגעבן מיט אידן וועלכע זענען ליידער געווארן דערווייטערט פון אידישקייט און זיי געמאכט פאר בעלי תשובה און מקרב געווען צום אויבערשטן, ביז זיי זענען געווארן געהויבענע חסיד'ישע אידן. דער זיכלינער רבי הרה"ק רבי שמואל אבא זי"ע איז נפטר געווארן אום כ"ו אלול אין יאר תרל"ט, אין עלטער פון ניין און זעכציג יאר, און איז געקומען לקבורה אויפ'ן בית החיים אין זיכלין, וואו מ'האט נאך בעפאר ראש השנה אויפגעבויעט אַן אוהל אויף זיין קבר.**

**זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן**

***

**<u>דער פלאן איז נישט געלונגען</u>**

אין יאר תר"ב, ווען ס'האט ל"ע אויסגעבראכן א מגיפה אין די שטאט זיכלין, האט דער זיכלינער רבי הרה"ק רבי שמואל אבא זיך אריבערגעצויגן אויף א שטיק צייט צום שטאט אזערקאוו, ביז ווען די מגיפה האט זיך אויפגעהערט און דער רבי איז צוריקגעגאנגען וואוינען קיין זיכלין.

אין אזערקאוו האט געוואוינט אַן ערליכער ווין-סוחר, וואס אין דער צייט ווען דער זיכלינער רבי האט זיך אויפגעהאלטן אין אזערקאוו, פלעגט ער יעדן ערב שבת שיקן ווין פאר'ן רבי'ן צו מאכן קידוש דערויף.

**געוואלט מכשיל זיין דעם רבי'ן**

אין די שטאט אזערקאוו האבן געוואוינט גרויסע מתנגדים וועלכע פלעגן שפעטן און אפלאכן פון די חסידים און זייערע רבי'ס, איז זיי איינמאל ביי֜געפאלן א בייזוויליגער פלאַן אונטערצושטעלן אז דער זיכלינער רבי זאל טרינקען יין נסך רח"ל.

פאר אפאר פרוטות האבן זיי אונטערגעקויפט דעם משרת פונעם ווין-סוחר, און אים צוגערעדט אז דעם קומענדיגן ערב שבת ווען זיין בעל הבית וועט שיקן די ווין פאר'ן רבי'ן, זאל ער דאס אויפטוישן און אנשטאטס דעם אריינלייגן יין נסך.

דער משרת האט זיך געלאזט איבעררעדן און טאקע אויפגעטוישט די פלעשער, און די רשעים האבן זיך געגרייט צו זען וויאזוי דער רבי וועט מאכן קידוש אויף יין נסך.

פרייטאג צונאכטס האט זיך דער אנפירער פונעם פלאן געשטעלט אינדרויסן ביים פענסטער פון בית המדרש קעגן איבער דעם רבי'נס פלאץ, צו מיטהאלטן פון דער נאנט ווי זיין פלאן איז געלונגען און דער רבי וועט [חס ושלום] טרינקען יין נסך.

**געהייסן ברענגען אנדערע ווין**

דער רבי איז אריינגעקומען אין בית המדרש אזויווי געווענליך און געזונגען זמירות. דערנאך האט דער גבאי אנגעגאסן דעם כוס פאר'ן רבי'ן צו מאכן קידוש, אבער ווי נאר דער רבי האט גענומען דעם כוס אין די האנט, האבן זיינע הענט פלוצלינג אנגעהויבן שטארק צו ציטערן.

דער רבי האט אראפגעלייגט דעם כוס און באפוילן מ'זאל ברענגען אנדערע ווין, און דערנאך האט ער געמאכט קידוש.

ווען דער מתנגד - וועלכער איז געשטאנען ביים פענסטער - האט דאס געזען, איז אים באפאלן א מורא'דיגן פחד און ער האט געהויבן פיס און אנטלאפן. אזוי לויפנדיג איז ער

אראפגעפאלן און זיך ל"ע צובראכן עטליכע ביינער פון די פיס און ער האט געשריגן קולות פאר הילף.

ווען די חסידים - וועלכע זענען געווען אין בית המדרש ביים טיש - האבן געהערט ווי איינער שרייט פאר הילף, זענען זיי געגאנגען העלפן, און דער מתנגד האט זיי דערציילט וואס ער האט געטון, און געזאגט אז דאס איז א שטראף אויף דעם וואס ער האט געוואלט מכשיל זיין דעם הייליגן צדיק. (ספר להב אש, וכן שאר הסיפורים משם)

***

**ער וועט שוין נישט שלעכטס טון**

אין די שטאט זיכלין האט געוואוינט א רייכער גוי וועלכער האט געעפנט א געשעפט וואו ער האט פארקויפט אלע מיני סחורה פאר שפאט ביליג, און דורכדעם האט ער צוגעצויגן אלע שטאטישע איינוואוינער צו קומען צו אים קויפן, און ער האט צוגענומען די פרנסה פון אלע אידישע סוחרים וועלכע האבן נישט געהאט די מעגליכקייט צו פארקויפן פאר אזוי ביליג.

**ווען איך וועל אים זען, וועל איך וויסן**

עטליכע אידישע סוחרים זענען געקומען צום הייליגן זיכלינער רבי'ן און געבעטן ער זאל מתפלל זיין אז דער גוי זאל נישט אוועקנעמען זייער פרנסה. נאכ'ן הערן די בקשה, האט דער רבי געענטפערט מיט דעם לשון, "ווען איך וועל אים זען, וועל איך שוין וויסן וואס צו טון מיט אים".

ווען די סוחרים זענען ארויסגעגאנגען, האט דער רבי געלאזט רופן זיין משמש ר' יעקב און געזאגט אז ווען ער וועט זען אויפ'ן גאס דעם גוי זאל ער אים ווייזן ווער דאס איז.

נאך עטליכע טעג, ווען דער זיכלינער רבי איז געגאנגען אין בית המדרש, איז דער גבאי צוגעגאנגען צום רבי'ן און געזאגט אז דא גייט דער גוי וואס דער רבי האט געהייסן ווייזן ווער דאס איז.

האט דער זיכלינער רבי געזאגט, "כאטש מ'טאר נישט קוקן אין דעם פנים פון א רשע, אבער אז ס'איז א טובה פאר אידן איז נישטא וואס מורא צו האבן".

דער רבי האט באטראכט דעם גוי פון אויבן ביז אונטן. נאכדעם האט ער געזאגט פאר'ן גבאי'ן, "ער וועט שוין נישט שלעכטס טון פאר אידן".

יענעם טאג איז דער גוי פלוצלינג זייער קראנק געווארן. זיין קרענק האט זיך געצויגן א לענגערע צייט און זיין געשעפט האט זיך גענצליך אפגעשפארט, און די אידן אין שטאט זענען געווארן אויפגעראכטן.

***

**מסירות נפש צו היטן שבת**

אמאל איז א איד געקומען צום הייליגן זיכלינער רבי'ן און געבעטן מיט א צובראכן הארץ אז דער רבי זאל אים ארויסהעלפן אין זיין צרה.

דערציילט ער, אז אין די פארגאנגענע וואכן פאסירט יעדן פרייטאג צונאכטס דאס זעלבע, אז ווען ער האלט פאר קידוש, באפאלט אים פלוצלינג א טיפער שלאף פון וואס ער קען זיך בשום אופן נישט אויפוועקן ביז שבת אינדערפרי. ער האט שוין פרובירט אלע עצות, אבער גארנישט העלפט נישט.

**מידה כנגד מידה**

האט אים דער רבי געזאגט, "דאס איז אַן עונש פון הימל אויף דעם וואס דו האסט ליידער מחלל שבת געווען, וועגן דעם איז געקומען דער שטראף מידה כנגד מידה אז דו זאלסט נישט קענען הנאה האבן פונעם הייליגן שבת".

ווען דער איד האט דאס געהערט, איז ער געווארן זייער צובראכן, און געזאגט פאר'ן רבי'ן אז ער גיבט אכטונג אפצוהיטן דעם שבת ווי עס דארף צו זיין און ער ווייסט נישט פון קיין חילול שבת צו זאגן. אבער דער רבי האט אים נאכאמאל איבערגעזאגט די זעלבע ווערטער ווי פריער.

דער איד איז אהיימגעפארן און דערציילט פאר זיין משפחה וואס דער רבי האט געזאגט, און ער האט געפרעגט אויב איינער ווייסט אפשר וואס דער רבי מיינט.

**מחלל שבת געווען בשוגג**

האט זיך זיין זון אנגערופן, "טאטע, זיי מיר מוחל פאר'ן זאגן. איינמאל פרייטאג צונאכטס אינמיטן די נאכט האב איך געזען אז דו ביסט אויפגעשטאנען און האסט געוואלט טרינקען א גלאז וואסער, און זייענדיג פארשלאפן האסטו פארגעסן און אנגעצונדן א ליכט און דערנאך פארלאשן. איך האב נישט געוואלט רעדן דערפון ביז היינט, אבער יעצט ווען דער רבי זאגט אז מ'דארף תשובה טון דערויף, בין איך געצוואונגען דאס צו זאגן".

ווען דער טאטע האט דאס געהערט, איז ער גלייך צוריקגעפארן צום זיכלינער רבי'ן און דערציילט וואס זיין זון זאגט, און געבעטן א וועג צו קענען תשובה טון אויף די עבירה.

**זאלסט ביישטיין דעם שווערן נסיון**

האט דער רבי געזאגט, "אויב וועט דיר אונטערקומען א שווערע נסיון אין שמירת שבת און דו וועסט דאס ביישטיין, וועסטו האבן א כפרה אויף די עבירה פון חילול שבת".

דער איד איז אהיימגעפארן און אפגעמאכט ביי זיך אז ער וועט ביישטיין סיי וועלכע נסיון עס וועט אים אונטערקומען אין שמירת שבת.

קורץ נאכדעם האט פאסירט, אז דער פריץ פון וועמען דער איד האט געצויגן זיין פרנסה דורכ'ן ארויסדינגען א קליינע מיל, האט אים געלאזט רופן און געזאגט, "ביז יעצט האסטו טאקע געטון וואס דו האסט געוואלט, האסט געארבעט בלויז זעקס טעג און שבת האסטו גערוט, אבער וויבאלד איך האב יעצט אריינגעלייגט אסאך געלט צו פארברייטערן דעם מיל, איז מיר א שאָד אז דער מיל זאל שטיין ליידיג יעדן שבת, דעריבער קענסטו מער נישט רוען אום שבת".

דער איד - וועלכער האט גוט געדענקט וואס דער רבי האט אים געזאגט - האט גלייך געזאגט פאר'ן פריץ אז דאס קומט נישט אין באטראכט. ער וועט בשום אופן נישט ארבעטן שבת.

**ארויסגעווארפן דעם איד**

דער פריץ האט קודם פרובירט מיט שיינעם און אים צוגעזאגט גרעסערע פארדינסטן, אבער ס'האט נישט געהאלפן. דערנאך האט ער פרובירט מיט בייזן און געסטראשעט דעם איד אז ער וועט אים ארויסווארפן און ער וועט ליידן פון הונגער, אבער דער איד האט זיך געהאלטן פעסט און נישט נאכגעגעבן.

ווען דער פריץ האט געזען אז דער איד האלט זיך אזוי פעסט, האט ער געזאגט פאר'ן איד אז ער גיבט אים צייט צוויי חדשים זיך צו באַרעכענען, און אויב ביז דעמאלטס בלייבט ער נאך אלס ביי זיין מיינונג נישט צו ארבעטן אום שבת, וועט ער אים אפזאגן פון די ארבעט.

ווען די צוויי חדשים האבן זיך געענדיגט און דער איד האט נישט געטוישט זיין מיינונג, האט דער פריץ טאקע מקיים פסק געווען און ארויסגעווארפן דעם איד און גענומען אויף זיין פלאץ א צווייטן. א איד וועלכער האט ליידער יא מסכים געווען צו ארבעטן אום שבת.

כאטש דאס איז געווען זייער א שווערע צרה אויף דעם איד - וועלכער האט ביז יעצט געלעבט מיט א ברייטקייט און יעצט וועט ער שפירן די הונגער, דאך האט ער דאס אנגענומען מיט ליבשאפט, וויסנדיג אז מיט דעם איז מען אים מוחל אין הימל אויף זיין עבירה פון חילול שבת.

**צוריקבאקומען זיין פרנסה**

נאכ'ן ביישטיין דעם שווערן נסיון איז דער איד נאכאמאל געפארן קיין זיכלין צום רבי'ן, און דער רבי האט אים אנגעוואונטשן, אז אינעם זכות פון היטן דעם שבת, וועט ער בקרוב צוריקבאקומען זיין פרנסה, און דער איד איז אהיימגעפארן מיט גרויס בטחון אז דעם רבי'נס ברכה וועט זיכער מקוים ווערן.

למעשה פון ווען דער פריץ האט אוועקגעשיקט דעם איד, האט ער אנגעהויבן צו ליידן גרויסע שאדנס. יעדן טאג האט זיך עפעס אנדערש צובראכן אין די מיל. ביז דער פריץ האט איינגעזען אז דאס קומט אים אלס שטראף פאר'ן ארויסווארפן דעם איד.

דער פריץ האט גלייך צוריקגערופן דעם איד און אים פארדינגען דעם מיל, און אים געזאגט אז ער וועט ווייטער קענען היטן שבת.

***

**<u>די דאקטוירים פירן נישט די וועלט</u>**

אין די שטאט ליפנא האט פאסירט אז א יונגע פרוי - וועלכע האט געהאט יונגע קינדער אין שטוב - איז ל"ע קראנק געווארן און איר מצב איז געווען זייער שווער.

איר מאן איז געגאנגען מיט איר צו די גרעסטע דאקטוירים צו טרעפן א רפואה פאר זיין פרוי, און איז אויך געווען פארנומען צו שאפן די גרויסע געלטער צו באצאלן פאר די דאקטוירים.

דער מצב האט זיך אבער ליידער נישט פארבעסערט, און די גרעסטע דאקטוירים האבן שוין אויפגעגעבן און געזאגט אז ס'לוינט זיך נישט אריינצולייגן אזויפיל געלט ווען מ'קען שוין ממילא גארנישט טון איר צו היילן רח"ל.

**דער אויבערשטער פירט די וועלט**

איינע פון די משפחה מיטגלידער האט באשלאסן צו פאָרן קיין זיכלין צום רבי'ן, און ווען ער איז אריינגעקומען צום רבי'ן, האט ער איבערגעזאגט די ווערטער פונעם דאקטער.

ווען דער זיכלינער רבי האט געהערט איבערזאגן די ווערטער וואס דער דאקטער האט געזאגט, האט ער זיך אויפגעשטעלט פון בענקל און געזאגט מיט א געשריי, "די דאקטוירים מיינען אז זיי פירן די וועלט און זיי קענען זאגן אז די פרוי וועט נישט ווערן געזונט, איך ווייס דאך אבער יא אז דער אויבערשטער פירט די וועלט, און איך זאג אז מיט'ן אויבערשטנס הילף וועט די פרוי יא געזונט ווערן". אזוי האט דער רבי איבערגע'חזר'ט די זעלבע ווערטער עטליכע מאל.

**זאגן פאר די פרוי אז זי וועט ווערן געזונט**

דער רבי האט באפוילן פאר דעם איד, אז ווען ער וועט אהיימפארן, זאל ער גלייך גיין צו די הויז פון די פרוי וועלכע איז נישט געזונט, און איר זאגן, אז כאטש דער דאקטער זאגט אז זי וועט נישט געזונט ווערן, אבער רבי שמואל אבא פון זיכלין זאגט אז מיט'ן אויבערשטנס הילף וועט זי לעבן און ווערן געזונט, און זי וועט נאך זוכה זיין חתונה צו מאכן איר אינגסטער זון.

דער איד איז אהיימגעפארן און גלייך געגאנגען צום הויז פון די פרוי. ער האט געזען ווי די חברה קדישא זענען שוין פארזאמלט גרייט אויף יציאת נשמה, אבער מיט אמונת צדיקים איז ער צוגעגאנגען צו די פרוי און איבערגעזאגט די ווערטער וואס דער רבי האט געזאגט.

נאך אין דעם זעלבן טאג האט זיך דער מצב אנגעהויבן צו פארבעסערן, און פון מינוט צו מינוט האט מען געזען א שטארקע שינוי לטובה. די פרוי האט שוין אנגעהויבן צו רעדן און געבעטן איר מאן זאל איר געבן א מטבע צו געבן צדקה, ווייל ביינאכט האט זי געזען אין חלום א מענטש וועלכער האט איר געזאגט אז אויב זי וועט געבן צדקה וועט זי ווערן געזונט.

**א גרויסער קידוש השם**

די מעשה האט זיך שנעל פארשפרייט אין די שטאט און אלע מענטשן האט געגליבט דעם אויבערשטן אויף די גרויסע חסדים. אפילו דער גוי'אישער דאקטער האט מודה געווען אז ס'איז דא א גרויסער באשעפער אויף דער וועלט, און ס'האט געברענגט א גרויסער קידוש השם.

***




גליון
# קוראי עונג
פרשת נצבים

נערך ע"י הרב יצחק דוד טווערסקי - מלמד בישיבת קארלין סטאלין

## דברי תורה

**אַתֶּם נִצָּבִים הַיּוֹם כֻּלְּכֶם לִפְנֵי ה' אֱלֹקֵיכֶם.** (כט, ט)

ווען א מענטש וויל זיין נאנט צום אייבערשטער דארף ער מקבל זיין אויף זיך צו זאגן נאר דעם 'אמת', ווייל דורך שקר דערווייטערט מען זיך פונעם אייבערשטער, ווי עס שטייט 'מדבר שקר תרחק', אז דורכ'ן ליגנט זאגן ווערט מען דערוויטערט פון דעם אייבערשטער.

דאס איז מרומז אין פסוק, 'אתם' איז אותיות 'אמת', משה רבינו האט מרמז געווען פאר די אידן אז דורך די מדה פון 'אמת', 'נצבים היום כולכם לפני ה' אלקיכם', קען מען שטיין פאר'ן אייבערשטער.

(דער הייליגער רבי יחיאל מיכל פון גלינא זי"ע)

**לֹא יֹאבֶה ה' סְלֹחַ לוֹ.** (כט, יט)

דער פסוק זאגט נישט אז דער אייבערשטער וועט עם טאקע נישט מוחל זיין, נאר אז דער אייבערשטער וועט 'נישט וועלן' עם מוחל זיין.

ווייל אין זוה"ק שטייט, עס ווערט גארנישט אפגעשטעלט פאר א מענטש וואס טוט תשובה, און אפילו דער גרעסטער רשע אויב ער טוט באמת תשובה נעמט דאס דער אייבערשטער אָן.

דאס זאגט דער פסוק, אז א איד וועט שטארק זינדיגן, 'לא יאבה ה'', וועט דער אייבערשטער נישט וועלן עם פארגעבן, אבער אויב ער וועט תשובה טוהן, דאן 'סלוח לו', וועט עם דער אייבערשטער יא מוחל זיין.

(דער הייליגער רבי צבי הירש פון ליסקא זי"ע)

**הַנִּסְתָּרֹת לַה' אֱלֹקֵינוּ וְהַנִּגְלֹת לָנוּ וּלְבָנֵינוּ וגו'.** (כט, כח)

די גמרא זאגט (סנהדרין צח.), עס זענען דא צוויי צייטן ווען מיר קענען אויסגעלייזט ווערן פון גלות, איינס איז דער באשטימטע צייט וואס נאר דער אייבערשטער ווייסט ווען דאס איז, דער אנדערע צייט איז אז דורך תשובה און מעשים טובים דערנענטערט מען דעם ביאת המשיח, אפילו עס איז פאר דער באשטימטע צייט.

דאס זאגט דער פסוק, 'הנסתרות' דער באהאלטענע צייט ווען משיח דארף קומען, 'לה' אלקינו', דאס ווייסט נאר דער אייבערשטער אליין, אבער 'והנגלות', דער אנטפלעקטע זמן וואס קען אונז דערנענטערן ביאת המשיח, 'לנו ולבנינו', דאס קען זיין דורך אונז, נאר אויב 'לעשות את כל דברי התורה הזאת', מיר וועלן מקיים זיין תורה, מצות און מעשים טובים.

(דער הייליגער 'כתב סופר' זי"ע)

דער אייבערשטער האט אונז נישט אנטפלעקט דער שכר אויף יעדע מצוה, ווייל ער וויל אז מיר זאלן טוהן אלע מצות אייניג. אויסער ביי צוויי מצות שטייט יא אין תורה זייער שכר, 'שילוח הקן' און 'כיבוד אב ואם'.

ביידע מצות זענען נישט אייניג, איינע איז א גרינגע מצוה און איינע איז שווערער צו מקיים זיין, אבער ביי ביידע שטייט זייער שכר 'אריכות ימים', צו ווייזן אז אלע מצות זענען די זעלבע חשיב ביים אייבערשטער.

דאס איז מרומז דא אין פסוק, 'הנסתרות לה' אלקינו', די שכר פון די מצות זענען באהאלטן און פארהוילן פון אונז און נאר דער אייבערשטער ווייסט דאס, 'והנגלות', מען האט אבער יא אנטפלעקט די שכר פון צוויי מצות, 'לנו', איינע איז שייך פאר אונז, דאס איז די מצוה פון שילוח הקן, 'ולבנינו', און די צווייטע איז שייך פאר אונזערע קינדער וואס זיי דארפן טוהן, דאס איז די מצוה פון 'כיבוד אב ואם', פירט אויס דער פסוק 'לעשות את כל דברי התורה הזאת', אז דאס קומט אונז צו לערנען אז מיר דארפן טוהן אלע מצות אייניג.

(ספר 'בית אפרים')

**וְשַׁבְתָּ עַד ה' אֱלֹקֶיךָ.** (ל, ב)

'וְשַׁבְתָּ' איז אותיות 'וְשַׁבָּת', צו מרמז זיין אז ווען א איד היט דעם שבת ריכטיג ווי עס דארף צו זיין, איז ער זוכה אז דער 'וְשַׁבְתָּ' - זיין תשובה, וועט טאקע זיין 'עד ה' אלקיך', עס וועט אנגענומען ווערן ביים אייבערשטער.

ווי די גמרא זאגט (שבת קיח:) 'כל המשמר שבת כהלכתו אפילו עובד ע"ז כדור אנוש מוחלין לו', דער וואס היט אפ דעם שבת, כאטש ער האט געדינט עבודה זרה ווי דער דור פון אנוש, איז מען עם מוחל זיינע עבירות.

(דער הייליגער 'חיד"א' זי"ע)

**וּמָל ה' אֱלֹקֶיךָ אֶת לְבָבְךָ וְאֶת לְבַב זַרְעֶךָ.** (ל, ו)

לכאורה ווען עס שטייט נאר 'את לבבך', וואלט דאס שוין אויך געמיינט די קינדער, ווייל די תורה רעדט דאך צו יעדן איינעם, אפילו צו די קומענדיגע דורות?

נאר די תורה וויל אונז לערנען אז אויב א איד איז מקיים 'את לבבך', ער טוט תשובה מיט'ן גאנצן הארץ, דעמאלט וועלן זיינע קינדער זיך אויסלערנען און זיי וועלן אויך תשובה טוהן מיט זייער גאנצע הארץ.

(דער הייליגער 'שפת אמת' פון גור זי"ע)

**בְּפִיךָ וּבִלְבָבְךָ לַעֲשֹׂתוֹ.** (ל, יד)

צום ערשט וואלט געדארפט שטיין 'בלבבך', דערנאך 'בפיך', ווייל די 'מחשבה' קומט דאך פאר דעם 'דיבור'?

נאר דער פשט אין פסוק איז, 'בפיך', אויב דו ווילסט יענעם זאגן מוסר, 'ובלבבך', באטראכט זיך אליין פריער צי דיין הארץ איז ריין, און דו אליין פירסט זיך יא ווי עס דארף צו זיין, ווי די גמרא זאגט (ב"מ קז:) 'קשוט עצמך ואח"כ קשוט אחרים', איידער מען זאגט יענעם מוסר, זאל מען צום ערשט זיך אליין פאר'רעכטן.

(דער הייליגער רבי נח פון לעכאוויטש זי"ע)

**אֶת הַחַיִּים וְאֶת הַטּוֹב וְאֶת הַמָּוֶת וְאֶת הָרָע.** (ל, טו)

די גמרא (ברכות ה.) זאגט, אויב דער יצה"ר שטארקט זיך אויפ'ן מענטש 'יעסוק בתורה', זאל ער לערנען תורה. אויב ער האט עם נאכנישט באזיגט 'יקרא קריאת שמע', זאל ער ליינען קרי"ש. אבער אויב ער האט עם נאך אלס נישט באזיגט 'יזכור לו יום המיתה', זאל ער עם דערמאנען דעם טאג פון זיין שטארבן.

לכאו' אויב צו דערמאנען דעם 'יום המיתה' העלפט זיכער אקעגן דעם יצה"ר, פארוואס זאל ער צום ערשט פרובירן די אנדערע עצות פון 'תורה' און 'קרי"ש', זאל ער דערמאנען דעם 'יום המיתה' באלד אין אנהייב?

נאר וויבאלד די עצה פון דערמאנען דאס שטארבן ברענגט דעם מענטש צום שלעכטע מדה פון 'עצבות', וועלכע האלט צוריק דעם מענטש פון דינען דעם אייבערשטער מיט 'שמחה', דערפאר זאל ער דאס נוצן נאר טאמער ער האט נישט קיין אנדערע ברירה.

דאס איז מרומז אין פסוק, 'נתתי לפניך את החיים ואת הטוב', 'חיים' ווייזט אויף 'תורה' וואס ווערט אנגערופן 'תורת חיים', אויך 'טוב' ווייזט אויף תורה, ווי עס שטייט 'אין טוב אלא תורה', און 'חיים' מיט 'טוב' זענען אויך מרמז אויף 'קריאת שמע', ווייל א איד דארף לעבן א לעבן מיט 'מסירות נפש' צום אייבערשטער, און דאס איז מען מקבל אויף זיך יעדן טאג ביים ליינען 'קריאת שמע'. 'את המות ואת הרע', ווייזט אויף די דריטע עצה פון דערמאנען דעם 'יום המיתה'.

זענען דא מרומז די דריי עצות אקעגן דעם יצה"ר, און די תורה זאגט אונז 'ובחרת בחיים', דו זאלסט צום ערשט אויסוועלן די עצה פון 'תורת חיים', ווייל דאס דערמאנען דעם 'מות' וועט צוברענגען צו 'עצבות' ר"ל.

(ספר 'פנים יפות')

כל הזכויות שמורות © נאכדרוקן פארבאטן • צו באקומען אדער צו מנדב זיין א גליון אדער צו שרייבן הארות און הערות ביטע שיקט צו koreioneg@gmail.com

**ושבת עד ה' אלקיך.**

אין די תקופה פון דעם צאר פון רוסלאנד, ניקולאי ימ"ש, זענען ליידער פארכאפט געווארן יעדע יאר קליינע אידישע קינדער צו דינען אין די רוסישע מיליטער, מען האט זיי גערופן די קאנטוניסטן.

איינע פון די וועלכע איז נעבאך אלס קליין קינד פארכאפט געווארן פון זיינע עלטערן האט געהייסן עזריאל, ער איז אריבער געפירט געווארן צו דינען אין מיליטער, און אזוי איז ער געווארן אינגאנצן גוי'איש, צוביסלעך איז ער געווארן א גרויסע אפיציר.

ווען ער איז עלטער געווארן האט עם איינער פון די גענעראלן אנגעטראגן זיין טאכטער פאר א פרוי, און דער שידוך איז געשלאסן געווארן.

דער סדר ביי די גענעראלן איז געווען אז דער חתונה טאג וואס איז באשטימט געווארן האט מען געפייערט מיט גרויס פאראד, און א נאכט פאר דעם פלעגט מען ביים גענעראל אין הויז מאכן א גרויסן באַל און זיך אנ'שיכור'ן און זיך פריילאך מאכן.

דער נאכט פון די חתונה איז אנגעקומען, עזריאל האט זיך געגרייט אראפ צו גיין, פלוצלונג! שטעלט זיך אוועק א יונגערמאן מיט א שיינע צורה און ווייזט עם מיט די פינגער: "ניין! דו גייסט נישט, דו ביזט א איד". און דער יונגערמאן איז באלד פארשוואונדן געווארן.

עזריאל האט זיך זייער דערשראקן און האט געשיקט זאגן אז ער פילט זיך נישט גוט, האט מען דעריבער באשטימט די חתונה אויף דער צווייטע נאכט.

דער צווייטע נאכט איז דאס זעלבע זאך געשעהן, דא האט זיך עזריאל אנגערופן צו דעם יונגערמאן: "ר' איד, וואס זאל איך יעצט טוהן?"

"אנטלויפן פון דא!" - איז געקומען דער ענטפער - "נאך יעצט ביינאכט זאלסט דו פון דא אנטלויפן קיין 'קארלין', און דו זאלסט דארט פרעגן דעם רבי'ן וואס ווייטער צו טוהן!"

באלד נאכדעם ווען דער יונגערמאן איז פארשוואונדן געווארן, האט ער גענומען א שטריק, זיך ארונטער געלאזט דורכ'ן פענסטער, געכאפט א פערד און אנטלאפן. נאך עטליכע טעג זיך וואנדערן איז ער אנגעקומען קיין 'קארלין'. ער האט זיך נאכגעפרעגט וואו עס וואוינט דער רבי פון קארלין, ווען ער איז אנגעקומען צום הויף האבן די גבאים זייער מורא געהאט וואס דער רוסישע אפיציר וויל פון דעם רבי'ן.

ווען מען האט דערציילט פאר'ן אלטן רבי'ן, דער הייליגער 'בית אהרן' זי"ע, ווער עס וויל אריין קומען צו עם, האט ער זיך אנגערופן: "לאזט עם שוין אריין".

ווען עזריאל איז אריין געקומען און אנגעקוקט דעם אלטן רבי'ן, רופט ער זיך אָן אויף רוסיש: "איז דא נאך א ראבין אין קארלין?"

האט דער אלטער רבי זיך אנגערופן: "פירט עם צו אונזער זוהן!" (דאס איז דער הייליגער רבי אשר פון סטאלין זי"ע, וועלכע מען רופט 'דער יונגער רבי').

אזוי ווי עזריאל האט גע'עפענט דעם טיר האט ער גע'חלש'ט, ווייל ער האט באלד דערקענט אז דאס איז דער יונגערמאן וועלכער האט עם אפגעהאלטן פון חתונה האבן מיט די גוי'אישע מיידל.

ווען מען האט עם דערמינטערט האט זיך דער יונגער רבי צו עם אנגערופן: "עזריאל, דו ביזט א איד, און נעם זיך צוריק צו אידישקייט!"

אזוי האט זיך עזריאל צוריק געקערט צו אידישקייט, און איז געווארן א גרויסע און חשוב'ע בעל תשובה, וואו ער איז שפעטער פאר'רעכנט געווארן צווישן די געהויבענע חסידים פון קארלין-סטאלין.

❋ ❋ ❋

צום הייליגער אפטא רב זי"ע איז אריינגעקומען א איד וועלכע האט עם איבערגעגעבן א גרוס פון דעם הייליגער קאזניצ'ער מגיד זי"ע, דער אפטא רב האט זיך שטארק דערפריידט מיט דעם גרוס.

עס איז אריבער א קורצע צייט און דער איד איז ווידער געקומען מיט'ן זעלבן גרוס, אזוי האט פיל מאל פאסירט, אז ער האט כסדר געברענגט פאר'ן אפטא רב זי"ע א גרוס פונעם קאזניצ'ער מגיד זי"ע.

איינמאל ווען דער איד איז געקומען, האט דער אפטא רב אויף יענעם שטארק געקוקט, און באלד געזעהן אז יענער איז נישט סתם א בעל עבירה, נאר עס איז נישט געווען קיין עבירה אין די תורה וואס דער מענטש האט נישט עובר געווען, נישט ווייל ער האט געוואלט הנאה האבן, נאר 'להכעיס' צו קענען עובר זיין אויף יעדע רייד די תורה רח"ל.

האט דער אפטא רב זיך אויפגעשטעלט פון זיין פלאץ און האט זיך גענומען שרייען מיט קולי קולות: "דו רשע! פון וואו האסט דו גענומען די חוצפה, מיר צו ברענגען א גרוס פון דעם הייליגער 'מגיד' רבי ישראל פון קאזניץ, ווען דו האסט שוין עובר געווען אויף יעדער איינציגער עבירה פון די תורה?! שוין זאלסט דו ארויסגיין פון דא! איך וויל נישט קוקן אין דער פנים פון א רשע!"

דער איד איז געבליבן שטיין ערשטוינט, א שרעק האט עם ארומגענומען, ער האט איינגעזעהן אז פון דעם צדיק קען מען גארנישט באהאלטן, גארנישט איז נישט פארהוילן פון עם. ער האט אראפגעלאזט זיין קאפ און האט שטיל געפרעגט דעם אפטא רב: "איז נאך פארהאנען פאר מיר א תשובה?"

דער אפטא רב האט נישט געקוקט אויף עם, אבער ער האט עם גע'ענטפערט: "יא!"

ווען דער איד האט דאס דערהערט האט ער אויסגעבראכן אין א 'יאמערליכע געוויין, זיין גאנצע קערפער האט געציטערט פון געוויין, בשעת די טרערן האבן זיך געגאסן פון זיינע אויגן. ער איז געפאלן צו דער ערד, ווען דאס געוויין שטארקט זיך פון מינוט צו מינוט. אזוי איז ער געלעגן אויף דער ערד און געיאמערט פאר א גאנצע שעה, ביז דער אפטא רב האט עם ענדליך געהייסן צו אויפשטיין.

ער האט זיך אויפגעשטעלט און מיט הייסע טרערן געפרעגט דעם אפטא רב: "רבי, וועלכע תשובה דארף איך טוהן, איך האב דאך אזוי שטארק דערצערנט דעם אייבערשטער?!"

דער אפטא רב האט עם גע'ענטפערט: "דעם גאנצן יאר זאלסט דו זיך היטן פון צו עובר זיין אפילו אויף איין עבירה, די גאנצע יאר זאלסט דו תשובה טוהן אויף דיינע עבירות, נאכ'ן יאר זאלסט דו צוריק קומען צו מיר, איך וועל דיר ווייטער זאגן וואס צו טוהן".

דער איד האט זיך גענומען אַן ארט אינעם שטאט אפטא וואו צו וואוינען צייטווייליג, און אנגעהויבן תשובה טוהן מיט זיין גאנצע הארץ.

ווען איין וואך איז אריבער און שבת איז אנגעקומען, איז פלוצלינג דער אפטא רב'ס גאנצע משפחה קראנק געווארן מיט שרעקליכע מחלות רח"ל.

דער אפטא רב האט באלד פארשטאנען אז מיט דעם וואס ער האט געהאלפן דעם איד צו תשובה טוהן, האט ער מבטל געווען שווערע קליפות, און זיי זענען זיך יעצט נוקם אין עם רח"ל.

האט ער דעריבער באלד נאך שבת געלאזט רופן דעם איד און עם געבעטן ער זאל אהיימפארן צו זיך, צו זיין אייגענע שטאט, און דארט זאל ער פארזעצן מיט זיין תשובה. ער האט עם אנגעזאגט אז נאך ער טוט אינגאנצן תשובה, זאל ער צוריק קומען צו עם, און ער וועט עם אינגאנצן מתקן זיין.

דער איד איז אהיימגעפארן צו זיך. זיבן יאר זענען אדורכגעלאפן, אין וועלכער דער איד האט תשובה געטוהן אָן אויפהער אויף זיינע שלעכטע מעשים און איז געזיצן באשעפטיגט אין תורה און אין עבודה.

נאך זיבן יאר האט ער געהאפט אז עס איז שוין גענוג לאנג און ער קען שוין צוריק פארן צום צדיק קיין אפטא, צו באקומען זיין גאנצע תיקון.

ווען ער איז אריין געקומען צום צדיק אין צימער, האט דער אפטא רב זיך אויפגעשטעלט פון זיין פלאץ פאר דעם איד, ווייל ער האט געזעהן ווי די שכינה אליין באגלייט עם, דער צדיק האט בכלל נישט דערקענט אויף עם אז ער איז דער געוועזענער רשע, וועלכער איז מיט יארן פריער געווען ביי עם.

"ווער זענט איר און פון וואו קומט איר?" - האט דער אפטא רב געפרעגט פון דעם ערשטוינטן איד.

דער איד האט אויסגעבראכן אין א געוויין: "דער רבי דערקענט מיר נישט?! איך בין דער רשע וועלכער איז דא געווען פאר זיבן יאר צוריק! איך בין דער וואס האט עובר געווען אלע עבירות, וואס דער רבי האט געוואוסט דערפון!"

ווען דער אפטא רב האט געכאפט ווער עס שטייט פאר עם, האט ער מיטגעוויינט מיט עם. ער האט זיך איינגעקוקט אין זיין צורה און געזעהן אין עם אַן הייליגע רוחניות'דיגע צורה.

ער האט עם באלד געזאגט: "דו דארפסט מער נישט קיין שום תיקון פון מיר! דו האסט אזוי פיל תשובה געטוהן אז עס איז נישט פארבליבן אין דיר קיין זכר פון די אלע עבירות וואס דו האסט געטוהן, נישט נאר דיין נשמה איז ריין, נאר אפילו דיין גוף איז ריין!"

די מעשה פלעגט דער הייליגער אפטא רב דערציילן פיל מאל דורכאויס זיינע יארן, און ער פלעגט צולייגן: "זעהט נאר דער געוואלדיגער כח פון תשובה!"

❋ ❋ ❋

## הרה"ק רבי שלום מבעלזא זי"ע | כ"ז אלול



# די לאנגע ציצית...

דער הייליגער צדיק הרה"ק רבי שלום פון בעלזא זי"ע איז אנגעקומען קיין בעלזא צו אננעמען די רבנות פאסטן. עס האט זיך אבער געמאכט א שטיקל פראבלעם. אין יענע צייטן איז געווען איינגעפירט אז יעדער געגנט האט פארמאגט א רב הראשי, א הויפט רב, וועלכער איז געווען באשטימט דורך די רעגירונג. דער הויפט רב איז געווען איבער אלע שטעט אין זיין געגנט, און יעדעס מאל ווען מען האט געוואלט אויפנעמען א נייעם רב האט מען געמוזט האבן די רשות פון דעם רב הראשי.

די שטאט בעלזא האט געהערט צו די געגנט זאלקווא און דער רב הראשי פון דעם געגנט איז געווען א רב וועלכער איז געווען א שטארקער מתנגד. אויב דער הייליגער בעלזער רב וואלט געגאנגען צו אים בעטן רשות צו ווערן רב אין בעלזא וואלט ער עס קיינמאל נישט צוגעלאזט. וויסענדיג דאס, איז מען בכלל נישט געגאנגען צו אים בעטן רשות, און ער איז געווארן אויפגענומען אלס רב אין בעלזא אן די וויסענשאפט און צושטימונג פונעם רב הראשי.

פאר צו לאנג איז דאס אבער נישט געבליבן א סוד. ווען דער רב הראשי האט אויסגעפונען אז דער הייליגער בעלזער רב איז געווארן רב אן זיין רשות איז ער געווארן זייער בייז אויף דעם צדיק. ער איז געפארן צום שטאט לבוב און האט אריינגעגעבן א קלאגע צום געריכט הויז אז ער רופט דעם בעלזער רב צום געריכט. צום הייליגן בעלזער רב איז אנגעקומען אן איינלאדענונג צום געריכט הויז אויף א באשטימטע טאג, ווען ער וועט זיך מוזן שטעלן צו א משפט אויף דעם וואס ער האט נישט גענומען רשות פונעם רב הראשי צו ווערן רב.

דער באשטימטער טאג איז אנגעקומען און ביידע רבנים זענען געקומען צום געריכט הויז צו די ריכטיגע צייט. דער געריכט האט זיך אנגעהויבן מיט אן ערנסטקייט און דער שופט האט זיך געקערט צום הייליגן בעלזער רב. "פארוואס האט איר נישט גענומען רשות פונעם רב הראשי אויף צו ווערן רב?" דער צדיק האט גענומען דאס ווארט און האט ערקלערט פארן שופט אז דער רב הראשי פירט זיך נישט ריכטיג לויט די תורה, דערפאר האט ער נישט געוואלט נעמען פון אים רשות. דער שופט האט געוואלט וויסן וויאזוי ער זעט עס, און דער שר שלום האט געענטפערט מיט א זיכערקייט: "אפילו דעם ציצית וואס דער רב טראגט זענען נישט אויסגעהאלטן!" הערנדיג דאס האט דער רב גלייך ארויסגעשלעפט זיינע ציצית. "קוקט!" האט ער געוויזן. "איך האב יא כשר'ע ציצית! דער שופט קען דאס אליין זען!" אבער דער הייליגער בעלזער רב איז אים נישט שולדיג געבליבן. ער האט אויסגערופן: "איר האט טאקע ציצית, אבער זיי זענען נישט ווי עס דארף צו זיין!" און ביי די ווערטער האט ער ארויסגעשלעפט זיינע אייגענע ציצית. אלע אינעם געריכט צימער האבן געשפאנטערהייט געוואונדן זייערע אויגן צו דעם צדיק'ס ציצית ווילנדיג זען מיט וואס עס איז אנדערש פונעם רב. האט דער בעלזער רב האט עס אנגעכאפט און געוויזן פארן ריכטער. "קוקט, מיינס איז פיל גרעסער ווי זיינע!"

דער שופט איז געבליבן שטיל. ער האט באמת נישט געוואוסט ווער עס איז דא גערעכט. פון איין זייט האט דער רב הראשי א גערעכטע טענה. פון דער צווייטער זייט, אפשר איז דער בעלזער רב גערעכט, אז דער רב הראשי איז נישט גענוג ערליך און דעריבער קען מען זיך נישט פארלאזן אויף אים. זייענדיג א גוי האט ער געוואוסט אז דאס קען ער נישט אליין פסק'ענען. זייענדיג אזוי אין א פארלעגנהייט איז אים בייגעפאלן א גוטע פלאן. ער איז געווען גוט באקאנט מיט דער רב פון זייער שטאט, לבוב, וועלכע איז געווען דער גאון און צדיק רבי יעקב אורנשטיין ז"ל, דער בעל ישועות יעקב. ער האט באשלאסן אים צו אריבעררופן. ער איז דאך זייער חשוב. מען וועט קוקן ווי גרויס זיין ציצית איז, און אזוי וועט מען וויסן ווער עס איז גערעכט.

דער ריכטער האט שנעל געשיקט א שליח צום רב וועלכע זאל אים אריבעררופן אין געריכט הויז. דער רב האט זיך זייער געוואונדערט וואס עפעס מען קומט אים פלוצלינג רופן צום געריכט הויז, אבער ער איז געקומען צו גיין. זיין וואונדער איז געוואקסן ווען ער איז אריינגעקומען און האט געזען די צווי רבנים וועלכע זענען געשטאנען אין געריכט. דער ריכטער האט אים אויפגענומען מיט פרייד און האט אים ערקלערט אז ער האט גארנישט קעגן אים און ער דארף נישט מורא האבן, ער זאל נאר זיי מוחל ארויסשלעפן זיינע ציצית. דער ישועות יעקב האט נישט געוואוסט וואס איז פשט פון דעם מאדנעם פארלאנג, אבער ער האט געפאלגט.

פאר אלעמענס אויגן האט ער ארויסגעשלעפט זיינע ציצית, און עס איז געווען קלאר פאר אלע אנוועזנדע אז זיינע ציצית זענען אויך געווען אזוי גרויס ווי די ציצית פון דעם הייליגן בעלזער רב. דער משפט האט זיך גלייך געענדיגט און מען האט געגעבן רעכט פאר דעם בעלזער רב.

נאך די דריי רבנים זענען ארויס האט דער רב הראשי זיך נישט געקענט איינהאלטן און האט געפרעגט דעם ישועות יעקב פארוואס ער האט היינט אן אזעלכע גרויסע ציצית. ער האט קיינמאל נישט געזען ביי אים אז ער זאל האבן אזעלכע גרויסע ציצית. האט דער ישועות יעקב אים דערציילט א פלא'דיגע זאך: "היינט אינדערפרי ווען איך האב געוואלט אנטון מיין טלית קטן האב איך עס נישט געקענט טרעפן. איך האב עס איבעראל געזוכט אבער איך האב עס בשום אופן נישט געקענט טרעפן. דאן האב איך זיך דערמאנט אז איך האב א ירושה ציצית פון מיין זיידע דער חכם צבי ז"ל, און איך האב דאס אנגעטון. ביז יעצט האב איך נישט געקענט פארשטיין פארוואס דאס האט פאסירט, אבער יעצט פארשטיי איך שוין. פון הימל האט מען געוואלט אז דער בעלזער רב זאל ארויסגיין גערעכט פונעם משפט. אבער אייך קען איך נישט פארשטיין, און איך וואונדער זיך זייער אויף אייך... צי ווייסט איר נישט אז מיט אזעלכע מענטשן טאר מען זיך נישט אנהייבן?!"

דער הייליגער בעלזער רב איז צוריק אויף זיין ארט וואו ער האט ווייטער געפירט ביז זיין פטירה.

**זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן!**

(דרך צדיקים)

## לשקוד על דלתותי יום יום
(משלי ח, לד)

לוח התורה לשבוע הבעל"ט

| | שבת נצבים כ"ח אלול | יום א' וילך כ"ט אלול | יום ב' א' תשרי | יום ג' ב' תשרי | יום ד' ג' תשרי | יום ה' ד' תשרי | עש"ק ה' תשרי |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| דף יומי | נזיר כא | נזיר כב | נזיר כג | נזיר כד | נזיר כה | נזיר כו | נזיר כז |
| עמוד יומי | חזרה | | | | חגיגא כ: | חגיגא כא. | חזרה |
| ישמח לב | קלה רבי קמ הלל | | | | קמ הלל קמא כאמור | קמא כאמור קמב וכל | קמ הלל קמא כאמור |
| שונה הלכות | חזרה | | | | סי' תרלח ו-יד | סי' תרלח טו-כא / תרלט א-ד | חזרה |
| מאו"ע יומי | עמ' תקל"ד ולכן אורך ימים עד עמ' תקל"ה והמשכיל יבין | עמ' תקל"ו לא כהעוה"ז עד עמ' תקל"ז שלימותו הגדולה והבן | עמ' תקל"ז וזהו אברהם הוליד עד עמ' תק"מ הגנוז בהתורה | עמ' תקל"ט אך לא כל אדם עד עמ' תקמ"א בשום פנים והבן | עמ' תקמ"א שם בפרק הנ"ל עד עמ' תקמ"ג תמיד מקושרת | עמ' תקמ"ג וזהו שאו עד עמ' תקמ"ה הנפש אשר עשו בחרן | עמ' תקמ"ה והנה כל נשמה עד עמ' תקמ"ו נתקרב לה' והבן |

## מען דארף נאר וועלן גיין אויף די גוטע וועג

**הַעִידֹתִי בָכֶם הַיּוֹם אֶת הַשָּׁמַיִם וְאֶת הָאָרֶץ הַחַיִּים וְהַמָּוֶת נָתַתִּי לְפָנֶיךָ הַבְּרָכָה וְהַקְּלָלָה וּבָחַרְתָּ בַּחַיִּים לְמַעַן תִּחְיֶה אַתָּה וְזַרְעֶךָ** (ל, יט). לכאורה דארף מען פארשטיין פארוואס דארף די תורה זאגן **וּבָחַרְתָּ בַּחַיִּים**? עס איז א פשוט'ע זאך, אז מען וועט וועלן אויסוועלן דער דרך תורה וואס ברענגט לעבן אלע ברכות, ווי איידער די פארקערטע וועג וואס ברענגט טויט מיט אלע קללות.

**האט** מיין פאטער **הרה"ק ר' נחמן מיכאל זלה"ה** פארענטפערט, אז די תורה וויל אונז לאזן הערן, עס איז גענוג בלויז אז א מענטש זאל אפמאכן ביי זיך אז ער וויל אויסוועלן דער 'דרך החיים', און דער אויבערשטער וועט אים שוין העלפן אז ער זאל עס קענען אויספירן מכח אל הפועל. אזוי ווי עס שטייט אין חז"ל (מכות י:) 'בדרך שאדם רוצה לילך בה מוליכין אותו', ער דארף נאר וועלן, און פון הימל וועט מען אים שוין צופירן אויף דעם וועג. (איכה אות ו' ד"ה ומעתה)

# פרשת וילך

## משה רבינו האט גענצליך ערפילט זיינע יארן

**וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם בֶּן מֵאָה וְעֶשְׂרִים שָׁנָה אָנֹכִי הַיּוֹם וגו'** (לא, ב). עס שטייט אין חז"ל (סוטה יג:), משה רבינו זאגט פאר כלל ישראל: 'ביום הזה נולדתי וביום הזה אמות'. אינעם היינטיגן טאג בין איך געבוירן געווארן, און אינעם היינטיגן טאג וועל איך שטארבן.

**מען** קען ערקלערן פשט, לויט ווי עס שטייט אין זוהר הק' (בהעלותך קנה:), משה רבינו האט זיך עטליכע מאל מוסר נפש געווען און איז געווען גרייט צו שטארבן לטובת כלל ישראל, אבער מען האט נישט מקבל געווען זיינע ווערטער, אויסער איין מאל וואס משה רבינו האט זיך מוסר נפש געווען - ביי די פרשה פון די 'מתאוננים' - און מען האט טיילווייז אנגענומען זיינע ווערטער.

**אזוי** ווי עס שטייט אין פסוק (במדבר יא, טו) משה רבינו האט געזאגט: **וְאִם כָּכָה אַתְּ עֹשֶׂה לִּי הָרְגֵנִי נָא**, און גלייך נאכדעם שטייט אין פסוק (שם יא, כו) אז 'אלדד' און 'מידד' האט געזאגט נבואה אז משה רבינו וועט נפטר ווערן (סנהדרין יז.).

**דעריבער** וואלט מען געקענט מיינען אז משה רבינו ווערט יעצט נפטר צוליב די אויבנדערמאנטע מעשה וואס משה רבינו האט זיך אליינס געשאלטן. דעריבער זאגן אונז חז"ל, די סיבה פארוואס משה רבינו ווערט יעצט נפטר איז צוליב וואס משה רבינו האט שוין ערפילט זיינע יארן, און ווערט נפטר - אזוי ווי צדיקים - אינעם טאג וואס ער איז געבוירן געווארן, אזוי ווי עס שטייט אין חז"ל (סוטה שם) 'הקב"ה ממלא שנותיהם של צדיקים מיום ליום ומחדש לחדש'. ('זרע שמשון' פרשת וילך אות א' ד"ה ולדידן)

## כלל ישראל זעט אז דער אויבערשטער איז קיינמאל נישט מבטל זיין שבועה

**וַיֹּאמֶר ה' אֶל מֹשֶׁה הִנְּךָ שֹׁכֵב עִם אֲבֹתֶיךָ וְקָם הָעָם הַזֶּה וְזָנָה אַחֲרֵי אֱלֹהֵי נֵכַר הָאָרֶץ** (לא, טז). לכאורה דארף מען פארשטיין די שייכות פון דעם וואס משה רבינו ווערט נפטר, צו דעם וואס כלל ישראל וועט זינדיגן מיט עבודה זרה.

**מען** קען ערקלערן לויט ווי עס שטייט אין חז"ל (תנא דבי אליהו פרק כ"ד, הובא ברש"י כט, יב), דער אויבערשטער האט געשווארן פאר די אבות, אז ער וועט נישט אויפטוישן זייערע קינדער מיט א אנדערע פאלק. און כלל ישראל האט געשווארן פארן אויבערשטער אז זיי וועלן אים נישט אויפטוישן מיט פרעמדע אָפּגעטער (גיטין נז:).

**און** די הלכה איז (שו"ע יו"ד סימן רל"ו ס"ו), אויב צוויי מענטשן מאכן א שבועה אויף א געוויסע זאך, און איינער איז עובר אויף די שבועה, האט דער צווייטער נישט קיין חיוב איינצוהאלטן זיין שבועה. דעריבער האט כלל ישראל שטענדיג געוואוסט אז זיי קענען נישט עובר זיין אויף זייער שבועה פון אויפטוישן צו א פרעמדע אפגאט, ווייל דעמאלטס וועט דער אויבערשטער אויך נישט דארפן איינהאלטן זיין שבועה, און וועט ח"ו קענען אויפטוישן כלל ישראל מיט א צווייטע פאלק.

**דעריבער** זאגט דער אויבערשטער, **הִנְּךָ שֹׁכֵב עִם אֲבֹתֶיךָ** ווען כלל ישראל וועט זען אז משה רבינו ווערט נפטר אין מדבר, און האט נישט געקענט מבטל זיין די שבועה פונעם אויבערשטן אז ער קען נישט אריינגיין אין ארץ ישראל, אפילו ער פארמאגט גאר גרויסע זכותים. וועלן זיי זען פון דעם אז דער אויבערשטער איז קיינמאל נישט מבטל זיין שבועה.

**און** זיי וועלן זאגן אז אפילו אויב זיי וועלן נישט איינהאלטן זייער שבועה (נישט צו דינען עבודה זרה), וועט דער אויבערשטער נאכאלץ איינהאלטן זיין שבועה, ווייל דער אויבערשטער איז קיינמאל נישט מבטל זיין שבועה (אזוי ווי די שבועה ביי משה רבינו), דעריבער **וְקָם הָעָם הַזֶּה וְזָנָה אַחֲרֵי אֱלֹהֵי נֵכַר הָאָרֶץ**, זיי וועלן זינדיגן מיט עבודה זרה, טראכטנדיג אז דער אויבערשטער וועט סיי ווי נישט מבטל זיין די שבועה. ('זרע שמשון' פרשת וילך אות ג' ד"ה ובזה)

## לעבן און געזונט איז נאר ווען מען איז באהאפטן מיטן אויבערשטער

**וְהָיָה לֶאֱכֹל וּמְצָאֻהוּ רָעוֹת רַבּוֹת וְצָרוֹת** וגו' (לא, יז). מען קען ערקלערן פשט פארוואס די עונשים האבן א שייכות דוקא ווען עס קומט צו עסן, לויט ווי עס איז באקאנט אז איידער א מענטש זינדיגט איז ער 'דבוק' (באהאפטן) מיט דער אויבערשטער, אבער אויב מען זינדיגט ווערט א 'פירוד' (צווישנשייד) צווישן דער אויבערשטער מיט דער זינדיגער.

**און** דער מענטש מיינט אז טראץ וואס ער איז דערווייטערט פון דער אויבערשטער קען ער ווייטער אנגיין מיט זיין לעבן, און ער רעדט זיך איין אז ווילאנג ער וועט זיך אפהיטן בגשמיות, ער וועט היטן זיין געזונט און אכטונג געבן וואס ער עסט, וועט ער בלייבן געזונט און עס וועט אים נישט פאסירן קיין שלעכטס.

**דעריבער** זאגט דער פסוק, אויב א מענטש זינדיגט, אפילו אויב ער וועט זיך היטן זיין געזונט, מיט דעם אלעם, **וְהָיָה לֶאֱכֹל** ווען עס וועט קומען צו עסן (און ער וועט עסן געזונט), **וּמְצָאֻהוּ רָעוֹת רַבּוֹת וְצָרוֹת** וועט אים אנטרעפן צרות און שלעכטע'ס, וויבאלד ער האט זיך דערווייטערט פונעם אויבערשטער. ('זרע שמשון' פרשת וילך אות ג' ד"ה ועוד י"ל ועיי"ש)

## תשובה פון א יחיד העלפט פאר גאנץ כלל ישראל

**גדולה תשובה, שאפילו יחיד שעשה תשובה, מוחלין לו ולכל העולם** (יומא פו:). לכאורה דארף מען פארשטיין, ווי אזוי קען זיין אז ווען בלויז א יחיד טוט תשובה, זאל מען מוחל זיין פאר די גאנצע וועלט וואס האט נישט תשובה געטון?

**מען** קען ענטפערן, לויט ווי עס שטייט פון די מקובלים (פרי עץ חיים, שער הסליחות פ"ח), ווען א מענטש איז זיך מתודה, זאל ער נישט זאגן 'חטאתי' מיט א לשון יחיד, נאר 'חטאנו' מיט א לשון רבים.

**דער** טעם דערפון איז, ווייל כלל ישראל איז איין גרויסע גוף, און יעדער איד אין כלל ישראל איז ווי איין אבר אין א גרויסע גוף, און יעדע נשמה פארמאגט א 'ערבות' (אחריות) אויף אלע אנדערע נשמות אין כלל ישראל, (דאס באדייט, אז אלעס וואס פאסירט אין כלל ישראל האט א דירעקטע שייכות צו יעדע איינציגסטע איד, און ווען א איד איז זיך מתודה, דארף ער זיך אויך מתודה זיינע אויף עבירות וואס אנדערע אידן אין כלל ישראל האט געטון).

**און** אזוי ווי ווען עמיצער איז שולדיג געלט, און עס קומט דער 'ערב' (וואס האט גענומען אחריות אויף די הלוואה) און ער באצאלט די חוב, דארף שוין דער לוה מער נישט באצאלן. די זעלבע איז ווען איין איד טוט תשובה, וואס ער איז א ערב אויף אלע אנדערע נשמות אין כלל ישראל, באצאלט ער דערמיט די חוב פון גאנץ כלל ישראל, און מען איז מוחל יעדעם איינעם בזכות זיין תשובה. ('זרע שמשון' פרשת וילך אות ה' ד"ה וא"ת)


**ארויסגעגעבן דורך 'האיגוד העולמי להפצת תורת רבינו הזרע שמשון'.**

צו באקומען דעם גליון וועכנטליך, פאר באמערקונגען, אדער איבערצוגעבן פערזענליכע סיפורים, קען מען זיך ווענדן צו: zera277@gmail.com

אדער קענט איר זיך פארבינדען צו דאס פאלגענדע: **ארץ ישראל** הרב ישראל זילברברג: 052-716-6450 www.zerashimshon.com

**אמעריקע** הרב מנחם בנימין פאשקעס: 347-496-5657 mbpaskesz@gmail.com Zera Shimshon C/O B Paskesz 1645 48 St. Brooklyn NY 11204

צו באקומען די ספר 'זרע שמשון' קען מען זיך פארבינדן
ארץ ישראל: 05271-66-450
בארה"ב: 347-496-5657

אזוי אויך קענט איר אטייל נעמען אין די הוצאות,
צו מנדב זיין לזכות אדער לע"נ און גלייכצייטיג זוכה זיין
צו די זעלטענע ברכה פון דער הייליגער 'זרע שמשון'

ניתן להפקיד בבנק מרכנתיל (17)
סניף 635 מ.ח. 71713028 ע"ש זרע שמשון
כמו"כ ניתן לתרום בכרטיס אשראי

זרע שמשון ע"ר 580624120

**וזכות הצדיק ודברי תורתו הקדושים יגן מכל צרה וצוקה, ויושפע על הלומדים ועל המסייעים בני חיי ומזוני וכל טוב סלה כהבטחתו בהקדמת ספריו**

## זאגט דער הייליגער

# רבי ר' אלימלך זצ"ל...

### א שטיקל נועם אלימלך אויף די וואכעדיגע פרשה

פרשת
# נצבים-סליחות

**נא לומר קודם הלימוד:** לע"נ הרה"ק **רבי אלימלך** ב"ר **אליעזר ליפמאן** זצ"ל - ולע"נ בתו **מירוש** בת הרה"ק **רבי אלימלך** ע"ה




(היות עס איז נישט דא קיין תורה אין נועם אלימלך אויף פ' נצבים, האבן מיר מעתיק געווען א שטיקל פון 'ליקוטי שושנה' איבער די גרויסקייט פון תשובה, וועלכע איז פאסיג פאר די טעג)

## שְׂאוּ מִנְחָה וּבֹאוּ לְחַצְרוֹתָיו, הִשְׁתַּחֲווּ לַה'.

**שאו מנחה ובואו לחצרותיו.** נראה לפרש דהנה האדם המתחיל בעבודתו יתברך שמו, אי אפשר שיבא תיכף לעבודה השלימה, מחמת חטאיו שחטא וקלקל בהם, והם המעכבים אותו לעלות במעלות קדושים, וצריך לעשות כנגד מה שקלקל חבילות מצות ועובדות כשרות כדי שיעלה גם החטאים לעשותם זכיות * רמז לזה מנחת סוטה הבאה מן השעורים שזה היה חלק לס"א כדאיתא בזוהר. וצוה השם יתברך ברוך הוא להביא מנחת העומר גם כן מן השעורים זה לעומת זה בכדי להעלות השפלות של מנחת סוטה שיש לסטרא אחרא אחיזה גם כן אל הקדושה.

**וזהו** משכני אחריך נרוצה פירוש שלמה המלך עליו השלום היה מרמז בדבריו כאלו השפלות והחטאים של אדם הם המדברים בעצמם עם האדם, משכני כלומר הביאני אל הקדושה, ואף על פי שהביאני המלך חדריו פירוש השם יתברך ברוב רחמיו וחסדיו מביא אותם אל חדריו הם העולמות עליונים כי אלולי שה' בעוזרו אינו יכול לו, אף על פי כן נגילה ונשמחה בך, יהיה לי גילה ושמחה כאלו אתה פעלת דבר זה בעצמך.

**וזהו** שאו מנחה פירוש שתשאו ותעלו את השפלות למעלה לעשותם זכיות כרמז המנחה כנ"ל * ובואו לחצרותיו היינו העולמות העליונים * השתחוו לה' כו' דאיתא עומדים צפופים ומשתחווים רווחים, זה היה למען לא ישמע אחד דברי חבירו שמתודה על חטאיו, ונמצא הוידוי והחטאים המה נקרא השתחוואת, ומלמד אותנו הכתוב להתוודות בדרך הזה שאנחנו בטוחים בחמלתו יתברך שמו שירחם עלינו וימחול לנו על חטאתינו ולא בעצבות שמפרש את חטאיו ומעורר דינים על עצמו כי אם בבטחון גדול כמאמר הכתוב ומודה ועוזב ירוחם.

**שאו מנחה ובואו לחצרותיו.** ווען דער מענטש הייבט אן דינען דעם אייבירשטן, קען ער נישט צוקומען גלייך צו א שלימות'דיגע עבודה. דאס איז צוליב זיינע עבירות וואס ער האט געזינדיגט און קאליע געמאכט, זיי האלטן אים אפ פון שטייגן און געהייליגט ווערן. די עצה צו דעם איז, ער זאל קודם טוען אסאך מצות און גוטע מעשים, אזוי וועט זיי פארריכטן און די עבירות וועלן איבערגעדרייט ווערן צו זכיות.

**א** רמז צו דעם זעהט מען ביי די פרשה פון סוטה, דער אייבירשטער האט געהייסן זי זאל ברענגען א מנחה פון גערשטן (אלע מנחות זענען פון ווייץ), דאס איז די חלק פון די סטרא אחרא, ווי עס שטייט אין זוהר (ח"ג צו.). האט דער אייבירשטער געהייסן אז די מנחת העומר זאל אויך זיין פון שעורים, כדי אויפצוהייבן די מנחת סוטה, זאל קענען צוקומען צו די קדושה.

**דאס** זאגט דער פסוק (שה"ש פ"א) **משכני אחריך נרוצה**, שלמה המלך ע"ה איז מרמז מיט זיינע רייד, כאילו די נידריקייטן און עבירות בעטן זיך ביים מענטש, משכני, ברענג מיר ארויף צו די קדושה, טראץ וואס **הביאני המלך חדריו**, דער אייבירשטער, ער איז דער וואס ברענגט צוריק א איד צו די קדושה ווי חז"ל זאגן (קידושין ל:) **אלמלא הקב"ה עוזרו לא היה יכול לו.** דאך **נגילה ונשמחה בך**, וועט מיר זיין א שמחה ווען עס וועט גערעכנט ווערן כאילו דו האסט עס געטוען.

**דאס** טייטשט, **שאו מנחה**, טראגט ארויף די עבירות זאלן ווערן זכיות, אזוי ווי מיר זעען ביי די קרבן מנחה, **ובואו לחצרותיו**, דורך דעם וועט איר קומען צו די הויעכע הימלען, **השתחוו לה'**, זייט ענק מתודה פארן אייבירשטן (ווידוי ווערט אנגערופן א לשון ביקן, ווי מיר געפינען אין די משנה עומדים צפופים ומשתחוים רווחים, כדי מז'זאל קענען מתודה זיין). די תורה לערנט אונז זיך מתודה זיין פארן אייבירשטן מיט בטחון אז ער וועט רחמנות אויף אונז און מוחל זיין, און נישט מיט א טרויער ח"ו, וואס דאס מעורר דינים אויף זיך, אדרבה מיט בטחון אין אייבירשטן ווי די פסוק זאגט ומודה ועוזב ירוחם, ווער עס איז זיך מתודה און הערט אויף זינדיגן האט דער אייבירשטער רחמנות.

# די גרויסקייט פונעם הייליגן
# רבי ר' אלימלך זצ"ל...



יד

## דער גרויסער תלמיד:
## הרה"ק החוזה מלובלין זצ"ל

צווישן די גרעסטע תלמידים און ממשיכי דרכם פונעם הייליגען רבי'ן ר' אלימלך זצ"ל איז דער הייליגער רבי פון לובלין זצ"ל, גערופן מיטן נאמען "חוזה".

עס לאזט זיך זאגן אז רוב פון די חסידות'ער וועלכע ציען זייער אפשטאם פון פוילן - גאליציע - אונגארן זענען תלמידים און תלמידי תלמידיו פונעם הייליגן רבי'ן פון לובלין. (א ביישפיל, דינוב, סיגוט, בעלזא, צאנז, פארשיסחא, גור,ווארקא, אלכסנדר, ראדאמסק או"וו).

עס ווערט דערציילט, ווען דער הייליגער חוזה איז אלט געווען בערך צען יאר, איז אמאל דער רבי ר' זושא אנגעקומען אין די שטאט ווי שטאט ווי עס האט געוואוינט דער טאטע פונעם הייליגן חוזה. רבי ר' זושא כדרכו האט זיך געשטעלט דאווענען ביים אויוון, מיט א ברען, א פלאם פייער און שטארקע קולות. די קינדער האבן זיך געשטעלט ארום און באטראכט מיט וואונדער דעם מאדנעם ערשיינונג.

צווישן די קינדער איז געווען 'יעקב יצחק', וועלכע איז אויך געשטאנען און באטראכט דעם הייליגן רבי ר' זושא.

אינמיטן הייבט ר' זושא אויף דעם טלית פון איבער זיינע אויגן און גיט א טיפע בליק אין די אויגן פון יעקב יצחק, גלייך דרייט ער זיך צוריק אויס צום אויוון.

די אויגן פונעם קינד, דער הייליגער חוזה, זענען געווארן פיל מיט טרערן, ער האט אנגעהייבן שטארק וויינען אן א אויפהער, און אן א פארשטענדליכע סיבה. נאך א לענגערע ווייל אזוי וויינען, האט אנגעהויבן גיין בלוט פון זיינע אויגן, דאן האט זיך ר' זושא אויסגעדרייט און געזאגט די פאלגענדע ווערטער, "א נפש און א רוח האב איך דיר שוין משפיע געווען, אויב ווילסטו זוכה זיין צו א נשמה דאן דארפסטו פארן צו מיין ברודער ר' אלימלך".

אזוי איז ער שפעטער נתקרב געווארן און געווארן פון די גרעסטע תלמידים פון הייליגן רבי ר' אלימלך זצ"ל.

***

איבער די הערכה פון הייליגן רבי'ן ר' אלימלך אויף זיין תלמיד דער רבי פון לובלין זצ"ל איז כדאי אראפצוברענגען וואס עס שרייבט דער הייליגער ראפשיצער רב זצ"ל - פון די גרויסע תלמידים פון הייליגן רבי ר' אלימלך זצ"ל - אין זיין ספר זרע קודש (פ' כי תצא):

וכן שמעתי מהרב הקדוש מורינו הרב אלימלך זצ"ל שכשעשה עליית נשמה ראה שנושאים את כלי הבית המקדש, ואמרו לו שהם אותם הכלים שהוציא הוא מהגלות, ופעם אחת אמר שנפלה בית טומאה אחד בצורה גדולה מאוד, ובכל יום עולים אלפי אלפים בעלי מלאכות בנאים לבנות החומה, **אבל יש לי שומר טוב, שכשהרב מורינו הרב יעקב יצחק מלאנצהוט מתפלל תפילת י"ח מתפילת מנחה מפיל כל מה שבונים**, והבנתי דבריו הקדושים, שמפיל זה, על ידי שעל ידי תפילתו בונה חומות ירושלים ובית המקדש, ולפי ערך שבונה חומות ירושלים לפי ערך זה מפיל בהבית הזה של טומאה, כי כשזה קם זה נופל.

"אזוי האב איך געהערט פון הרב הקדוש מורינו הרב אלימלך זצ"ל, ווען ער האט געמאכט אן עליית נשמה, האט ער געזעהן אז מ'טראגט די כלים פון בית המקדש, און זיי האבן אים געזאגט אז דאס זענען די כלים וועלכע ער - דער רבי ר' אלימלך מיט זיין הייליגע עבודה - האט ארויסגעצויגן פון גלות, און זיי טראגן עס צו די קדושה. איינמאל האט ער מיר דערציילט, עס איז איינגעפאלן א גרויסע תפלה א שטארקע פעסטונג, יעדן טאג גייען ארויף מיליאנען בעלי מלאכות אויפצובויען די מויער (דאס מיינט דורך די עבירות פון אידישע קינדער ל"ע). **אבער איך האב א גוטן שומר, ווען הרב מורינו הרב יעקב יצחק פון לאנצהוט דאווענט שמונה עשרה פון מנחה ווארפט ער אראפ אלעס וואס זיי בויען אויף.**

"כ'האב פארשטאנען אז דער רבי פון לובלין ווארפט צוזאם די מויערן ווען ער בעט ביי די שמונה עשרה אויף בונה ירושלים, און לויט וויפיל ער איז מתפלל אויף בונה ירושלים פאלט צוזאם פון די חומות פון די טומאה, ווייל כשזה קם זה נופל".

גליון
# בת עין
דבר השווה לכל נפש
אידיש

גליון סא • שנה ב
פרשת נצבים
תשפ"ד


## פארווארט

אין קומענדיגן תורה גייט די בת עין ארומרעדן וועגן דאס וואס א מענטש טראכט נישט כסדר אז ער שטייט פארן באשעפער און וואס מען טוט צו ס'איז א נחת רוח פארן באשעפער אדער נישט. נאכמער זאגט דער בת עין אז די עיקר משפט אין ראש השנה איז אויף די בחינה.

אין ספר עבודת יששכר פון הרה"ק ר' יששכר דוב מוולברויז ברענגט ער אז ראש השנה איז צוזאמגעשטעלט פון די דרייסיג טעג פון חודש אלול, יעדע טאג אין חודש אלול איז א קליינע שטיקל פון ראש השנה און אלעס נעמט זיך צוזאם אין ראש השנה, און לויט זיין אויפירען זיך אין די חודש אזוי וועט ער שפירן אין ראש השנה.

און אזוי אויך שרייבט דער תולדות יעקב יוסף (פר' וירא) אין נאמען פון הרה"ק ר' נחמן קאסעווער אז א פונקט ווי א מענטש קען שטיין אין בית המדרש און דאווענען און טראכטן פון אלע ביזנעס אזוי קען דאך א מענטש שטיין אין גאס און האנדלען און טראכטן פון באשעפער.

אלטע סאדיגורער חסידים פלעגן זאגן א שפריך ווארט, דריי זאכן וואס שטעלן זיך נישט אפ און שלאפן נישט (1) די זייגער שלאפט נישט. (2) די יצר הרע שלאפט נישט. (3) אין הימל שלאפט מען נישט (מפי ספרים וסופרים).

פשט פון די ווארט איז אז די דריי זאכן גייען צוזאמען, די צייט די יצר הרע און דער באשעפער, אויבי תחכמני, מען דארף זיך אויסלערנען אויסצונוצן די זייגער און כסדר האלטן פאר זיך שויתי השם לנגדי תמיד.

# פָּרָשַׁת נִצָּבִים

## תוכן הדרוש

[א]

לשון הפסוק. / איבערטראכטן צו עס וועט זיין א נחת רוח פארן באשעפער פון וואס ער טוט. / א כלל גדול – צו טוהן אלעס נאר נאכן טראכטן אז מען שטייט פארן באשעפער. / פשט אין פסוק 'אַחֲרֵי ה' אֱלֹהֵיכֶם תֵּלֵכוּ'.

[ב]

די עיקר משפט פון ראש השנה. / פשט אין פסוק 'אַתֶּם נִצָּבִים הַיּוֹם'. / לפני מי אתה עתיד ליתן דין וחשבון.

[א]

## לשון הפסוק

**אַתֶּם נִצָּבִים הַיּוֹם כּוּלְּכֶם וְגוֹ'**[א]. איר שטייט היינט דא אלע פאר די פנים פונעם אייבערשטן ענקער גאט.

## איבערטראכטן צו עס וועט זיין א נחת רוח פארן באשעפער פון וואס ער טוט

**עוֹד אֶפְשָׁר לְרַמֵּז בָּזֶה**[ב] נאך קענען אונז מרמז זיין אין די פסוק, **דְּהִנֵּה עִיקָּר הָעֲבְדוּת הוּא לִשְׁקוֹל כָּל דָּבָר וְדָבָר מִשְּׁלֹשָׁה בְּחִינוֹת מַחֲשָׁבָה דִּיבּוּר וּמַעֲשֶׂה** די עיקר עבודה איז אז דער מענטש זאל איבערטראכטן יעדע זאך און זאך אין איינע פון די קומענדיגע דריי זאכן; טראכטן; רעדן; און די זאכן וואס ער טוט.

> עוֹד אֶפְשָׁר לְרַמֵּז בָּזֶה, דְּהִנֵּה עִיקָּר הָעֲבְדוּת הוּא לִשְׁקוֹל כָּל דָּבָר וְדָבָר מִשְּׁלֹשָׁה בְּחִינוֹת מַחֲשָׁבָה דִּיבּוּר וּמַעֲשֶׂה, שֶׁצָּרִיךְ לְהִתְבּוֹנֵן בְּשִׂכְלוֹ קוֹדֶם שֶׁיַּעֲשֶׂה וִידַבֵּר וְיַחְשׁוֹב דָּבָר אִם יִצְמַח מִזֶּה נַחַת רוּחַ לְהַבּוֹרֵא בָּרוּךְ הוּא, וְאִם הוּא רְצוֹן אֱלֹהֵינוּ יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ - אָז יַחְשׁוֹב אוֹ יְדַבֵּר אוֹ יַעֲשֶׂה הַדָּבָר הַהוּא.

**שֶׁצָּרִיךְ לְהִתְבּוֹנֵן בְּשִׂכְלוֹ קוֹדֶם שֶׁיַּעֲשֶׂה וִידַבֵּר וְיַחְשׁוֹב דָּבָר אִם יִצְמַח מִזֶּה נַחַת רוּחַ לְהַבּוֹרֵא בָּרוּךְ הוּא** ווייל מען דארף אריינטראכטן מיט זיין שכל פאר ער טוט אדער רעדט און טראכט עפעס אויב עס וועט ארויסשפראצן דערפון א נחת רוח פארן באשעפער פון דעם, **וְאִם הוּא רְצוֹן אֱלֹהֵינוּ יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ - אָז יַחְשׁוֹב אוֹ יְדַבֵּר אוֹ יַעֲשֶׂה הַדָּבָר הַהוּא** און אויב די זאך

---

א. די לשון פון די פסוק איז: **אַתֶּם נִצָּבִים הַיּוֹם כֻּלְּכֶם לִפְנֵי ד' אֱלֹקֵיכֶם** רָאשֵׁיכֶם שִׁבְטֵיכֶם זִקְנֵיכֶם וְשֹׁטְרֵיכֶם כֹּל אִישׁ יִשְׂרָאֵל.

ב. ווען מען קוקט אריין אין ספר זעהט מען אז דא הייבט זיך אן די תורה וואס דער בת עין זאגט נאך א אופן וויאזוי מען קען טייטשען די פסוק וואס ער האט אראפגעברענגטביים ערשטן תורה, און דערפאר האבן אונז צוגעלייגט די לשון הפסוק אנפאנג די תורה כדי דער לערנער זאל בעסער פארשטיין די תורה און וויסן אויף וואס די תורה באציט זיך.

וּכְלָל גָּדוֹל הוּא שֶׁיִּהְיוּ כָּל מַעֲשָׂיו רַק אַחַר הַהִתְבּוֹנְנוּת בְּשִׂכְלוֹ לִפְנֵי מִי הוּא עוֹמֵד, וְלִפְנֵי מִי עָתִיד לִיתֵּן דִּין וְחֶשְׁבּוֹן עַל כָּל דָּבָר וְדָבָר[א], וְאַחֲרֵי אֲשֶׁר יִזְכּוֹר אֶת בּוֹרֵא עוֹלָמִים בָּרוּךְ הוּא בְּמַחֲשַׁבְתּוֹ, אָז יָכוֹל לַעֲשׂוֹת וּלְדַבֵּר כְּפִי מַה שֶּׁיִּרְצֶה.

כְּמַאֲמַר הַכָּתוּב (דברים יג, ה) 'אַחֲרֵי ה' אֱלֹהֵיכֶם תֵּלֵכוּ', הַיְינוּ שֶׁתֵּלְכוּ וְתַעֲשׂוּ כָּל הַדִּבּוּרִים רַק אַחַר ה' אֱלֹהֵיכֶם.

הַיְינוּ שֶׁמִּקּוֹדֶם תַּעֲלוּ עַל מַחֲשַׁבְתְּכֶם אֶת הַבּוֹרֵא בָּרוּךְ הוּא, וְאַחַר כָּךְ תֵּלְכוּ וְתַעֲשׂוּ דְּבָרִים הַצְּרִיכִים לָכֶם.

וְהִנֵּה אִיתָא בַּזּוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (ח"ג רלא.) עַל פָּסוּק (איוב ב, א) 'וַיְהִי הַיּוֹם וַיָּבֹא גַּם הַשָּׂטָן בְּתוֹכָם לְהִתְיַצֵּב עַל ה''.

וְזֶה לְשׁוֹנוֹ, 'וַיְהִי הַיּוֹם' זֶה רֹאשׁ הַשָּׁנָה, לְהִתְיַצֵּב עַל ה' עַל יְקָרָא דַּה', מַאן הוּא דְּלָא חָיִישׁ לִיקָרָא דִּילֵיהּ[ב].

הַיְינוּ שֶׁבְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה הַמִּשְׁפָּט לֵאלֹהִים הוּא עַל מַאן דְּלָא חָיִישׁ לִיקָרָא לְמַלְכָּא, הַיְינוּ שֶׁכָּל הַמַּעֲשִׂים שֶׁהוּא עוֹשֶׂה הוּא

א. אבות פ"ג מ"א.

ב. בזוהר שם: 'להתיצב על ה'', וכי על ה' קיימי, אלא בשעתא דאלין קיימי על דינא, דינא קדמאה דכלא ביה, מאן הוא דלא יוקיר לשמא דקודשא בריך הוא, ודלא יוקיר לאורייתא ולעבדוי, אוף הכי מאן הוא דלא חייש על יקרא דשמא קדישא דלא יתחלל בארעא, מאן הוא דלא חייש ליקריה דקודשא בריך הוא, מאן הוא דלא שוי יקר לשמא דא.

איז די ווילן פונעם באשעפער - זאל זיין געבענטשט זיין נאמען – דעמאלסט זאל ער טראכטן אדער רעדן אדער טוהן יענע זאך וואס ער וויל.

## א כלל גדול – צו טוהן אלעס נאר נאכן טראכטן אז מען שטייט פארן באשעפער

**וּכְלָל גָּדוֹל הוּא שֶׁיִּהְיוּ כָּל מַעֲשָׂיו רַק אַחַר הַהִתְבּוֹנְנוּת בְּשִׂכְלוֹ לִפְנֵי מִי הוּא עוֹמֵד** און דאס איז א גרויסע כלל פאר א מענטש אז אלעס וואס ער טוט זאל ער טוהן נאר נאכן אריינטראכטן אין זיין שכל פארוועם ער שטייט, **וְלִפְנֵי מִי עָתִיד לִיתֵּן דִּין וְחֶשְׁבּוֹן עַל כָּל דָּבָר וְדָבָר**[ג] און פארוועם ער גייט אפגעבן דין וחשבון אויף יעדע זאך און זאך.

**וְאַחֲרֵי אֲשֶׁר יִזְכּוֹר אֶת בּוֹרֵא עוֹלָמִים בָּרוּךְ הוּא בְּמַחֲשַׁבְתּוֹ** און נאכדעם וואס ער וועט געדענקען דעם באשעפער אין זיין מחשבה, **אָז יָכוֹל לַעֲשׂוֹת וּלְדַבֵּר כְּפִי מַה שֶּׁיִּרְצֶה** דעמאלסט קען ער טאהן און רעדן וואס ער וויל.

## פשט אין פסוק 'אַחֲרֵי ה' אֱלֹהֵיכֶם תֵּלֵכוּ'

**כְּמַאֲמַר הַכָּתוּב** (דברים יג, ה) **'אַחֲרֵי ה' אֱלֹהֵיכֶם תֵּלֵכוּ'** אזוי ווי עס שטייט אין פסוק 'נאך דעם אייבערשטן ענקער באשעפער זאלטס עטס גיין', **הַיְינוּ שֶׁתֵּלְכוּ וְתַעֲשׂוּ כָּל הַדִּבּוּרִים רַק אַחַר ה' אֱלֹהֵיכֶם** דאס מיינט עטס זאלטס גיין און טוהן אלע די זאכן נאר נאכן טראכטן אז מען שטייט פארן באשעפער.

**הַיְינוּ שֶׁמִּקּוֹדֶם תַּעֲלוּ עַל מַחֲשַׁבְתְּכֶם אֶת הַבּוֹרֵא בָּרוּךְ הוּא** דאס מיינט אז קודם זאלטס עטס טראכטן אין אייער מחשבה דעם באשעפער'ס נאמען, **וְאַחַר כָּךְ תֵּלְכוּ וְתַעֲשׂוּ דְּבָרִים הַצְּרִיכִים לָכֶם** און נאכדעם זאלט עטס גיין און טאהן די זאכן וואס עטס דארפטס.

## [ב]

## די עיקר משפט פון ראש השנה

**וְהִנֵּה אִיתָא בַּזּוֹהַר הַקָּדוֹשׁ** (ח"ג רלא.) **עַל פָּסוּק** (איוב ב, א) **'וַיְהִי הַיּוֹם וַיָּבֹא גַּם הַשָּׂטָן בְּתוֹכָם לְהִתְיַצֵּב עַל ה''** און עס שטייט אין זוהר הקדוש אויף די פסוק 'און עס איז געווען די טאג און דער שטן איז געווען צווישן די וואס זענען געקומען זיך שטעלן פארן באשעפער'.

**וְזֶה לְשׁוֹנוֹ** און דאס איז די לשון פונעם זוהר הקדוש: **'וַיְהִי הַיּוֹם' זֶה רֹאשׁ הַשָּׁנָה** די ווערטער פונעם פסוק 'וַיְהִי הַיּוֹם' מיינט די טאג פון ראש השנה, **לְהִתְיַצֵּב עַל ה' - עַל יְקָרָא דַּה'** די ווערטער פון די פסוק 'לְהִתְיַצֵּב עַל ה'' מיינט צו זאגן אז די שטן איז זיך געקומען שטעלן וועגן די כבוד פונעם באשעפער, **מַאן הוּא דְּלָא חָיִישׁ לִיקָרָא דִּילֵיהּ**[ד] די שטן איז מקטרג ווער איז דער וואס גיבט נישט אכטונג אויפן כבוד פונעם באשעפער.

**הַיְינוּ שֶׁבְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה הַמִּשְׁפָּט לֵאלֹהִים הוּא עַל מַאן דְּלָא חָיִישׁ לִיקָרָא לְמַלְכָּא** דאס מיינט אז ראש השנה איז די עיקר משפט אויף דער וואס גיבט נישט אכטונג אויף די כבוד פונעם קעניג, **הַיְינוּ שֶׁכָּל הַמַּעֲשִׂים שֶׁהוּא עוֹשֶׂה**

ג. אזוי ווי די משנה זאגט אין פרקי אבות (פ"ג מ"א) **ולפני מי אתה עתיד ליתן דין וחשבון לפני מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא.**

ד. אין זוהר דארט שטייט: **'להתיצב על ה'' וכי על ה' קיימי** [די פסוק זאגט 'להתיצב על ה'' – (פרעגט די זוהר הק') שטייען זיי דען אויפן באשעפער ?], **אלא בשעתא דאלין קיימי על דינא** [נאר אין די צייט וואס זיי שטעלן זיך אויפן דין], **דינא קדמאה דכלא ביה מאן הוא דלא יוקיר לשמא דקודשא בריך הוא** [איז די ערשטע דין פאר אלעס איז אויף ווער איז עס דער וואס גיבט נישט אפ כבוד פארן נאמען פונעם באשעפער], **ודלא יוקיר לאורייתא ולעבדוי** [און גיבט נישט כבוד פאר די תורה און אירע קנעכט].

שֶׁלֹּא בְּהִתְבּוֹנְנוּת הַשֵּׂכֶל יְקָרָא דְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא, שֶׁלִּפְנֵי מִי הוּא עוֹמֵד וְלִפְנֵי מִי הוּא עָתִיד לִיתֵּן דִּין וְחֶשְׁבּוֹן.

וְזֶהוּ 'אַתֶּם נִצָּבִים הַיּוֹם', הַיְינוּ שֶׁהַיּוֹם הוּא רֹאשׁ הַשָּׁנָה, 'אַתֶּם נִצָּבִים כֻּלְּכֶם' לַמִּשְׁפָּט.

'לִפְנֵי ה' אֱלֹהֵיכֶם' עַל זֶה שֶׁכָּל מַעֲשֵׂיכֶם הֵמָּה שֶׁלֹּא בְּהִתְבּוֹנְנוּת.

וְזֶהוּ 'לִפְנֵי ה' אֱלֹהֵיכֶם', הַיְינוּ שֶׁמַּעֲשֵׂיכֶם הֵמָּה לִפְנֵי וְקוֹדֶם שֶׁתִּתְבּוֹנְנוּ לִיקָרָא דַה' אֱלֹהֵיכֶם.

וְהָאֱמֶת הוּא שֶׁצָּרִיךְ לִהְיוֹת בִּבְחִינַת 'אַחֲרֵי ה' אֱלֹהֵיכֶם תֵּלֵכוּ' כַּנַּ"ל, וְעַל יְדֵי זֶה שֶׁמַּעֲשֵׂיכֶם הֵמָּה שֶׁלֹּא בְּהִתְבּוֹנְנוּת, אַתֶּם נִצָּבִים לַמִּשְׁפָּט בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה, כִּי הָעִיקָּר הוּא לֵידַע קוֹדֶם כָּל מַעֲשֶׂה לִפְנֵי מִי הוּא עוֹמֵד וְלִפְנֵי מִי עָתִיד לִיתֵּן דִּין וְחֶשְׁבּוֹן, וְאָז אִם יִהְיֶה זֶה רְצוֹן הַבּוֹרֵא בָּרוּךְ הוּא וְנַחַת רוּחַ לְפָנָיו יִתְבָּרַךְ יַעֲשֵׂהוּ, וְאִם לָאו לֹא יַעֲשֵׂהוּ.

הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יְזַכֵּנוּ לָזֶה הַבְּחִינָה, כֵּן יְהִי רָצוֹן אָמֵן.[ג]

ג. עיין בתפארת שמואל פרשת דברים אות א מה שכתב בדברי רבינו.

**הוּא שֶׁלֹּא בְּהִתְבּוֹנְנוּת הַשֵּׂכֶל יְקָרָא דְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא** דאס מיינט אז אלע מעשים וואס ער טוט איז אן אריינטראכטן אין זיין שכל אויף די כבוד פונעם באשעפער, **שֶׁלִּפְנֵי מִי הוּא עוֹמֵד וְלִפְנֵי מִי הוּא עָתִיד לִיתֵּן דִּין וְחֶשְׁבּוֹן** ער זאל אריינטראכטן פאר וועם ער שטייט און פאר וועם ער גרייט זיך אפצוגעבן דין וחשבון.

## פשט אין פסוק 'אַתֶּם נִצָּבִים הַיּוֹם'

**וְזֶהוּ 'אַתֶּם נִצָּבִים הַיּוֹם'** און דאס איז וואס די פסוק זאגט 'עטס שטייטס היינט', **הַיְינוּ שֶׁהַיּוֹם הוּא רֹאשׁ הַשָּׁנָה** דאס מיינט אז 'הַיּוֹם' וואס איז ראש השנה, **'אַתֶּם נִצָּבִים כֻּלְּכֶם' לַמִּשְׁפָּט** די פסוק זאגט ווייטער 'עטס שטייטס אלע' דא פאר א משפט.

**'לִפְנֵי ה' אֱלֹהֵיכֶם'** די פסוק זאגט די משפט איז 'פאר דער אייבישטער ענקער גאט', **עַל זֶה שֶׁכָּל מַעֲשֵׂיכֶם הֵמָּה שֶׁלֹּא בְּהִתְבּוֹנְנוּת** די פסוק מיינט צו זאגן אויף דאס וואס ענקערע מעשים זענען אן אריינטראכטן.

**וְזֶהוּ 'לִפְנֵי ה' אֱלֹהֵיכֶם'** און דאס מיינט די פסוק 'לִפְנֵי' פארן אריינטראכטן וועגן 'ה' אֱלֹהֵיכֶם' דער אייבישטער ענקער באשעפער, **הַיְינוּ שֶׁמַּעֲשֵׂיכֶם הֵמָּה לִפְנֵי וְקוֹדֶם שֶׁתִּתְבּוֹנְנוּ לִיקָרָא דַה' אֱלֹהֵיכֶם** דאס מיינט אז ענקערע מעשים זענען פאר עטס טראכטס אריין וועגן די כבוד פון דער אייבישטער ענקער באשעפער.

**וְהָאֱמֶת הוּא שֶׁצָּרִיךְ לִהְיוֹת בִּבְחִינַת 'אַחֲרֵי ה' אֱלֹהֵיכֶם תֵּלֵכוּ' כַּנַּ"ל** און די אמת איז אז ענקערע מעשים דארף זיין אין די אויבנדערמאנטע בחינה פון 'נאכן אייבערשטן דעם באשעפער זאלטס עטס גיין'.

**וְעַל יְדֵי זֶה שֶׁמַּעֲשֵׂיכֶם הֵמָּה שֶׁלֹּא בְּהִתְבּוֹנְנוּת** און צוליב דעם וואס אלע ענקערע מעשים זענען אן קיין אריינטראכטן, **אַתֶּם נִצָּבִים לַמִּשְׁפָּט בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה** שטייט'ס עטס צום משפט אין ראש השנה.

## לפני מי אתה עתיד ליתן דין וחשבון

**כִּי הָעִיקָּר הוּא לֵידַע קוֹדֶם כָּל מַעֲשֶׂה לִפְנֵי מִי הוּא עוֹמֵד וְלִפְנֵי מִי עָתִיד לִיתֵּן דִּין וְחֶשְׁבּוֹן** ווייל די עיקר איז צו וויסן פאר יעדע מעשה וואס מען טוט פארוועם ער שטייט און פאר וועם ער גייט אפגעבן דין וחשבון, **וְאָז אִם יִהְיֶה זֶה רְצוֹן הַבּוֹרֵא בָּרוּךְ הוּא וְנַחַת רוּחַ לְפָנָיו יִתְבָּרַךְ יַעֲשֵׂהוּ** און דעמאלסט אויב עס די ווילן פון באשעפער און עס וועט זיין א נחת רוח פארן באשעפער זאל ער עס טאהן, **וְאִם לָאו לֹא יַעֲשֵׂהוּ** און אויב עס נישט די ווילען פון באשעפער אז ער זאל טאהן די זאך זאל ער עס נישט טאהן.

**הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יְזַכֵּנוּ לָזֶה הַבְּחִינָה** דער אייבישטער זאל אונז געבן די זכיה אונז זאלן צוקומען צו די בחינה.
**כֵּן יְהִי רָצוֹן אָמֵן.**

כך כותב הבית יוסף הלכות ראש השנה, **נודרין לעילוי נשמת הצדיקים כי הם ממליצים על צאצאיהם**, דער בת עין האט נישט איבערגעלאזט קיין קינדער אבער מיט אייער שטיצע קויפט איר אייך אים איין אלץ א מליץ יושר.

**נעמט א חלק אין הפצת הגליון און זייט מנדב לעילוי נשמת אייערע קרובים און נאנטע**
פאר הערות און מנדב זיין נא לפנות Mechonusa@gmail.com





אידיש

בסייעתא דשמיא

# זרע שמשון

געקליבענע געדאנקען און טרעפליכע פערל ווערטער אויף די וועכענטליכע פרשה.
צוזאמגענומען פון די ספרים פון דער גרויסער צדיק
און גאון רבינו שמשון חיים ב"ר נחמן מיכאל נחמני זלה"ה.
וועלכע האט צוגעזאגט פאר די אלע וואס לערנען זיינע ספרים און תורות, וועלן זוכה זיין
צו זעהן ישועות און נפלאות אין אלע הינזיכטן - 'בני חיי ומזוני'.

זרע שמשון הלימוד שמשפיע ישועות

פרשת נצבים תשפ"ה

גליון 434


## אמרות שמשון

### קללות איז נישט פשוט פשט נאר פאר דער וואס זאגט 'שלום יהיה לי'

**אַתֶּם נִצָּבִים הַיּוֹם כֻּלְּכֶם לִפְנֵי ה' אֱלֹקֵיכֶם** (כט, ט). רש"י ערקלערט (ד"ה והוא) פארוואס שטייט פרשת 'אתם נצבים' נעבן די פרשה פון 'קללות' (וואס ווערט געברענגט אין פרשת כי תבא), וויבאלד ווען די אידן האט געהערט די קללות האבן זיי זיך זייער דערשראקן, און געפרעגט ווער וועט קענען בייסטיין אין דעם, האט זיי משה בארואיגט און געזאגט **אַתֶּם נִצָּבִים הַיּוֹם** וגו', ענק האבן שוין אסאך דערצערנט דער אויבערשטער, און פונדעסטוועגן האט ענק נאכנישט דער אויבערשטער פארלענדט, און ענק שטיין היינט פארן אויבערשטן וואס איז ענקער גאט.

**מען** קען ערקלערן פשט, לויט ווי עס שטייט אין חז"ל (תנא דבי אליהו פרק כ"ד, הובא ברש"י כט, יב) אז דער אויבערשטער האט געשוואוירן פאר די אבות, אז ער וועט נישט אויפטוישן זייערע קינדער - כלל ישראל - מיט א אנדערע פאלק. אויב אזוי קומט אויס, דער אויבערשטער וועט נישט שטראפן אזוי ווי עס שטייט פשוט פשט אין פסוק, ווייל דער אויבערשטער וועט קיינמאל נישט פארלענדן כלל ישראל ח"ו.

**אבער** אויב וועט עמיצער זאגן, אויב אזוי - אז דער אויבערשטער וועט סיי ווי נישט שטראפן אזוי ווי דער פשוט פשט אין פסוק - דעמאלטס קען מען טון וואס מען וויל.

**אויף** דעם זאגט דער פסוק ווייטער (כט, יח - יט), **וְהָיָה בְּשָׁמְעוֹ אֶת דִּבְרֵי הָאָלָה הַזֹּאת וְהִתְבָּרֵךְ בִּלְבָבוֹ לֵאמֹר שָׁלוֹם יִהְיֶה לִּי כִּי בִּשְׁרִרוּת לִבִּי אֵלֵךְ וגו'. לֹא יֹאבֶה ה' סְלֹחַ לוֹ וגו' וְרָבְצָה בּוֹ כָּל הָאָלָה הַכְּתוּבָה בַּסֵּפֶר הַזֶּה וגו'**. ביי אזא מענטש וועט יא קומען די קללות אזוי ווי דער פשוט פשט אין פסוק, אזוי ווי דער פסוק זאגט **כָּל הָאָלָה 'הַכְּתוּבָה' בַּסֵּפֶר הַזֶּה**, עס וועט מקוים ווערן ביי אים די קללות פשוט פשט, אזוי ווי עס שטייט געשריבן אין די תורה. (אות ב' ד"ה התחיל)

### דערווייטערטקייט ברענגט נאנטקייט

**אִם יִהְיֶה נִדַּחֲךָ בִּקְצֵה הַשָּׁמָיִם מִשָּׁם יְקַבֶּצְךָ ה' אֱלֹקֶיךָ וּמִשָּׁם יִקָּחֶךָ** (ל, ד). מען קען ערקלערן פשט, לויט ווי עס שטייט אין חז"ל (שמות רבה ב, ט) 'רבי אליעזר אומר, מה הסנה שפל מכל האילנות שבעולם, כך היו ישראל שפלים ירודים למצרים, לפיכך נגלה עליהם הקדוש ברוך הוא וגאלם'. דער אויבערשטער האט זיך דוקא באוויזן צו משה רבינו ביי א סנה (דארן-בוים) און געזאגט ער וועט אויסלייזן כלל ישראל פון מצרים, צו מרמז זיין אזוי ווי די סנה איז די נידריגסטע און געמיינסטע בוים פון אלע ביימער, דאס זעלבע איז געווען מיט כלל ישראל וואס זענען געווען פארשקלאפט אונטער די מצרים די נידריגסטע וואס איז שייך, דעריבער איז זיי דער אויבערשטער געקומען אויסלייזן.

**די** זעלבע זאך וועט זיין מיט אונז - אין די יעצטיגע גלות - דער עצם פאקט אז כלל ישראל איז געפאלן אזוי נידריג, דאס אליינ'ס איז א סיבה אז דער אויבערשטער זאל אונז קומען אויסלייזן. דאס זאגט דער פסוק, **אִם יִהְיֶה נִדַּחֲךָ בִּקְצֵה הַשָּׁמָיִם** כלל ישראל וועט זיין פארווארפן ביז די אנדערע עק, די ווייטסטע וואס איז שייך, **מִשָּׁם** דוקא פון דארט **יְקַבֶּצְךָ ה' אֱלֹקֶיךָ**. (אות ב' ד"ה וזוהי)

### תורה לשמה ברענגט אריכת ימים

**כִּי הוּא חַיֶּיךָ וְאֹרֶךְ יָמֶיךָ** (ל, כ). מען קען ערקלערן פשט אין די דאפעלטע לשון, **חַיֶּיךָ** און דערנאך **וְאֹרֶךְ יָמֶיךָ**. אז דאס גייט ארויף אויף צוויי סארט וועגן ווי אזוי מען קען לערנען תורה, 'שלא לשמה' און 'לשמה'.

**צוערשט** איז דער פסוק מרמז אויף עמיצער וואס לערנט תורה 'שלא לשמה', וואס דערמיט איז ער אויך מקיים א מצוה, אזוי ווי עס שטייט אין חז"ל (פסחים נ:), 'לעולם יעסוק אדם בתורה ובמצות אפילו שלא לשמה, שמתוך שלא לשמה בא לשמה'. און בזכות דעם וועט ער זוכה זיין צו 'עושר וכבוד', אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (משלי ג, טז) **בִּשְׂמֹאולָהּ עֹשֶׁר וְכָבוֹד**, וואס דאס גייט ארויף אויף איינער וואס לערנט שלא לשמה. און דער פסוק זאגט צו **כִּי הוּא חַיֶּיךָ**, צוזאמען מיט עושר און כבוד קומט אויך 'חיים', אזוי ווי עס שטייט אין חז"ל (תענית ח:), ווען דער אויבערשטער געבט עשירות קומט דאס צוזאמען מיט לעבן (ווייל וואס האט מען פון עושר און כבוד אויב מען האט נישט לעבן).

**דער** צווייטער טייל פונעם פסוק **וְאֹרֶךְ יָמֶיךָ** דאס גייט ארויף אויף איינער וואס לערנט 'תורה לשמה', וואס ער באקומט א ספעציעלע ברכה פון 'אריכות ימים', אז עס וועט פארלענגערט ווערן זיינע יארן, צוגאב צו די ברכות פון 'עשירות און כבוד'. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (שם) **אֹרֶךְ יָמִים בִּימִינָהּ**, וואס דאס גייט ארויף אויף עמיצער וואס לערנט תורה לשמה. (אות ד' ד"ה אי נמי)


הסניגור שלכם ליום הדין



תורמים לזרע שמשון וזוכים לשנה טובה ומבורכת

02-80-80-500
05271-66450
347-496-5657

https://www.zerashimshon.co.il/donation/


הוצאת הגליון והפצתו לזכות

לעילוי נשמת
הרה"ח רבי מתתיהו ב"ר יצחק אהרן גולדוואג זצ"ל
נלב"ע כ"ה אלול תשס"ט ת.נ.צ.ב.ה.

לעילוי נשמת
הרה"ח רבי אברהם בן אהרן ווערצבערגער ז"ל
נלב"ע כ"ח אלול ת.נ.צ.ב.ה.

לזכות והצלחה
משפחת כוכב היקרים
יצחק בן רחל • רינה בת לינדה • אלפרדו בן רינה
הצלחה וברכה בכל מעשי ידיהם עשירות בלי גבול בריאות איתנה אושר ומזל טוב ושנה טובה ומתוקה

זיווג הגון
שרה שרון בת סופיה • יוכבד ג'ובנה בת מירב • תמר • אוראל משה בן לימור • שלום בן לילי
שיזכו לזיווג הגון בקרוב ובניקל מתוך אושר ושמחה

זיווג הגון
לילי בת נינה
שתשוב בתשובה והוריה יראו ממנה רוב נחת ואושר בקרוב ממש

הצלחה ועושר
יוסף בן לאה רחל וכל השותפים עמו
לשפע ברכה והצלחה גדולה בכל עושר ואושר בקרוב

שפע ברכות
דוד מנחם בן מיכל וזוגתו הדסה מושא בת שושנה
לזכות לכל ברכות המחבר מילה במילה בלי גבול ומדה בקרוב ממש

ישועה בכל
מרדכי בן רחל
לישועה והצלחה בכל העניינים בריאות איתנה פרנסה בשפע מתוך מנוחת הגוף והנפש בלי שום הפרעות ורדיפות ושיתבשר בשורות טובות בקרוב ממש

הצלחה ועושר
דניאל אורי בן רג'ינה מלכה
לשפע ברכה והצלחה עושר וכבוד ובשורות טובות בקרוב ממש

עושר וברכה
אשר אנשיל דוד הלוי בן נילי
לשפע ברכה והצלחה גדולה בכל עושר ואושר בקרוב

הצלחה ועושר
ברוך צבי ניסים בן שושנה לאה
להצלחה גדולה בכל מעשי ידיו ופריצת דרך בעסקיו בקרוב ויזכה לשפע ועושר רב


בית המדרש זרע שמשון
רחוב הצבי 10 ירושלים
הננו להודיע את זמני התפילות והשיעורים בבית המדרש:
ערבית בשעה 8:30
כמו"כ מתקיימים שיעורים קבועים בספר המסוגל זרע שמשון
כל יום בערב
בשעה 8:15
יום חמישי בערב
בשעה 8:00 ובשעה 10:00
לפתיחת שיעורים נוספים ניתן ליצור קשר: 02-80-80-500
שמעו ותחי נפשכם
והביאו ישועה לבתיכם

# ענייני ראש השנה

## אלע צדיקים גייען אריין אין דער גדר פון 'צדיקים גמורים'

**שלשה ספרים נפתחים בראש השנה, אחד של צדיקים גמורים ואחד של רשעים גמורים, ואחד של בינונים** וכו' (ראש השנה טז:). לכאורה וואלט געדארפט זיין נאך צוויי ספרים, א 'ספר' פאר עמיצער וואס איז כמעט א גאנצע צדיק, וואס מען געבט אים יסורים אויף די וועלט, כדי ער זאל אפקומען אלע זיינע עבירות אויף די וועלט. און נאך א 'ספר' פאר עמיצער וואס איז אביסל א רשע, וואס מען באצאלט אים אסאך שכר אויף די וועלט, כדי ער זאל נישט באקומען קיין שכר אויף יענע וועלט (קידושין לט:).

**מען** קען ענטפערן, וויבאלד מען געבט יסורים פאר דער צדיק, ער זאל אפקומען אלע זיינע עבירות אויף די וועלט, גייט ער אריין אין די קאַטעגאָריע פון 'צדיקים גמורים', ווייל ער ווערט אויסגערייניגט פון אלע זיינע עבירות פונקט ווי א צדיק גמור.

**און** אזוי אויך דער רשע, וואס מען באצאלט אים די גאנצע שכר אויף די וועלט, גייט ער אריין אין די קאַטעגאָריע פון 'רשעים גמורים', ווייל ער ווערט אויסגעליידיגט פון אלע זיינע זכותים, און איז פונקט ווי א רשע גמור. ('זרע שמשון' פרשת האזינו אות ב' ד"ה ובדרך זה)

## דער אויבערשטער זאל רחמנות האבן לפני משורת הדין

**היום הרת עולם וכו' אם כבנים רחמנו כרחם אב על בנים. ואם כעבדים, עינינו לך תלויות עד שתחננו, ותוציא לאור משפטנו וכו'** (תפילת מוסף דר"ה). צוערשט בעט מען 'אם כבנים', דער אויבערשטער זאל רחמנות האבן אזוי ווי א טאטע האט רחמנות אויף זיינע קינדער. דאס הייסט אז מען קומט צום משפט אן קיין זכותים און מען בעט אז דער אויבערשטער זאל בלויז רחמנות האבן, אזוי ווי א טאטע וואס האט רחמנות אן קיין חשבונות.

**נאכדעם** בעט מען 'ואם כעבדים', אויב אונז זענען אזוי ווי קנעכט, זאל זיין 'ותוציא לאור משפטנו'. דאס הייסט מען בעט נישט בלויז אז דער אויבערשטער זאל רחמנות האבן, נאר מען בעט אז די זכותים וואס מען האט זאל בייסטיין ביי דער משפט.

**לכאורה** דארף מען פארשטיין, אויב האט מען קודם געבעטן אזוי ווי א קינד, איז משמע אז מען פארמאגט נישט קיין זכותים און מען בעט נאר מיט רחמנות, ווי אזוי קען מען נאכדעם קומען און בעטן אזוי ווי א עבד אז די זכותים זאלן בייסטיין?

**מען** קען ערקלערן לויט ווי עס שטייט אין חז"ל (פסחים פח:) 'מה שקנה עבד קנה רבו', אלעס וואס דער עבד פארמאגט באלאנגט פאר זיין הער, און ער פארמאגט גארנישט פון זיך, און איז גענצליך אנגעהאנגען אין זיין הער.

**דעריבער** בעט מען, אז אפילו אויב אונז זענען עבדים, פארמאגן אונז נישט גארנישט, און דער אויבערשטער רחמנות האבן, מען זאל אונז משפט'ן אזוי ווי א קנעכט, אזוי ווי מען געפינט אין חז"ל (בבא מציעא פג.) אז רבה בר בר חנא האט רחמנות געהאט אויף זיינע קנעכט, ווייל עס שטייט אין פסוק (משלי ב, כ) **לְמַעַן תֵּלֵךְ בְּדֶרֶךְ טוֹבִים**, מען זאל זיך פירן לפני משורת הדין, אפילו אויב עס קומט זיך נישט. ('זרע שמשון' פרשת ואתחנן אות ז' ד"ה ובזה)

## 'מיתה' באדייט 'מיתת הנפש'

**שלשה ספרים נפתחים בראש השנה, אחד של צדיקים גמורים ואחד של רשעים גמורים, ואחד של בינונים. צדיקים גמורים נכתבין ונחתמין לאלתר לחיים, רשעים גמורים נכתבין ונחתמין לאלתר למיתה, בינונים תלוין ועומדים מראש השנה עד יום הכיפורים, זכו נכתבין לחיים** וכו' (ראש השנה טז:). די גמרא זאגט אז רשעים גמורים ווערן גלייך פארשריבן צו מיתה, אבער מען זעט נישט אז עס זאל טאקע אזוי פאסירן יעדע יאר אז די רשעים זאל שטארבן.

**נאר** דער פשט איז, 'למיתה' מיינט 'מיתת הנפש', וואס דאס איז די נשמה און רוחניות'דיגע און געטליכע קשר וואס מען האט צום באשעפער, און צו דעם ווערן זיי פארשריבן - למיתה - צו ווערן אפגעהאקט פונעם אויבערשטן, אפילו אויב זיי ווערן נישט פארשריבן צו מיתת הגוף אויף יענע יאר (ועיין בתוס' שם סד"ה ונחתמין). ('זרע שמשון' פרשת האזינו אות ב' ד"ה ועל כרחך)



**שטייענדיג ביים שוועל פונעם נייעם יאר הבעל"ט,**

**ווילן מיר ארויסדרוקן אונזער דאנק פאר אלע חשוב'ע תומכים און שותפים נאמנים פון 'האיגוד העולמי להפצת תורת זרע שמשון',**

די וואס פארשפרייטן די גליונות, מגידי שיעורים, און פאר אלע וואס העלפן ארויס בגוף ובממון צו מקיים זיין בקשת וצוואת רבינו המחבר זלה"ה. דער זכות פון רבינו הק' וועט זיכער בייסטיין צו געבענטשט ווערן מיט

**א כתיבה וחתימה טובה**

בספרן של צדיקים גמורים, און געבענטשט ווערן מיט אלע ברכות, אז די קומענדיגע יאר זאל זיין א שנה טובה מתוקה ומבורכת, א יאר פיל מיט שפע און גוט'ס, א יאר וואס עס זאל ערפילט ווערן אלע ברכות פונעם הייליגן מחבר זי"ע:

**"ועיניכם תראינה בנים בני בנים כשתילי זיתים סביב לשולחנכם חכמים ונבונים בתים מלאים כל טוב גם עושר גם כבוד" אכי"ר**


**ארויסגעגעבן דורך 'האיגוד העולמי להפצת תורת רבינו הזרע שמשון'.**

צו באקומען דעם גליון וועכענטליך, פאר באמערקונגען, אדער איבערצוגעבן פערזענליכע סיפורים, קען מען זיך ווענדן צו: zera277@gmail.com

אדער קענט איר זיך פארבינדען צו דאס פאלגענדע: **ארץ ישראל** הרב ישראל זילברברג: 052-716-6450 www.zerashimshon.com

**אמעריקע** הרב מנחם בנימין פאשקעס: 347-496-5657 mbpaskesz@gmail.com Zera Shimshon C/O B Paskesz 1645 48 St. Brooklyn NY 11204

צו באקומען די ספר 'זרע שמשון' קען מען זיך פארבינדן
ארץ ישראל: 05271-66-450
בארה"ב: 347-496-5657

אזוי אויך קענט איר אטייל נעמען אין די הוצאות, צו מנדב זיין לזכות אדער לע"נ און גלייכצייטיג זוכה זיין צו די זעלטענע ברכה פון דער הייליגער 'זרע שמשון'

ניתן להפקיד בבנק מרכנתיל (17)
סניף 635 מ.ח. 71713028 ע"ש זרע שמשון
כמו"כ ניתן לתרום בכרטיס אשראי

זרע שמשון ע"ר 580624120

**וזכות הצדיק ודברי תורתו הקדושים יגן מכל צרה וצוקה, ויושפע על הלומדים ועל המסייעים בני חיי ומזוני וכל טוב סלה כהבטחתו בהקדמת ספריו**

נתנדב לעילוי ולטובת נשמת הר"ר ישעיה ז"ל בן יבלחט"א הר"ר אהרן הכהן הי"ו

# זוהַר הַקָּדוֹשׁ מִיטְ'ן פֵּירוּשׁ מָתוֹק מִדְּבַשׁ אוֹיף דִי פַּרְשֶׁה

אוֹיף אִידִיש

יו"ל בעזהשי"ת ע"י מרכז "מתוק מדבש" ת.ד. 5315 ירושלים | עלון מס' 48 | פרשת נצבים תשפ"א ר"ה תשפ"ב

לוח עמוד היומי בזוה"ק לפרשת וילך

חלק ד - פרשת ויחי

| יום | וילנא | מתוק מדב[ש] |
|---|---|---|
| ראשון | רלב ע"א | תקסו |
| שני | רלב ע"ב | תקעב |
| שלישי | רלג ע"א | תקעח-תקפ[...] |
| רביעי | רלג ע"ב, רלד ע"א | תקפד-תק[...] |
| חמישי | רלג ע"ב, רלד ע"א | תקצ-תקצ[...] |
| שישי | רלד ע"ב | תקצו-תר[...] |
| שב"ק | רלה ע"א | תרג-תרט[...] |

## כל נשמות ישראל שבכל הדורות קבלו התורה מסיני

כֻּלְּהוּ דָּרִין בַּתְרָאִין כֻּלְּהוּ אִזְדְּמָנוּ לְתַמָּן כל הנשמות של הדורות שיבאו אחריהם כולם נזדמנו לשם [במעמד הר סיני], וְכֻלְּהוּ קַבִּילוּ אוֹרַיְיתָא בְּטוּרָא דְּסִינַי וכולם קבלו את התורה בהר סיני דִּכְתִיב כִּי אֶת אֲשֶׁר יֶשְׁנוֹ פֹּה וְגוֹ' וְאֵת אֲשֶׁר אֵינֶנּוּ פֹּה עִמָּנוּ הַיּוֹם כי כל הנשמות עמדו על הר סיני במתן תורה, (הנה פסוק זה נאמר בברית שכרת הקב"ה עם ישראל בערבות מואב, כמ"ש ולא אתכם לבדכם אנכי כורת את הברית הזאת ואת האלה הזאת, כי אם את אשר ישנו פה וגו', אבל קל וחומר הוא שכולם נמצאו במתן תורה), וְכֻלְּהוּ כָּל חַד וְחַד כִּדְקָא חָזֵי לֵיהּ וכולם כל אחד ואחד קבל בסיני מה שראוי לו כפי מדרגת נשמתו ושורשו, וכפי הכנתו בחכמה ויראת חטא, וְכֻלְּהוּ חָמָאן וכולם ראו את הקולות, אלו בגוף ונפש ואלו בנפש לבד, וּמְקַבְּלִין מִלִּין וקבלו את הדברות באופן שיהיה בהם כח להוסיף ולבאר ולדרוש בכל דבור ודבור. (יתרו דף פג ע"ב, ובביאורינו כרך ו עמ' קצג)

## זהירות ממחשבות שאינן רצויות

תָּאנָא, רַבִּי שִׁמְעוֹן פָּתַח וְאָמַר לפרש מש"כ הַנִּסְתָּרוֹת לַיהו"ה אלהינ"ו, וְהַנִּגְלֹת לָנוּ וּלְבָנֵינוּ עַד עוֹלָם לַעֲשׂוֹת אֶת כָּל דִּבְרֵי הַתּוֹרָה הַזֹּאת (ה"ג הרמ"ק) מש"כ הַנִּסְתָּרוֹת לַיהו"ה אלהינ"ו פירושו שאפילו המחשבות שהם נסתרות בלב ומוח האדם גם הם ידועות להקב"ה, ואמר תָּא חֲזֵי כַּמָּה אִית לֵיהּ לְבַר נָשׁ לְאִזְדַּהֲרָא מֵחוֹבוֹי בא וראה עד כמה צריך האדם ליזהר מחטאיו, ר"ל שיזהר במעשיו שלא לבוא לידי חטא לפחות בדבר שיש

### אידיש

## אַלֶע נְשָׁמוֹת יִשְׂרָאֵל פוּן אַלֶע דוֹרוֹת הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען דִי תּוֹרָה פוּן בַּארְג סִינַי

**אַלֶע** נְשָׁמוֹת פוּן דִי דוֹרוֹת וָואס וֶועלְן קוּמֶען נָאךְ זֵיי, זֶענֶען אַלֶע דָארְט אָנְגֶעקוּמֶען [בַּיים מַעֲמַד הַר סִינַי], אוּן זֵיי הָאבְּן אַלֶע מְקַבֵּל גֶעוֶוען דִי תּוֹרָה בַּיים בַּארְג סִינַי, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "כִּי אֶת אֲשֶׁר יֶשְׁנוֹ פֹּה וְגוֹ' וְאֵת אֲשֶׁר אֵינֶנּוּ פֹּה עִמָּנוּ הַיּוֹם", וַוייל דֶער וָואס אִיז דָא מִיט אוּנְז אוּן דֶער וָואס אִיז נִישְׁט דָא מִיט אוּנְז הַיינְט, וַוייל אַלֶע נְשָׁמוֹת זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען בַּיים בַּארְג סִינַי בַּיי מַתַּן תּוֹרָה (דֶער פָּסוּק אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן בַּיי דֶעם בּוּנְד וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעשְׁנִיטְן מִיט דִי אִידְן אִין עַרְבוֹת מוֹאָב, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "וְלֹא אִתְּכֶם לְבַדְּכֶם אָנֹכִי כֹּרֵת אֶת הַבְּרִית הַזֹּאת וְאֶת הָאָלָה הַזֹּאת, כִּי אִם אֶת אֲשֶׁר יֶשְׁנוֹ פֹּה וְגוֹ'", אוּן נִישְׁט נָאר מִיט אַייךְ אַלֵיין טוּ אִיךְ שְׁנַיידְן אָט דֶעם בּוּנְד אוּן אָט דֶעם שֶׁעלְטוּנְג, נָאר סַיי מִיט דֶער וָואס אִיז דָא אוּן סַיי מִיט דֶער וָואס אִיז נִישְׁטָא הַיינְט, אָבֶּער עֶס אִיז זִיכֶער אַז אַלֶע זֶענֶען גֶעוֶוען בַּיי מַתַּן תּוֹרָה), אוּן אַלֶע, יֶעדֶער אֵיינֶער, הָאט מְקַבֵּל גֶעוֶוען בַּיים בַּארְג סִינַי דָאס וָואס אִיז צוּגֶעפַּאסְט פַאר אִים לוֹיט דִי מַדְרֵגָה פוּן זַיין נְשָׁמָה אוּן זַיין שׁוֹרֶשׁ, אוּן לוֹיט זַיין צוּגְרֵייטוּנְג אִין חָכְמָה אוּן יִרְאַת חֵטְא, אוּן זֵיי הָאבְּן אַלֶע גֶעזֶען דִי קוֹלוֹת, אַ טֵייל מִיטְן קֶערְפֶּער אוּן מִיטְן זֶעל אוּן אַ טֵייל פוּן זֵיי נָאר מִיטְן זֶעל, אוּן זֵיי הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען דִי דִּבְּרוֹת אוֹיף אַן אוֹפָן אַז עֶס זָאל זַיין אִין זֵיי אַ כֹּחַ צוּ צוּגֶעבְּן אוּן צוּ עֶרְקְלֶערְן אוּן דַרְשְׁ'נֶען אִין יֶעדְן אֵיינְצִיגְן דִּבּוּר.

## זִיךְ הִיטְן פוּן אוּמְגֶעוואוּנְטְשֶׁענֶע גֶעדַאנְקֶען

**מִיר** הָאבְּן גֶעלֶערְנְט, רַבִּי שִׁמְעוֹן הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט, צוּ עֶרְקְלֶערְן דָאס וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "הַנִּסְתָּרוֹת לַה' אֱלֹקֵינוּ", דִי בַּאהַאלְטֶענֶע זַאכְן אִיז פַארְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן אוּנְזֶער גָאט, דָאס מֵיינְט, אַז אֲפִילוּ דִי גֶעדַאנְקֶען וָואס זֵיי זֶענֶען בַּאהַאלְטְן אִינֶעם הַארְץ אוּן אִינֶעם מֹחַ פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, אוֹיךְ זֵיי זֶענֶען בַּאוואוּסְט פַארְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן, אוּן רַבִּי שִׁמְעוֹן זָאגְט, קוּם אוּן זֶע וִוי וַוייט דֶער מֶענְטְשׁ דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן זַיינֶע זִינְד, דָאס הֵייסְט אַז עֶר זָאל

בכחו להזהר ממנו, **וּלְאִסְתַּכָּלָא דְּלָא יַעֲבָר עַל רְעוּתֵיהּ דְּמָארֵיהּ** ולהשגיח שלא יעבור על רצון קונו, **דְּתָנִינַן, כָּל מַה דְּבַר נָשׁ עָבִיד בְּהַאי עָלְמָא בְּסִפְרָא כְּתִיבוּ אִינוּן עוֹבָדִין** שלמדנו כל מה שאדם עושה בעולם הזה בספר כתובים אותם המעשים, **וְעָאלִין בְּחוּשְׁבְּנָא קַמֵּי מַלְכָּא קַדִּישָׁא** ונכנסים בחשבון לפני מלך הקדוש ב"ה, **וְכֹלָּא אִתְגַּלְיָיא קַמֵּיהּ** והכל גלוי לפניו יתברך גם מחשבת בני אדם, **הָדָא הוּא דִכְתִּיב אִם יִסָּתֵר אִישׁ בַּמִּסְתָּרִים** פי' להרהר בחטא במצפוני לבו **וַאֲנִי לֹא אֶרְאֶנּוּ נְאֻם יהו"ה** וכי אין אני רואה מחשבת לבו, הלא את השמים ואת הארץ אני מלא, והכל גלוי וידוע לפני, **אִי הָכִי הֵיךְ לָא יִסְתַּמַּר בַּר נָשׁ מִלְּמֵיחַב קַמֵּיהּ דְּמָארֵיהּ** אם כן איך לא ישמור האדם את עצמו מלחטוא לפני קונו, **וּתְנִינַן** וכן למדנו כי **אֲפִילוּ הַהוּא מַה דְּחָשִׁיב בַּר נָשׁ וְאִסְתַּלַּק בִּרְעוּתֵיהּ כֹּלָּא אִשְׁתְּכַח קַמֵּי קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא וְלָא אִתְאֲבִיד מִנֵּיהּ** שאפילו מה שחשב האדם ועלה ברצונו לעשות איזו עבירה, הכל נמצא לפני הקב"ה ולא נאבד שום דבר ממנו, ולא נמחק שום הרהור עבירה אלא בתשובה שלימה. (ויחי דף רכב ע"ב, ובביאורינו כרך ד עמ' תנו-תנז)

## הגאולה תלויה בתשובה

**רַבִּי אֱלִיעֶזֶר אָמַר, כָּל הַגָּלֻיּוֹת שֶׁגָּלְתָה כְּנֶסֶת יִשְׂרָאֵל, נָתַן לָהּ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא זְמַן וְקֵץ** עד מתי יהיו בגלות, **וְנִתְעוֹרְרָה תָּמִיד בִּתְשׁוּבָה** וחזרה לארץ ישראל, **וְגָלוּת הָאַחֲרוֹן** הזה **אֵין לוֹ קֵץ וּזְמַן** מתי יגאלו ישראל ממנה, **אֶלָּא הַכֹּל תָּלוּי בִּתְשׁוּבָה, שֶׁנֶּאֱמַר וְשַׁבְתָּ עַד יהו"ה אלהי"ך וְשָׁמַעְתָּ בְקֹלוֹ, וּכְתִיב** וכתוב אחר כך **אִם יִהְיֶה נִדַּחֲךָ בִּקְצֵה הַשָּׁמָיִם מִשָּׁם יְקַבֶּצְךָ יהו"ה אלהי"ך וּמִשָּׁם יִקָּחֶךָ.**

**אָמַר לֵיהּ רַבִּי עֲקִיבָא** לרבי אליעזר, **אִם כֵּן** שהכל תלוי בתשובה, **הֵיאַךְ יְהֵא דָא לְהִתְעוֹרְרָא כּוּלְהוֹן כַּחֲדָא בִּתְשׁוּבָה** איך יהיה דבר זה שכל ישראל יחד יתעוררו בתשובה, כי כתוב אם יהיה נדחך בקצה השמים, דהיינו

### אידיש

אַכְטוּנְג גֶעבְּן אִין זַיינֶע מַעֲשִׂים אַז עֶר זָאל נִישְׁט קוּמֶען צוּ אַ זִינְד, וֵוייִנִיגְסְטְנְס אִין עֶפֶּעס וָואס עֶר אִיז בְּכֹחַ זִיךְ צוּ הִיטְן דֶערְפוּן, אוּן זִיךְ אוּמְצוּקוּקְן אַז עֶר זָאל נִישְׁט עוֹבֵר זַיין אוֹיפְן ווִילְן פוּן זַיין בַּאשֶׁעפֶער, וַוייל מִיר הָאבְּן גֶעלֶערְנְט, אַז אַלֶעס וָואס דֶער מֶענְטְשׁ טוּט אוֹיף דֶער וֶועלְט, וֶוערְן דִי מַעֲשִׂים אוֹיפְגֶעשְׁרִיבְּן אִין אַ בּוּךְ, אוּן זֵיי גֵייעֶן אַרַיין אִינֶעם חֶשְׁבּוֹן פַארְן קֶענִיג דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אוּן אַלֶעס אִיז אַנְטְפְּלֶעקְט פַאר אִים, אוֹיךְ דִי גֶעדַאנְקֶען פוּן דִי מֶענְטְשְׁן, דָאס אִיז וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "אִם יִסָּתֵר אִישׁ בַּמִּסְתָּרִים וַאֲנִי לֹא אֶרְאֶנּוּ נְאֻם ה'", צוּדֶעם קֶען זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ בַּאהַאלְטְן אִין בַּאהֶעלְטֶענִישׁ אוּן אִיךְ זָאל אִים נִישְׁט זֶען, אַזוֹי זָאגְט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער, דָאס מֵיינְט, אִיז דֶען מֶעגְלִיךְ אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל טְרַאכְטְן אִין גֶעדַאנְקֶען פוּן זִינְד אִין דִי בַּאהֶעלְטֶענִישְׁן פוּן זַיין הַארְץ, אוּן אִיךְ דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל אִים דֶען נִישְׁט זֶען, אִיךְ בִּין דָאךְ פוּל דֶער גַאנְצֶער הִימְל אוּן עֶרְד, אוּן אַלֶעס אִיז אַנְטְפְּלֶעקְט אוּן בַּאוואוּסְט פַאר מִיר, אוֹיבּ אַזוֹי וִויאַזוֹי זָאל זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ נִישְׁט אָפְּהִיטְן פוּן צוּ זִינְדִיגְן פַאר זַיין בַּאשֶׁעפֶער, אוּן אַזוֹי הָאבְּן מִיר גֶעלֶערְנְט אַז אֲפִילוּ דָאס וָואס דֶער מֶענְטְשׁ הָאט גֶעטְרַאכְט אוּן עֶס אִיז אַרוֹיפְגֶעקוּמֶען אִין זַיין ווִילְן צוּ טוּן אַן עֲבֵירָה, גֶעפִינְט זִיךְ אַלֶעס פַארְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן אוּן קַיין שׁוּם זַאךְ וֶוערְט נִישְׁט פַארְלוֹירְן פוּן אִים, אוּן קַיין שׁוּם גֶעדַאנְק פוּן זִינְד וֶוערְט נִישְׁט אוֹיסְגֶעמֶעקְט, נָאר דוּרְךְ תְּשׁוּבָה שְׁלֵימָה.

#### דִי גְאוּלָה אִיז גֶעהָאנְגֶען אִין תְּשׁוּבָה

**רַבִּי** אֱלִיעֶזֶר הָאט גֶעזָאגְט, אַלֶע גָלוּתְ'ן וָואס כְּנֶסֶת יִשְׂרָאֵל אִיז פַארְוָואגְלְט גֶעוָוארְן, הָאט אִיר דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער גֶעגֶעבְּן אַ צַייט אוּן אַן עֶנְדֶע בִּיז וֶוען זֵיי וֶועלְן זַיין אִין גָלוּת, אוּן שְׁטֶענְדִיג הָאט זִי זִיךְ עֶרְוֶועקְט מִיט תְּשׁוּבָה אוּן זִי הָאט זִיךְ צוּרִיקְגֶעקֶערְט קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן דֶעם לֶעצְטְן יֶעצְטִיגְן גָלוּת הָאט נִישְׁט קַיין עֶנְדֶע אוּן אַ צַייט וֶוען דִי אִידְן וֶועלְן אוֹיסְגֶעלֵייזְט וֶוערְן פוּן אִיר, נָאר אַלֶעס אִיז גֶעהָאנְגֶען אִין תְּשׁוּבָה, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "וְשַׁבְתָּ עַד ה' אֱלֹקֶיךָ וְשָׁמַעְתָּ בְּקֹלוֹ", אוּן דוּ וֶועסְט דִיךְ צוּרִיקְקֶערְן בִּיז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער דַיין גָאט אוּן דוּ וֶועסְט צוּהֶערְן אִין זַיין קוֹל, אוּן דֶערְנָאךְ שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "אִם יִהְיֶה נִדַּחֲךָ בִּקְצֵה הַשָּׁמָיִם מִשָּׁם יְקַבֶּצְךָ ה' אֱלֹקֶיךָ וּמִשָּׁם יִקָּחֶךָ", אוֹיבּ וֶועט דַיין פַארְשְׁטוֹיסֶענֶער זַיין אֲפִילוּ אִינֶעם עֶק פוּנֶעם הִימְל, פוּן דָארְט וֶועט דִיר דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער דַיין גָאט צוּזַאמֶענְעמֶען אוּן פוּן דָארְט וֶועט עֶר דִיר נֶעמֶען.

**הָאט** רַבִּי עֲקִיבָא גֶעזָאגְט צוּ רַבִּי אֱלִיעֶזֶר, אוֹיבּ אַזוֹי, אַז אַלֶעס אִיז גֶעהָאנְגֶען אִין תְּשׁוּבָה, וִויאַזוֹי וֶועט זַיין דִי זַאךְ אַז אַלֶע אִידְן צוּזַאמֶען וֶועלְן עֶרְוֶועקְט וֶוערְן מִיט תְּשׁוּבָה, וַוייל עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "אִם יִהְיֶה נִדַּחֲךָ בִּקְצֵה הַשָּׁמָיִם", וָואס דָאס מֵיינְט, אַז וֶוער עֶס אִיז בַּיים סוֹף פוּנֶעם הִימְל אִין מִזְרַח זַייט, אוּן וֶוער עֶס אִיז אִינֶעם סוֹף

**מַאן דַּהֲוֵי בִּסְיָיפֵי שְׁמַיָּא** מי שהוא בסוף השמים במזרח, **וּמָאן דְּהוּא בִּסְיָיפֵי אַרְעָא** ומי שהוא בסוף הארץ במערב, **הֵיךְ יִתְחַבְּרוּן כַּחֲדָא לְמֶעְבַּד תְּשׁוּבָה** איך יתחברו יחד לעשות תשובה.

**אָמַר לוֹ רַבִּי אֱלִיעֶזֶר** לרבי עקיבא, **חַיֶּיךָ** הוא לשון שבועה, **דְּאִי יַחְזְרוּן בִּתְשׁוּבָה רֵישֵׁי כְּנִישְׁתָּא** שאם יחזרו בתשובה כראוי ראשי העדה, **אוֹ חֲדָא כְּנִישְׁתָּא** או עדה אחת, **בִּזְכוּתָם יִתְכְּנֵשׁ כָּל גָּלוּתָא** בזכותם יתקבצו כל הגליות, **דְּקֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא אִיסְתַּכֵּי תְּדִירָא אֵימָתַי יַחְזְרוּן** כי הקבי"ה מצפה תמיד מתי יחזרו בתשובה, **וְיַעֲבֵד לְהוֹן טָבָא** ויוכל לעשות להם טובות לגאלם, **דִּכְתִיב וְלָכֵן יְחַכֶּה יהו"ה לַחֲנַנְכֶם** פירושו הקב"ה **מְחַכֶּה תָּמִיד אֵימָתַי יַעֲשׂוּ תְּשׁוּבָה** ויוכל לחוננם ולגאלם. (זהר חדש נח דף ל ע"א ובביאורינו כרך א עמ' תסו-תסז)

# ראש השנה

## ג' כתות מלאכים עומדים על הדין בראש השנה

מה שאמרו חכמים **בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה דָּן** הקב"ה את **כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ** היינו את **גּוּפוֹת בְּנֵי אָדָם וְהַנְּשָׁמוֹת, וּפוֹקֵד אוֹתָם, וְדָן אוֹתָם עַל כָּל מַה שֶּׁעָשׂוּ כָּל הַשָּׁנָה כֻּלָּהּ. וְתָאנָא** ולמדנו כי **אֲפִילוּ צְעָדָיו שֶׁל אָדָם נִמְנִין וּבָאִין בַּדִּין בְּאוֹתוֹ הַיּוֹם, הָדָא הוּא דִּכְתִיב** זהו שכתוב **וְכָל צְעָדַי יִסְפּוֹר.**

**תָּאנֵי רַבִּי יוֹסֵי, שָׁלֹשׁ כִּתּוֹת נִכְנָסִין לְיוֹם הַדִּין, כַּת צַדִּיקִים גְּמוּרִים, כַּת רְשָׁעִים גְּמוּרִים, כַּת בֵּינוֹנִים, וּכְנֶגְדָּן** יש **שָׁלֹשׁ כּחוֹת בְּאָדָם, כֹּחַ הַנְּשָׁמָה הַקְּדוֹשָׁה** כנגד הצדיקים שהשליטו הנשמה על הגוף וקידשו עצמם במותר להם, **וְכֹחַ הַמִּתְאַוֶּה** כנגד הרשעים שהכניעו נשמתם בתאוותם, **וְכֹחַ הַמְּנִיעָה** כנגד הבינונים, ושואל **מַאי כֹּחַ הַמְּנִיעָה, אָמַר רַבִּי יְהוּדָה, כֹּחַ הַמְגַדֶּלֶת וְהַמֵּנִיעַ אֶת הַגּוּף בְּכָל צְרָכָיו** והם הבינונים שמתנהגים לפי טבע תנועת גופם, ואינם מקדשים עצמם במותר להם.

### אידיש

פון דער עֶרד אין מַעֲרָב זַייט, איז וויאַזוֹי וועלן זיי זיך באַהעפטן צוזאַמען צו תְּשׁוּבָה טוּן.

**האָט** רַבִּי אֱלִיעֶזֶר געזאָגט צו רַבִּי עֲקִיבָא, דיין לעבּן, דאָס מיינט, מיט אַ שְׁבוּעָה, אַז אויב וועלן די הויפּטן פון די געמיינדע תְּשׁוּבָה טוּן, אָדער איין געמיינדע וועט תְּשׁוּבָה טוּן, וועלן אין זייער זְכוּת צוזאַמענגענומען ווערן אַלע גָלוּת'ן, ווייל דער אויבערשטער קוקט אויס שטענדיג ווען וועלן זיי זיך צוריקקערן מיט תְּשׁוּבָה, און ער וועט קענען טוּן פאַר זיי גוטס זיי אויסצולייזן, ווייל עס שטייט אין פָּסוּק "וְלָכֵן יְחַכֶּה ה' לַחֲנַנְכֶם", און דעריבער וועט דער אויבערשטער וואַרטן אייך צו שענקען, דאָס מיינט, אַז דער אויבערשטער וואַרט אויס שטענדיג ווען וועלן זיי תְּשׁוּבָה טוּן און ער וועט זיי קענען שענקען און אויסלייזן.

#### דריי גרופּעס מַלְאָכִים שטייען אויפן דין אום ראֹשׁ הַשָּׁנָה

**דאָס** וואָס די חֲכָמִים האָבן געזאָגט, אַז אום ראֹשׁ הַשָּׁנָה טוּט דער אויבערשטער מִשְׁפָּט'ן די גאַנצע וועלט, דאָס הייסט די קערפּערס פון די מענטשן און די נְשָׁמוֹת, און ער געדענקט זיי, און ער טוּט זיי מִשְׁפָּט'ן אויף אַלעם וואָס זיי האָבן געטוּן דעם גאַנצן יאָר. און מיר האָבן געלערנט אַז אֲפִילוּ די טריט פון דעם מענטש ווערן געציילט ביים דין אין דעם טאָג, און דאָס איז וואָס עס שטייט אין פָּסוּק "וְכָל צְעָדַי יִסְפּוֹר", אַז אַלע מיינע טריט טוּט ער ציילן.

**רַבִּי** יוֹסֵי האָט געלערנט, דריי גרופּעס גייען אַריין צום יוֹם הַדִּין, אַ גרופּע פון צַדִּיקִים גְּמוּרִים, אַ גרופּע פון רְשָׁעִים גְּמוּרִים, אַ גרופּע פון בֵּינוֹנִים, און אַנטקעגן זיי זענען דאָ דריי כּוֹחוֹת אינעם מענטש, דער כֹּחַ פון די הייליגע נְשָׁמָה, אַנטקעגן די צַדִּיקִים וואָס האָבן געמאַכט געוועלטיגן די נְשָׁמָה אויפן גוף און זיי האָבן זיך געהייליגט אין דאָס וואָס איז ערלויבט פאַר זיי, און דער כֹּחַ וואָס גלוּסט, אַנטקעגן די רְשָׁעִים וואָס האָבן אונטערטעניגט זייער נְשָׁמָה מיט זייער גלוּסטעניש, און דער כֹּחַ פון זיך צוריקהאַלטן, איז אַנטקעגן די בֵּינוֹנִים, פרעגט דער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ, וואָס איז דער כֹּחַ פון זיך צוריקהאַלטן, האָט רַבִּי יְהוּדָה געזאָגט, אַז דאָס מיינט דער כֹּחַ וואָס מאַכט וואַקסן און עס מאַכט דעם גוף זיך באַוועגן אין אַלע זיינע געברויכן, און דאָס זענען די בֵּינוֹנִים וואָס זיי פירן זיך לויטן טֶבַע פון דער באַוועגונג פון זייער גוף, און זיי הייליגן זיך נישט אין דאָס וואָס איז ערלויבט פאַר זיי.

רַבִּי יוֹסֵי בֶּן פַּזִּי אוֹמֵר, בּוֹא וּרְאֵה רַחְמָנוּתוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, אַף עַל פִּי שֶׁבֵּית דִּין שֶׁל מַעְלָה בָּאִין לַעֲמוֹד בַּדִּין, וְלָדוּן אֶת הַבְּרִיּוֹת, (ה״ג) בָּאִים גַּם כֵּן לְהוֹרוֹת לִפְנֵי הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא זְכוּת וְחוֹבָה שֶׁל בְּנֵי אָדָם, דְּתָאנֵי רַבִּי יוֹסֵי בֶּן פַּזִּי, שָׁלֹשׁ כִּתּוֹת שֶׁל מַלְאֲכֵי הַשָּׁרֵת עוֹמְדִין עַל הַדִּין בְּיוֹם רֹאשׁ הַשָּׁנָה, יֵשׁ מֵהֶם שֶׁהֵם מוֹרִים זְכוּת לְטוֹבָה, וְיֵשׁ מֵהֶם שהם מורים חוֹבָה לְרָעָה, וכת השלישית הם הדנים את בני אדם.

ומפרש וְתָא חֲזֵי בא וראה רַחְמָנוּתוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, שֶׁנָּתַן עֵצָה לְהִנָּצֵל מִן הַדִּין, דְּתַנְיָא כי למדנו בברייתא מַאי דִּכְתִיב מהו שכתוב זִכְרוֹן תְּרוּעָה, הנה לָא אַשְׁכַּחְנָא זְכִירָה לִתְרוּעָה אֶלָּא הַאי דְּאָמַר רַבִּי יוֹסֵי לא מצינו דרשה ישרה לזכרון תרועה אלא מה שאמר רבי יוסי, והוא כי כְּתִיב, וְכִי תָבֹאוּ מִלְחָמָה בְּאַרְצְכֶם עַל הַצַּר הצורר אתכם וַהֲרֵעוֹתֶם בחצוצרות ונזכרתם לפני ה׳ אלהיכ״ם, וְזֵכֶר לִתְרוּעָה זוֹ דהיינו לתרועת מלחמה, אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לישראל, הָרִיעוּ לְפָנַי בִּתְרוּעָה זוֹ בראש השנה, שֶׁהִיא זִכְרוֹן אוֹתָהּ הַתְּרוּעָה של תרועת המלחמה, מִיָּד וְנוֹשַׁעְתֶּם מֵאוֹיְבֵיכֶם, כְּהַהוּא גַּוְונָא דהיינו כאותו האופן שהוא במלחמה, כי כמו שבמלחמה הזכרון הוא על ידי התרועה, כך בראש השנה כדי שיעלה זכרונינו לטובה הוא על ידי התרועה.

ומה שכתוב מֵאוֹיְבֵיכֶם שואל מַאן אִינּוּן מי הם האויבים, ומשיב אֵלּוּ הֵם המלאכים הַמּוֹרִים חוֹבָתָם שֶׁל בְּנֵי אָדָם, דְּתַנְיָא שלמדנו אָמַר רַבִּי יוֹחָנָן, מַלְאָכִים יֵשׁ הַמּוֹרִים חוֹבָתָן שֶׁל בְּנֵי אָדָם, וּמַלְאָכִים יֵשׁ הַמּוֹרִים זְכוּתָן, וַאֲפִילוּ אֶחָד מִנִּי אֶלֶף מוֹרֶה זְכוּתוֹ, שָׁבְקִין לֵיהּ עוזבים אותו, ואינם מענישים אותו, הָדָא הוּא דִכְתִיב זהו שכתוב, אִם יֵשׁ עָלָיו מַלְאָךְ מֵלִיץ אֶחָד מִנִּי אָלֶף פי׳ אפילו מלאך אחד מורה זכותו, וּכְתִיב בָּתְרֵיהּ וכתוב אחריו, וַיְחֻנֶּנּוּ הקב״ה יחנן אותו וימחול לו, וַיֹּאמֶר פְּדָעֵהוּ מֵרֶדֶת שַׁחַת מצאתי כופר.

## אידיש

רַבִּי יוֹסֵי בֶּן פַּזִּי זָאגְט, קום און זֶע דָאס דֶערְבַּארֶעמִיגְקַייט פוּנֶעם אויבֶּערְשְׁטְן, כָאטְשׁ דֶער בֵּית דִּין שֶׁל מַעְלָה קוּמֶען צוּ שְׁטֵיין אִין דִּין, און צוּ מִשְׁפָּטְ'ן דִי מֶענְטְשְׁן, קוּמֶען זֵיי אויךְ צוּ וַוייזְן פַארְן אויבֶּערְשְׁטְן דָאס גֶערֶעכְטִיגְקַייט און שׁוּלְד פוּן דִי מֶענְטְשְׁן, וַוייל רַבִּי יוֹסֵי בֶּן פַּזִּי הָאט גֶעלֶערְנְט, אַז דְרַיי גְרוּפֶּעס פוּן מַלְאֲכֵי הַשָּׁרֵת שְׁטֵייעֶן אויפְן דִּין אִינֶעם טָאג פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אַ טֵייל פוּן זֵיי וַוייזְן זְכוּת צוּם גוּטְן, און אַ טֵייל פוּן זֵיי וַוייזְן שׁוּלְד צוּם שְׁלֶעכְטְן, און אַ דְרִיטֶע גְרוּפֶּע וָואס זֵיי מִשְׁפָּטְ'ן דִי מֶענְטְשְׁן.

און דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ עֶרְקְלֶערְט, און קום און זֶע דָאס דֶערְבַּארֶעמִיגְקַייט פוּנֶעם אויבֶּערְשְׁטְן, וָואס עֶר הָאט גֶעגֶעבְּן אַן עֵצָה צוּ וֶוערְן גֶערַאטֶעוֶועט פוּנֶעם דִּין, וַוייל מִיר הָאבְּן גֶעלֶערְנְט אִין אַ בְּרַיְיתָא, דָאס וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק ״זִכְרוֹן תְּרוּעָה״, אַן אָנְדֶענְק פוּן בְּלָאזְן, אָט הָאבְּן מִיר נִישְׁט גֶעפִינֶען אַ גְלַייכֶע דְרָשָׁה צוּם אָנְדֶענְק פוּן בְּלָאזְן נָאר דָאס וָואס רַבִּי יוֹסֵי הָאט גֶעזָאגְט, און דָאס אִיז, אַז עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק ״וְכִי תָבֹאוּ מִלְחָמָה בְּאַרְצְכֶם עַל הַצַּר הַצּוֹרֵר אֶתְכֶם וַהֲרֵעוֹתֶם בַּחֲצוֹצְרוֹת וְנִזְכַּרְתֶּם לִפְנֵי ה׳ אֱלֹקֵיכֶם״, און אויבּ אִיר וֶועט קוּמֶען מִלְחָמָה הַאלְטְן אִין אֵייעֶר לַאנְד אויפְן פַיינְט וָואס טוּט אַייךְ אוּנְטֶערְדְרִיקְן, זָאלְט אִיר בְּלָאזְן מִיט טְרוּמְפֵּייטֶער און אִיר וֶועט גֶעדֶענְקְט וֶוערְן פַארְן אויבֶּערְשְׁטְן אֵייעֶר גָאט, און אַן אָנְדֶענְק צוּ דֶעם בְּלָאזְן, דָאס הֵייסְט צוּם בְּלָאזְן בַּיי אַ מִלְחָמָה, הָאט דֶער אויבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט צוּ דִי אִידְן, בְּלָאזְט פַאר מִיר מִיט אָט דֶעם בְּלָאזוּנְג אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וָואס דָאס אִיז אַן אָנְדֶענְק פוּן יֶענֶעם בְּלָאזְן פוּן דָאס שַׁאלוּנְג פוּן מִלְחָמָה, אִיז גְלַייךְ ״וְנוֹשַׁעְתֶּם מֵאוֹיְבֵיכֶם״, וֶועט אִיר גֶעהָאלְפְן וֶוערְן פוּן אַייעֶרֶע פַיינְט, אַזוֹי וִוי דֶעם שְׁטֵייגֶער וָואס אִיז בַּיי אַ מִלְחָמָה, וַוייל אַזוֹי וִוי בַּיי אַ מִלְחָמָה אִיז דֶער גֶעדֶענְקֶענִישׁ דוּרְכְן בְּלָאזְן, אַזוֹי אִיז אויךְ אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אַז כְּדֵי אוּנְזֶער אָנְדֶענְק זָאל אַרוֹיפְגֵיין צוּם גוּטְן, אִיז דָאס דוּרְכְן בְּלָאזְן.

און דָאס וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק ״מֵאוֹיְבֵיכֶם״, פוּן אַייעֶרֶע פַיינְט, פְרֶעגְט דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ, וֶוער זֶענֶען זֵיי דִי פַיינְט, און דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ עֶנְטְפֶערְט, דָאס זֶענֶען דִי מַלְאָכִים וָואס וַוייזְן דִי שׁוּלְד פוּן דִי מֶענְטְשְׁן, אַזוֹי וִוי מִיר הָאבְּן גֶעלֶערְנְט, רַבִּי יוֹחָנָן הָאט גֶעזָאגְט, עֶס זֶענֶען דָא מַלְאָכִים וֶועלְכֶע וַוייזְן דִי שׁוּלְד פוּן דִי מֶענְטְשְׁן, און עֶס זֶענֶען דָא מַלְאָכִים וָואס וַוייזְן זֵייעֶר גֶערֶעכְטִיגְקַייט, און אֲפִילוּ אַז אֵיינֶער פוּן טוֹיזְנְט ווייזְט זַיין גֶערֶעכְטִיגְקַייט, לָאזְט מֶען אִים אָפּ, און מֶען בַּאשְׁטְרָאפְט אִים נִישְׁט, דָאס אִיז וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק, ״אִם יֵשׁ עָלָיו מַלְאָךְ מֵלִיץ אֶחָד מִנִּי אָלֶף״, אויבּ עֶס אִיז דָא אויף אִים אֵיין מַלְאָךְ פוּן טוֹיזְנְט וָואס רֶעדְט אויף אִים גוּטְס, דָאס הֵייסְט, אֲפִילוּ אֵיין מַלְאָךְ ווייזְט זַיין גֶערֶעכְטִיגְקַייט, און דֶערְנָאךְ שְׁטֵייט וַוייטֶער ״וַיְחֻנֶּנּוּ״, און דֶער אויבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים לַייטְזֶעלִיגְן און מוֹחֵל זַיין, ״וַיֹּאמֶר פְּדָעֵהוּ מֵרֶדֶת שַׁחַת מָצָאתִי כוֹפֶר״, און עֶר וֶועט זָאגְן, לֵייז אִים אוֹיס פוּן צוּ אַרָאפְּגֵיין אִין אָפְּגְרוּנְד, אִיךְ הָאבּ גֶעפִינֶען אַן אויסְלֵייזוּנְג.

ושואל וְכִי יֵשׁ מַלְאָךְ מַשְׂטִין זְכוּתוֹ שֶׁל אָדָם ר"ל וכי מלאך קדוש משטין ומבטל את זכויותיו של אדם, אָמַר רַבִּי שִׁמְעוֹן, חַס וְשָׁלוֹם שֶׁמַּלְאָךְ מַשְׂטִין זְכוּת, אֶלָּא יֵשׁ מַלְאָכִים מְמוּנִּים לְעַיֵּין וּלְהוֹרוֹת בְּחוֹבָתוֹ שֶׁל אָדָם בְּכָל שָׁעָה שֶׁיַּעֲבוֹר איזה עבירה ועון, וְהֵם מוֹרִים, אוֹתוֹ דָּבָר דהיינו את צורת העבירה כְּמוֹ שֶׁנִּצְטַוּוּ לעיין בחובותו של אדם [וכו'].

אָמַר רַב יְהוּדָה אָמַר רַב, מִפְּנֵי מָה בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה דנים דִּין הַגּוּף וְהַנְּשָׁמָה ולא בזמן אחר, ומשיב מִפְּנֵי שֶׁבּוֹ נוֹלַד אָדָם הָרִאשׁוֹן, וּבוֹ בַּיּוֹם נַעֲשָׂה גוּף של אדם הראשון, וְנִזְרְקָה בּוֹ נְשָׁמָה, וּבוֹ בַּיּוֹם נִידּוֹן על שעבר על מצות קונו, וְנִקְבַּע הַדִּין לְדוֹרוֹת על אותו היום. (זהר חדש בראשית דף יח ע"ב-יט ע"א, ובביאורינו כרך א עמ' רפז-רצ)

## ראש השנה, זמן פקידת עקרות

וַיְהִי הַיּוֹם וַיָּבֹא שָׁמָּה מש"כ וַיְהִי הַיּוֹם בה' ידיעה מַאן הוּא יוֹמָא דָא מה היה אותו היום, אֶלָּא כְּמָה דְּאוֹקְמוּהָ בפ' פנחס דף רלא ע"א שהיה ראש השנה, ומפרש ואמר וְתָא חֲזֵי, הַהוּא יוֹמָא יוֹמָא טָבָא דְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה הֲוָה בא וראה שאותו היום היה יום טוב של ראש השנה, דְּאִתְפְּקָדוּ בֵּיהּ עֲקָרוֹת דְּעָלְמָא שנפקדות בו העקרות שבעולם, וְאִתְפַּקְדָן בֵּיהּ בְּנֵי עָלְמָא ונפקדים בו כל בני העולם, קָרָא לַשּׁוּנַמִּית וְאָמַר אז קרא אלישע לשונמית ואמר לה הִנֵּה חָרַדְתְּ אֵלֵינוּ אֶת כָּל הַחֲרָדָה הַזֹּאת ותקנת לי מקום שאוכל להתבודד בו, לכן אני רוצה להיטיב עמך בדבר מה, ואמר לה כי בְּגִינֵי כָּךְ אִצְטְרִיכְנָא לְעַיְּינָא יוֹמָא דָא בְּדִינֵי דְּעָלְמָא, דְּקֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא דָּאִין בְּיוֹמָא דָא לְעָלְמָא לכן אני צריך לעיין ביום זה בדיני העולם, בגלל שהקב"ה דן ביום הזה את העולם, וּבְגִין דְּאִתְפְּרַשְׁנָא בִּלְחוֹדָאי בְּאַתַר דָּא ובשביל שנתפרשתי להיות לבדי במקום הזה שתקנת לי שאוכל להתבודד בו, שעי"ז יש לי ישוב הדעת, לכן אִצְטְרִיכְנָא לְאִסְתַּכְּלָא בִּרְגִיזוּ דְּעָלְמָא אני יכול וצריך לעיין ברוגז ודין הנגזר על העולם כדי שאוכל

## אידיש

**און** דער זוהַר הַקָּדוֹשׁ פְּרֶעגְט, און אִיז דֶען דָא אַ הֵיילִיגֶער מַלְאָךְ וָואס טוּט שְׁטֶערְן און מְבַטֵּל זַיין דִי גֶערֶעכְטִיגְקֵייטְן פוּן אַ מֶענְטְשׁ, הָאט רַבִּי שִׁמְעוֹן גֶעזָאגְט, חַס וְשָׁלוֹם אַז אַ מַלְאָךְ זָאל צוּשְׁטֶערְן אַ זְכוּת, נָאר עֶס זֶענֶען דָא מַלְאָכִים וָואס זֶענֶען גֶעשְׁטֶעלְט אַרַיינְצוּקוּקְן און צוּ וַוייזְן אִינֶעם שׁוּלְד פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אִין יֶעדֶער צַייט וָואס עֶר אִיז עוֹבֵר אַן עֲבֵירָה און זִינְד, און זֵיי וַוייזְן יֶענֶע זַאךְ, דָאס הֵייסְט דִי צוּרָה פוּן דִי עֲבֵירָה, אַזוֹי וִוי זֵיי זֶענֶען בַּאפוֹילְן גֶעוָוארְן אַרַיינְצוּקוּקְן אִינֶעם שׁוּלְד פוּנֶעם מֶענְטְשׁ [וְכוּ'].

**הָאט** רַב יְהוּדָה גֶעזָאגְט אִין נָאמֶען פוּן רַב, וֶועגְן וָואס אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה טוּט מֶען מִשְׁפָּטְ'ן דֶעם דִין פוּן דֶעם גוּף און דִי נְשָׁמָה און נִישְׁט אִין אַן אַנְדֶער צַייט, און עֶר עֶנְטְפֶערְט, וַוייל אִין דֶעם טָאג אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אָדָם הָרִאשׁוֹן, און אִין דֶעם טָאג אִיז גֶעמַאכְט גֶעוָוארְן דֶעם גוּף פוּן אָדָם הָרִאשׁוֹן, און עֶס אִיז אַרַיינְגֶעוָוארְפְן גֶעוָוארְן אִין אִים אַ נְשָׁמָה, און אִין דֶעם טָאג אִיז עֶר גֶעוָוארְן גֶע'מִשְׁפָּט וַוייל עֶר הָאט עוֹבֵר גֶעוֶוען אוֹיפְן בַּאפֶעל פוּן זַיין הַאר, און דֶער דִין אִיז בַּאשְׁטִימְט גֶעוָוארְן פַאר דִי קוּמֶענְדִיגֶע דוֹרוֹת צוּ דֶעם טָאג.

**רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אַ צַייט פוּן פְּקִידַת עֲקָרוֹת**

**עֶס** שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "וַיְהִי הַיּוֹם וַיָּבֹא שָׁמָּה", און עֶס אִיז גֶעוֶוען דֶער טָאג און עֶר אִיז גֶעקוּמֶען דָארְט, דָאס וָואס עֶס שְׁטֵייט "וַיְהִי הַיּוֹם" מִיטְן אוֹת ה' וָואס וַוייזְט אַז עֶס אִיז דֶעם בַּאוואוּסְטְן טָאג, פְּרֶעגְט דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ, וָואס אִיז גֶעוֶוען אִין דֶעם טָאג, נָאר, אַזוֹי וִוי מֶען הָאט עֶס אַוֶועקְגֶעשְׁטֶעלְט אִין פַּרְשַׁת פִּנְחָס דַף רלא עַמּוּד א' אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען רֹאשׁ הַשָּׁנָה, און דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ עֶרְקְלֶערְט און זָאגְט, און קוּם און זֶע, אַז דֶער טָאג אִיז גֶעוֶוען דֶער יוֹם טוֹב פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וָואס עֶס וֶוערְן גֶעדֶענְקְט אִין אִים דִי קִינְדֶערְלָאזֶע פְרוֹיעֶן פוּן דֶער וֶועלְט, און עֶס וֶוערְן גֶעדֶענְקְט אִין אִים אַלֶע מֶענְטְשְׁן פוּן דֶער וֶועלְט, דֶעמָאלְטְס הָאט אֱלִישָׁע גֶערוּפְן צוּ דִי שׁוּנַמִּית און עֶר הָאט גֶעזָאגְט צוּ אִיר, "הִנֵּה חָרַדְתְּ אֵלֵינוּ אֶת כָּל הַחֲרָדָה הַזֹּאת", אָט הָאסְטוּ זִיךְ אָנְגֶעשְׁטְרֶענְגְט פַאר אוּנְז מִיט אַזַא אָנְשְׁטְרֶענְגוּנְג, און הָאסְט אָנְגֶעגְרֵייט פַאר מִיר אַן אָרְט וָואס אִיךְ זָאל קֶענֶען זַיין אַלֵיין, דֶערְפַאר וִויל אִיךְ דִיר גוּטְס טוּן מִיט עֶפֶּעס, און עֶר הָאט גֶעזָאגְט צוּ אִיר, צוּלִיבּ דֶעם מוּז אִיךְ אִין דֶעם טָאג אַרַיינְקוּקְן אִין דִי דִינִים פוּן דֶער וֶועלְט, וְוייבַּאלְד דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער טוּט הַיינְט מִשְׁפָּטְ'ן דִי וֶועלְט, און וַוייל אִיךְ הָאבּ מִיךְ אָפְּגֶעשֵׁיידְט צוּ זַיין אַלֵיין אִין דֶעם אָרְט וָואס דוּ הָאסְט אָנְגֶעגְרֵייט פַאר מִיר אַז אִיךְ זָאל קֶענֶען זַיין אַלֵיין אִין אִים, וָואס דוּרְכְדֶעם הָאבּ אִיךְ יִשּׁוּב הַדַּעַת, דֶערִיבֶּער קֶען אִיךְ און אִיךְ מוּז אַרַיינְקוּקְן אִינֶעם צָארְן און אִינֶעם דִין וָואס וֶוערְט נִגְזַר אוֹיף דֶער וֶועלְט כְּדֵי אִיךְ זָאל עֶס קֶענֶען צוּשְׁטֶערְן, און אִיבֶּערְוֶועגְן דֶעם בֵּית דִין הָעֶלְיוֹן צוּ דֶערְבַּארֶעמִיגְקַייט, אוֹיבּ אַזוֹי וֶועל אִיךְ אִין אֵיינְוֶועגְס אוֹיךְ

לבטלו, ולהכריע את הבית דין העליון לרחמים, אם כן אגב אורחי אסתכל גם במה שאת צריכה, וזה שאמר **וּמֶה לַעֲשׂוֹת לָךְ הֲיֵשׁ לְדַבֶּר לָךְ אֶל הַמֶּלֶךְ אוֹ אֶל שַׂר הַצָּבָא.**

ומקשה **וְכִי מִלָּה דָּא לְמָה אִצְטְרִיכָא לְגַבֵּי אִתְּתָא** וכי דבר זה למה נצרך לאשה, **דְּלָא נָפְקַת וְלָא אָזְלַת וְלָא עָאלַת בְּהֵיכְלָא דְּמַלְכָּא** שאינה יוצאת מביתה ואינה הולכת ונכנסת בהיכל המלך ושר צבא, **אֶלָּא יוֹמָא דָּא הֲוָה גָּרִים, דְּכָל בְּנֵי עָלְמָא קָיְימִין בְּדִינָא** אלא יום זה היה גורם שכל בני העולם עומדים בדין, **וּבְהַהוּא יוֹמָא אִקְרֵי קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא מֶלֶךְ** וביום זה נקרא הקב״ה מלך, כמו שאומרים בתפלה **הַמֶּלֶךְ הַמִּשְׁפָּט**, לכן **אָמַר לָהּ, אִי אַתְּ אִצְטְרִיךְ לָךְ לְגַבֵּי מַלְכָּא עִלָּאָה עַל עוֹבָדִין דִּי בִּידָךְ** אמר לה אלישע אולי את צריכה למלך העליון על המעשים שבידך, ואני אשתדל להעביר פגמך מלמעלה.

**וַתֹּאמֶר בְּתוֹךְ עַמִּי אָנֹכִי יוֹשָׁבֶת** ושואל **מַאי קָאָמְרַת** מה אמרה בזה לאלישע, ומשיב **אֶלָּא בְּשַׁעְתָּא דְּדִינָא תַּלְיָא בְּעָלְמָא לָא יִתְפְּרַשׁ בַּר נָשׁ בִּלְחוֹדוֹי** אלא בשעה שהדין תלוי בעולם לא יפרד האדם לבדו, **וְלָא יִתְרְשִׁים לְעֵילָּא וְלָא יִשְׁתְּמוֹדְעָן בֵּיהּ בִּלְחוֹדוֹי** ולא יהיה נרשם למעלה ולא יהיה ניכר לבדו, **דְּהָא בִּזְמְנָא דְּדִינָא תַּלְיָא בְּעָלְמָא אִינּוּן דְּאִשְׁתְּמוֹדְעוּן וּרְשִׁימִין בִּלְחוֹדַיְיהוּ** כי בזמן שהדין תלוי בעולם אלו שנודעים ונרשמים לבדם, **אַף עַל גַּב דְּזַכָּאִין אִינּוּן, אִינּוּן אִתְפְּסָן בְּקַדְמִיתָא** אף על פי שהם צדיקים, הם נתפסים בתחילה, **וְעַל דָּא לָא לִבָּעֵי לֵיהּ לְאִינִישׁ לְאִתְפָּרְשָׁא מִבֵּין עַמָּא לְעָלַם** ועל כן אין לו לאדם לפרוש מבין הצבור לעולם, **דִּבְכָל זִמְנָא רַחֲמֵי דְּקֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא עַל עַמָּא כֻּלְּהוּ כְּחַד** כי בכל זמן הקב״ה מרחם על הצבור כולו כשהם ביחד, **וּבְגִינֵי כָךְ אָמְרָה** לכן אמרה השונמית לאלישע **בְּתוֹךְ עַמִּי אָנֹכִי יוֹשָׁבֶת.** (בשלח דף מד ע״א-ע״ב ובביאורינו כרך ה עמ׳ תפב-תפד)

## אידיש

קוּקְן אִין דָאס וָואס דוּ דַארְפְסְט, אוּן דָאס אִיז וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט "וּמֶה לַעֲשׂוֹת לָךְ הֲיֵשׁ לְדַבֶּר לָךְ אֶל הַמֶּלֶךְ אוֹ אֶל שַׂר הַצָּבָא", אוּן וָואס דַארְף מֶען טוּן פַאר דִיר, דַארְף מֶען עֶפֶּעס רֶעדְן פַאר דַיינֶעטְוֶועגְן צוּם קֶענִיג אָדֶער צוּם הוֹיפְּטְמַאן פוּן דֶער מִילִיטֶער.

**אוּן** דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ פְרֶעגְט, אוּן דִי זַאךְ פַארְוָואס פֶּעלְט עֶס אוּיס פַאר אַ פְרוֹי, וָואס זִי גֵייט נִישְׁט אַרוֹיס פוּן אִיר הוֹיז אוּן גֵייט נִישְׁט אַרַיין אִינֶעם זַאל פוּן אַ קֶענִיג אוּן אַ הוֹיפְּטְמַאן, נָאר דֶער טָאג הָאט צוּגֶעבְּרֶענְגְט, וָואס אַלֶע מֶענְטְשְׁן פוּן דֶער וֶועלְט שְׁטֵייעֶן אִין דִין, אוּן אִין דֶעם טָאג וֶוערְט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אָנְגֶערוּפְן קֶענִיג, אַזוֹי וִוי מִיר זָאגְן בַּיים דַאוֶוענֶען "הַמֶּלֶךְ הַמִּשְׁפָּט", דֶער קֶענִיג פוּן מִשְׁפָּט, דֶערְפַאר הָאט אֱלִישָׁע גֶעזָאגְט צוּ אִיר, מֶעגְלִיךְ דַארְפְסְטוּ אָנְקוּמֶען צוּם מֶלֶךְ הָעֶלְיוֹן וֶועגְן דִי מַעֲשִׂים וָואס זֶענֶען אִין דַיין הַאנְט, אוּן אִיךְ וֶועל פְּרָאבִּירְן אַוֶועקְצוּנֶעמֶען דַיין פֶּעלֶער פוּן אוֹיבְן.

"**וַתֹּאמֶר** בְּתוֹךְ עַמִּי אָנֹכִי יוֹשָׁבֶת", הָאט זִי גֶעזָאגְט, אִיךְ זִיץ צְוִוישְׁן מַיין פָאלְק, אוּן דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ פְרֶעגְט, וָואס הָאט זִי גֶעזָאגְט מִיט דֶעם צוּ אֱלִישָׁע, עֶנְטְפֶערְט דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ, נָאר, אַז אִינְדֶערְצַייט וָואס דֶער דִין אִיז גֶעהָאנְגֶען אִין דֶער וֶועלְט, זָאל זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ נִישְׁט אָפְּשֵׁיידְן אֵיינֶער אַלֵיין, אוּן עֶר זָאל נִישְׁט פַארְצֵייכְנְט וֶוערְן אוֹיבְן אוּן עֶר זָאל נִישְׁט זַיין דֶערְקֶענְט אַלֵיין, וַוייל אִינְדֶערְצַייט וָואס דֶער דִין אִיז גֶעהָאנְגֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט, אִיז דִי וֶועלְכֶע זֶענֶען בַּאווּאוּסְט אוּן פַארְצֵייכְנְט בַּאזוּנְדֶער, כָאטְשׁ זֵיי זֶענֶען צַדִיקִים, וֶוערְן זֵיי גֶעכַאפְּט אִין אָנְהֵייבּ, אוּן דֶערְפַאר זָאל זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ נִישְׁט אָפְּשֵׁיידְן פוּנֶעם צִבּוּר קֵיינְמָאל, וַוייל אִין יֶעדֶער צַייט הָאט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער דֶערְבַּארֶעמִיגְקֵייט אוֹיפְן גַאנְצְן צִבּוּר וֶוען זֵיי זֶענֶען צוּזַאמֶען, אוּן דֶערִיבֶּער הָאט דִי שׁוּנַמִית גֶעזָאגְט צוּ אֱלִישָׁע, "בְּתוֹךְ עַמִּי אָנֹכִי יוֹשָׁבֶת", אִיךְ זִיץ צְוִוישְׁן מַיין פָאלְק.

### שבח דא שירתא

בַּיי מוּסָף רֹאשׁ הַשָּׁנָה דֶערְמַאנְט מֶען 'מִירוֹן' צוּ עֶרְוֶועקְן זַיין זְכוּת

"בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה כָּל בָּאֵי הָעוֹלָם עוֹבְרִים לְפָנָיו כִּבְנֵי מָרוֹן", דָאס הֵייסְט אַז אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה גֵייט אַרִיבֶּער פַארְן הֵיילִיגְן גֶעלוֹיבְּטְן בַּאשֶׁעפֶער דֶעם זְכוּת פַאר אַלֶע בָּאֵי הָעוֹלָם פוּן דִי בְּחִינָה פוּן מֵרוֹ"ן דֶעם צִיּוֹן פוּן רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחַאי אוּן זַיין זוּן רַבִּי אֶלְעָזָר, וָואס אִין זַיין זְכוּת הַאלְטְן זִיךְ עֶלְיוֹנִים וְתַחְתּוֹנִים, אוּן עֶר אִיז דֶער צַדִּיק יְסוֹד עוֹלָם, וכו׳, אוּן אִין זְכוּת פוּן אָט דֶעם חִיבּוּר "דֶעם הֵיילִיגְן זוֹהַר" וָואס עֶר הָאט אוּנְז מְגַלֶּה גֶעוֶוען וכו׳, וֶועט מֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן גָלוּת צוּ דִי גְאוּלָה שְׁלֵימָה, דֶער תִּיקוּן פוּן אַלֶע עוֹלָמוֹת בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ, דֶערִיבֶּער אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה וָואס אִיז דֶער זְמַן וָואס וּבוֹ תִּנָּשֵׂא מַלְכוּתֶךָ, מַלְכוּת כָּל עוֹלָמִים, גֵייט מֶען אַרִיבֶּער פַאר אִים כִּבְנֵי מָרוֹ"ן. (שער יששכר חודש אייר)



הַזֹּהַר הַקָּדוֹשׁ" ע"פ "מָתוֹק מִדְּבָשׁ" הפירוש הנפלא שהתקבל בכל תפוצות ישראל


קלענערע סעט – מהדורת ר׳ הערשל וועבער (In 7/5)


גרויסע סעט (In 9.5/6.5)

"ובלכתך בדרך" פארמאט 70 כרכים מהדורת ר׳ יוסף צבי בערגער (6.5/4.5 In)



פאר
845 664 5468

בס"ד

# גליון פנינים פון אור החיים הק' אויף אידיש

## פרשת נצבים

### יעדער איד איז פאראנטווארטליך אויף אנדערע אידן זיי זאלן מקיים זיין דעם רצון ה'

**"אַתֶּם נִצָּבִים הַיּוֹם כֻּלְּכֶם לִפְנֵי ה' אֱלֹהֵיכֶם רָאשֵׁיכֶם שִׁבְטֵיכֶם זִקְנֵיכֶם וְשֹׁטְרֵיכֶם כֹּל אִישׁ יִשְׂרָאֵל"** (כט, א) דער הייליגער **אור החיים** הק' ערקלערט די כוונה פונעם פסוק, פארוואס ער רעכנט אויס יעדן איינעם עקסטער "**רָאשֵׁיכֶם שִׁבְטֵיכֶם**, טַפְּכֶם" א.א.וו., און אויך דארף מען פארשטיין דעם אויספיר "**אֵלֶּה דִבְרֵי הַבְּרִית**" וועלכע בונד רעדט מען דא. זאגט דער **אור החיים** הק' אז משה רבינו האט געוואלט אריינברענגען אלע אידן אינעם בונד פון "עֲרֵבוּת", אז יעדער זאל זיין פאראנטווארטליך און זארגן אז דער צווייטער זאל נישט עובר זיין אויף רצון ה', כדי מען זאל נישט ווערן באשטראפט חלילה איינער וועגן צווייטן, דאס איז אויך וואס דער פסוק פירט אויס "**הַנִּסְתָּרֹת לַה' אֱלֹהֵינוּ וְהַנִּגְלֹת לָנוּ וּלְבָנֵינוּ** וגו'" וואס גייט ארויף אויף אט די ערבות, [אז דאס וואס פאר אונז איז אנטפלעקט אויף דעם זענען מיר פאראנטווארטליך]. דערפאר שטייט לויט דעם סדר, יעדער לויט זיין דרגה די ערשטע איז "**רָאשֵׁיכֶם**", די גרויסע צדיקים וואס אויף זיי ליגט דאס מערסטע צו זארגן און מוחה זיין אויף גאנץ כלל ישראל, "**שִׁבְטֵיכֶם**" יעדער שבט אויף זיין אייגענער שבט, "**זִקְנֵיכֶם וְשֹׁטְרֵיכֶם**", יעדער אלטער אויף זיין פאמיליע, און דערנאך "**כֹּל אִישׁ יִשְׂרָאֵל**" אלע אידן יעדער איינער ביי זיך און שטוב, אויך ווייבער און די קינדער.

### מען דארף זיך פרייען מיט די שלעכטס פונקט ווי מיט די גוטס

**"וְהָיָה כִי יָבֹאוּ עָלֶיךָ כָּל הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה הַבְּרָכָה וְהַקְּלָלָה אֲשֶׁר נָתַתִּי לְפָנֶיךָ"** וגו' (ל, א), פארוואס דארף שטיין "**כָּל הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה**" עס וואלט געקענט שטיין נאר "**כִּי יָבֹאוּ עָלֶיךָ הַבְּרָכָה וְהַקְּלָלָה אֲשֶׁר נָתַתִּי לְפָנֶיךָ**" ערקלערט דער **אור החיים** הק' לויט ווי עס שטייט אין משנה אין ברכות "חַיָּב אָדָם לְבָרֵךְ עַל הָרָעָה כְּשֵׁם שֶׁהוּא מְבָרֵךְ עַל הַטּוֹבָה", א מענטש איז מחויב צו לויבן אויף די שלעכטס פונקט ווי ער לויבט אויף די גוטס, און ווי די גמרא שרייבט דערויף אז מען זאל מקבל זיין די שלעכטס מיט א שמחה אזוי ווי א מענטש פריידט זיך מיט די גוטס. דאס זאגט דער פסוק "**וְהָיָה**", וואס דאס איז ווי באקאנט א לשון פון שמחה, "**כִּי יָבֹאוּ עָלֶיךָ כָּל הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה**" וועט עס וועט קומען אויף דיר די אלע זאכן זאלסטו זיי מקבל זיין מיט שמחה פונקט אזוי גלייך די **בְּרָכָה** און די **קְלָלָה** אן קיין אונטערשייד.

### דריי סארט ענינים פון תשובה אויף עבודת ה'

**"וְשַׁבְתָּ עַד ה' אֱלֹהֶיךָ וְשָׁמַעְתָּ בְקֹלוֹ"** וגו', "**וּמָל ה' אֱלֹהֶיךָ אֶת לְבָבְךָ וְאֶת לְבַב זַרְעֶךָ**" וגו', "**וְאַתָּה תָשׁוּב וְשָׁמַעְתָּ בְּקוֹל ה' וְעָשִׂיתָ אֶת כָּל מִצְוֹתָיו**" וגו' (ל, ב ו ח). דער **אור החיים** הק' ערקלערט דעם סדר פון די פסוקים, לויט ווי ער האט שוין אויבן געשריבן אז עס איז פאראן דריי סארטן ענינים אין עֲבוֹדַת ה', ערשטנס: דאס לערנען די תורה, צווייטנס: זיך היטן נישט צו עובר זיין אויף די מִצְוֹת לֹא תַעֲשֶׂה, און דריטנס: מקיים זיין די מִצְוֹת עֲשֵׂה, קומט דא דער פסוק זאגן דעם סדר פון תשובה טוהן אויב מען איז נכשל געווארן אין די דריי זאכן.

**אויף** לערנען תורה זאגט דער פסוק "**וְשַׁבְתָּ עַד ה' אֱלֹהֶיךָ וְשָׁמַעְתָּ בְּקוֹלוֹ**", דו זאלסט זיך אומקערן צום אויבערשטן און פון יעצט הערן זיין קול, דורך לערנען די תורה, און דאס איז די ערשטע תשובה וואס מען דארף טוהן, אויף דעם שטייט ווייטער "**וְשָׁב ה' אֱלֹהֶיךָ** וגו' **וְשָׁב וְקִבֶּצְךָ מִכָּל הָעַמִּים**" וגו', ווי חז"ל זאגן אז בזכות לערנען די תורה ווערן די אידן אויסגעלייזט פון גלות. אויף מצוות לא תעשה זאגט דער פסוק "**וּמָל ה' אֱלֹהֶיךָ אֶת לְבָבְךָ**" וגו', דער אויבערשטער וועט פארשניידן די פארשטאפטקייט פון דיין הארץ וואס דאס ווערט דורך עובר זיין אויף מצוות לא תעשה, און אויף די מצוות עשה זאגט דער פסוק "**וְאַתָּה תָשׁוּב וְשָׁמַעְתָּ בְּקוֹל ה' וְעָשִׂיתָ אֶת כָּל מִצְוֹתָיו**" אז דו וועסט מאכן די אלע מצוות פון די תורה.

### יעדער קען לערנען די תורה און מקיים זיין די מצוות

**"כִּי הַמִּצְוָה הַזֹּאת אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוְּךָ הַיּוֹם לֹא נִפְלֵאת הִוא מִמְּךָ וְלֹא רְחֹקָה הִוא, לֹא בַשָּׁמַיִם הִוא לֵאמֹר** וגו' **וְלֹא מֵעֵבֶר לַיָּם הִוא לֵאמֹר מִי יַעֲבָר לָנוּ אֶל עֵבֶר הַיָּם**" וגו' (ל, י-יב), דער **אור החיים** הק' ערקלערט דעם פסוק, אז עס זענען דא צוויי זאכן וואס שטערן דעם מענטשן פון מקיים זיין די מצוות ווי עס דארף צו זיין, ערשטנס ווייל ער האט נישט דערגרייכט צו קענען די תורה און וויסן וואס ער האט צו טוהן, און די צווייטע איז דער יצר הרע אויף מקיים זיין די מצוות זעלבסט, אויף די תורה זאגט דער פסוק, "**לֹא נִפְלֵאת הִיא**" וגו' עס איז נישט אפגעשיידט פון דיר, ווייל די תורה וואס מען דארף לערנען איז "**לֹא בַשָּׁמַיִם הִיא**" וגו', מען דארף שוין נישט ארויפגיין אין הימל איר ברענגען די נאך וואס משה רבינו האט איר אונז אראפגעברענגט און אונז איבערגעגעבן צו לערנען דערין. און אויף די מצוות זאגט דער פסוק "**וְלֹא רְחֹקָה הִוא**" עס איז נישט ווייט פון דיר, און ווי ער ערקלערט ווייטער "**וְלֹא מֵעֵבֶר לַיָּם הִוא לֵאמֹר מִי יַעֲבָר לָנוּ**" וגו', ווייל משה רבינו כאטש ער האט אראפגעברענגט די תורה פון אין הימל האט ער טאקע נישט געקענט מקיים זיין די מצוות וואס זענען פארבונדן מיט ארץ ישראל, ווייל ער איז נישט אריבער דעם יַרְדֵן, דאגעגן די אידן וואס זוכה געווען צו אריבערגיין דאס וואסער פון ירדן און אריינגיין אין ארץ ישראל קענען מקיים זיין אלע מצוות פון די תורה.

### זאלסט אויסוויילן א לעבן פון ליבשאפט צום אויבערשטן

**"לְאַהֲבָה אֶת ה' אֱלֹהֶיךָ לִשְׁמֹעַ בְּקֹלוֹ"** וגו' (ל, יט-כ), דער הייליגער אור החיים ערקלערט אז דער גייט ארויף אויף פריער, "**וּבָחַרְתָּ בַּחַיִּים לְמַעַן תִּחְיֶה אַתָּה וְזַרְעֶךָ**" זאלסט אויסוויילן אין לעבן, וואספארא סארט לעבן? א לעבן פון **לְאַהֲבָה אֶת ה' אֱלֹהֶיךָ לִשְׁמֹעַ בְּקֹלוֹ**" צו ליב האבן דעם אויבערשטן און צוהערן אין זיין קול, "כי היא חייך" ווייל דאס איז דעיין ריכטיג לעבן, ווייל צו וואס דארף דען א מענטש לעבן אויב נישט צו טוהן דעם רצון פונעם אויבערשטן וואס דאס וועט צוברענגען אז ער זאל זיך קענען באהעפטן אין השי"ת, ווי עס שטייט ווייטער "ולדבקה בו", און דאס לעבן פון דביקות איז גילטיג סיי בעולם הזה און סיי אין עולם הבא, וואס דאס מיינט "**וְאֹרֶךְ יָמֶיךָ**".

**בברכת כתיבה וחתימה טובה פאר די לומדי "פניני אור החיים" און פאר אלע אידישע קינדער**

**נדבת ידידינו הרה"ח מוה"ר יעקב פויגל שליט"א**
לרגל שמחת נישואי בנו החתן משה אריה הי"ו עב"ג תחי' למז"ט בשעה טובה ומוצלחת
זכות רביה"ק האור החיים זי"ע יעמוד בעדם שיזכו לבנות בית נאמן בישראל וירווה נחת דקדושה מהם ומכל יוצ"ח

יו"ל ע"י המלמד ר' משה אהרן פויגל - ווין

די שווארצע בענדער

# תורת יואל

גליון מס' 52

אידיש

מיוחד פאר פרחי התלמידים זיך צו באקענען מיטן רבי'נס הייליגע דיבורים

י.ז. הכהן: עורך

פ' נצבים/ר"ה תשפ"ו

## כי המצוה הזאת אשר אנכי מצוך היום לא נפלאת היא ממך ולא רחוקה היא וגו'.

אין מדרש (דברים רבה) שטייט: **אמר הקב"ה לא נפלאת היא, ואם נפלאת היא ממך, שאין אתה עסוק בה וכו',** טייטש: דער אייבערשטער זאגט: די תורה איז באמת נישט ווייט פון דיר, און אויב שפירסטו זיך דערווייטערט איז ווייל די האסט נישט עוסק געווען בתורה, נישט גענוג פלייסיג געלערנט.

דער רבי לייגט אראפ א געוואלדיגע יסוד, אז דער מענטש מיט זיינע שלעכטע מעשים איז גורם צו ווערן דערווייטערט פון תורה, און די מצוות ווערן פלוצים זייער שווער צו מקיים זיין, ווייל ווען א מענטש איז ריין פון זינד איז זייער גרינג צו האלטן די תורה.

און דער רבי איז מסביר, אז דער ערשטער חטא וואס א איד זינדיגט רח"ל, דאס איז דער עיקר גורם צו ווערן דערווייטערט פון באשעפער, און חז"ל זאגן דאך, **עבירה גוררת עבירה,** ווערט מען אלס מער דערווייטערט פון תורה ומצוות, במילא אויף דער ערשטער חטא דארף א יוד שטענדיג תשובה טוהן ווייל דאס האט גורם געווען צו זינדיגן נאך און נאך, רח"ל.

מיט דעם יסוד איז דער רבי מפרש דער פסוק אין תהילים (עט. ח) **אל תזכור לנו עונות ראשונים,** לכאורה פארוואס בעטן מיר נאר אויף די ערשטע זינד? פארוואס בעטן מיר נישט אויף אלע עונות פריהער'דיגע און שפעטערע, נאר וואס דען, די ערשטע עבירה דאס איז דער עיקר גורם פאר אלע שפעטערדיגע חטאים, במילא בעטן מיר אויף די ערשטע עוונות.

דער רבי דערמאנט די באקאנטע מעשה וואס עס האט דערציילט דער ראפשיצער רב זצ"ל, אז דער רבי ר' אלימלך פון ליזענסק, האט זיך פארברענט די הענט אויף דער עלטער, פאר די ערשטע חטא וואס ער האט געטהון אלס גאר קליין קינד, און האט שטענדיג תשובה געטהון אויף די ערשטע עבירה.

ווי אויך דער מהרש"א איז מבאר די גמרא (מכות י. ב) **במקום שאדם רוצה לילך מוליכין אותו,** טייטש: צו א פלאץ ווי א מענטש וויל גיין ווערט ער אהינגעפיהערט, איז דער מהרש"א מדייק, שטייט נישט אז דער אייבערשטער פיהרט אים, שטייט מוליכין אותו ער ווערט אליינס געפיהרט, ווער פיהרט אים ?, זאגט דער מהרש"א, אז פון יעדע עבירה ווערט באשאפן א מלאך רע, און דער מלאך פיהרט אים צו נישט גוטע ערטער רח"ל, און דאס הייבט זיך אן ביי די ערשטע עבירה, עכ"ל.

אויך טרעפן מיר אין ספר **רב פנינים** פון גרויסן פוסק דער **פרי מגדים,** אז פון יעדע חטא ווערט באשאפן א מלאך המשחית וואס צווינגט אים צו טוהן נאך עבירות, ער דרוקט זיך אויס מיט דעם לשון, **וכמעט בטלה הבחירה,** טייטש: אז נאך דעם ערשטן

חטא ווערט כמעט בטל די בחירה, ווייל דער מלאך שטופט אים צו זינדיגען נאך, במילא דארף א איד אייביג תשובה טהון אויף דעם ערשטן חטא וואס איז געווען ליידער ברצון.

**מבואר מכל זה**, פון די דערמאנטע מאמרים זעהן מיר, אז יעדע עבירה באשאפט א מלאך רע וואס פיהרט צו נאך עבירות - פיהרט אויס דער רבי - וואלט א איד נישט געטהון די ערשטע עבירה, וואלט ער גרינג געקענט מקיים זיין די תורה ומצוות.

וזהו כוונת הפסוק, **כי המצוה הזאת לא נפלאת ממך**, די תורה ומצוות איז נישט ווייט פון דיר, אין אויב שפירסטו אז עס איז יא ווייט פון דיר, זאגט דער מדרש **תדע שהיא ממך** - פון דיר, ווייל די האסט געזינדיגט, און די עבירות זענען גורם ליידער א דערווייטערונג פון תורה ומצוות, און מיט דעם פשט פארשטייט מען דעם המשך הפסוקים, **כי קרוב אליך הדבר מאוד בפיך ובלבבך לעשותו**, ווייל באמת איז די תורה גרינג צו האלטן ווען מען איז ריין פון זינד.

דער רבי ענדיגט די דברי תורה ומוסר מיט א ברכה, ובעת עמדינו בתפלה, בשעת מיר בעטן און דאווענען, זאל הקב"ה משפיע זיין, מיר זאלן קענען מכוון זיין אונזער הארץ צום באשעפער, און מקשר זיין **הפה והלב בשעת התפילה**, ועי"ז נתקרב ווערן צו הקב"ה, ווי עס שטייט אין פסוק, **כי קרוב אליך הדבר מאוד בפיך ובלבבך לעשותו.** (תשכ"ב)

## ערב שנת תשכ"ח - על הגאולה ועל התמורה

די טעג ווערט 58 יאר, פון וואס דער **ספר הק' על הגאולה** איז ארויס פון דרוק, די געשעענישן פון יענע צייט איז באקאנט, די וואך פון פרשת נשא תשכ"ז איז געווען די מלחמת ששת הימים, און שב"ק איז דער רבי ארויסגעקומען מיט א קלארע דעת תורה, זונטיג בהעלותך האט דער רבי גערופן א זיצונג, באטייליגטע: הרה"ג ר נתן יוסף מייזעלס זצ"ל, הרה"ח ר' משולם גרינפעלד ז"ל, (דעם רבין'ס תורה שרייבער) הרה"ח ר' ליפא פריעדמאן ז"ל, און נאך מקורבים, דער רבי האט געזאגט, אפי' איך האב שוין געשריבן דעם ויואל משה, וואו אלע יסודות האמונה איז קלאר ארויסגעברענגט, דאך פיהלט ער אז מען מוז ארויסקומען מיט א ספר, מחזק צו זיין די אמונה אין די שווערע צייט.

די הקדמה האט דער רבי אנגעהויבן שרייבן א' בהעלותך, תיכף נאך די באקאנטע נשא תורה, ווי אויך האט דער רבי אליינס געשריבן גרויסע חלקים פון דעם ספר, א גרויס חלק פון סימן מ"ח, פון סימן מ"ט ביז סימן נ"ב, צ"ח - ק"ב, קי"א - קי"ט, סימן קכ"א ביזן סוף, וואס דער רבי האט געשריבן מיט מסירת נפש ממש, ווי דער ירושלימ'ער רב הרה"צ רבי משה ארי' פריינד זצ"ל האט געזאגט ביים הספד, אז רביה"ק האט זיך מתמרמר געווען אז ער האט נישט געקענט שרייבן מער, ווייל זיין הארץ האט געטריפט בלוט בשעת'ן שרייבן, און ער האט געשפירט אז ער האלט עס נישט אויס.

## מעשה דערציילט

**הרה"ח רבי יונה ראטה הי"ו**

**מוצ"ש ראה, מלוה מלכה ערב היארצייט, מתוך הדברים:**

איינער מיך געפרעגט א שאלה א ליטווישער איד, מיר ווייסן דאך אז ס'איז דא א איסור פון בעל תוסיף, דער רמב"ם פסק'נט, אז צו מאכן פון א איסור דרבנן - א דאורייתא איז אויך אסור, ס'איז אויך א ענין פון בעל תוסיף, א"כ פרעגט ער, דער סאטמאר רבי האט געזאגט אז מען דארף זיך נאר מונע זיין פון גיין צום כותל, פארוואס מאכט מען אזא רעש, און מען האלט עס פאר א גענצליכער איסור, איז דאס נישט בעל תוסיף?

האב איך אים געענטפערט מיט א מעשה, א חבר - א איש מהימן - וואס וואוינט אין ב.פ. האט מיר דערציילט אזוי, און דער ביהמ"ד ווי ער דאווענט, האט זיך א איד אויסגערעדט צו אים אז מ'האט זיין ווייב דיאגנעזירט רח"ל, און ער איז זייער צוקלאפט און ווייסט נישט וואס צו טוהן, שוין געווען ביי דאקטוירים, דערווייל טויג נישט דער מצב ליידער.

זאגט אים מיין חבר, גיי אריבער צום סאטמאר רב, ענטפערט ער, ער איז נאך קיינמאל נישט געווען מיט א קוויטל ביים רבי'ן, מיין חבר זאגט אים: האב נישט מורא דער סאטמארער רבי נעמט אויף יעדן איד, איז ער אריבער געגאנגען אין א מוצ"ש, פונקט אנגעקומען מוצ"ש נשא, ער קומט אריין אין די דירה, ס'איז ליידיג, ער פרעגט ווי דער רבי? זאגט אים א שטוב מענטש, דער רבי איז נאך אין ביהמ"ד און זאגט נאך תורה, איז ער אהינגעגאנגען.

דער ביהמ"ד איז טונקל, און פלוצים הערט ער ווי דער רבי שרייט: **שא שא וואס איז דאס אזוינס, וואסערע שמועסערס קומען דעם קאפ פארדרייען איך זאג נאר סיי ווי סיי ווער ס'וויל הערן, זאלן זיי זיך גיין געזונטערהייט,** (אזוי הערט מען דעם לשון אויפן טעיפ) טראכט דער איד ביי זיך, דער רבי מיינט אוודאי מיך, איז ער אהיים, און זיין ב"ב איז געזונד געווארן ב"ה.

דער איד האט דערציילט די מעשה 11 יאר שפעטער ביים רבין'ס לווי, אז השי"ת האט אים מזמין געווען, ער זאל קומען דוקא מוצ"ש, ער קען ווען קומען זונטיג אדער אן אנדערע טאג, אזוי האט ער געהאט א פולע ישועה, ב"ה.

זאג איך פאר דעם ליטוואק, זעה א פליטת פה, פון רביה"ק איז געווארן מקיום במילואו, במילא ווען דער רבי זאגט: מונע זיי מיינט אויך א פולע איסור.

## ידיעות קאלום

**מנהג: תקיעת שופר בחודש אלול**

דער ייטב פנים ברענגט נאך פון זיין זיידן הרה"ק ישמח משה זצ"ל, א שיינעם רמז אויף תקיעת שופר אין חודש אלול, וואס ער האט געזעהן צוגעשריבן אויף די זייטן פון זיין טור.

**מנהג | טעמו | ומקורו**

מיוסד אויף דעם שבלי הלקט בשם די גאונים, וואס זאגט א טעם פארוואס מען זאגט הלל יעדן ראש חודש, דוד המלך האט געשריבן אין תהילים (קאפיטל ק"נ) 12 מאל הללוהו, וואו ס'איז מרומז די 12 ראשי חדשים, און פאר אדר ב' - דעם דרייצענטער חודש, זאגט מען דאפלט דעם פסוק פון כל הנשמה תהלל קה.

שרייבט דער ישמח משה, אז דער ערשטער הללוהו איז פאר חודש ניסן, קומט אויס אז הללוהו בתקע שופר, איז פאר חודש אלול.

## על הגאולה ועל התמורה - מהדורה חדשה

להגל, וואס ס'איז אין די טעג געווארן איבערגעדרוקט, גענצליך איבערגעזעצט, מיט הערליכע אותיות, א געשמאקע דרוק, די אלטע סימנים מיט נייע פרקים. וועלן מיר ברענגען א מעשה, וואס צייגט די הייליקייט פון דעם ספה, נישט נאר אלס א **ספר יסוד** באמונה טהורה, נאר אויך א **ספר סגולי!**

ווי די משפחה פון הרה"ח ר' מאיר זעליג ריספלער ז"ל דערציילן, אז דער טאטע האט מיטגענומען דעם על הגאולה צו יעדע באנק אודיט, די זעלבע דערציילן משפחת גלאנצער, אז דער טאטע הרה"ח ר' אברהם יעקב ז"ל, האט געהאט מיט זיך דעם ספר אין זיינע וואליזן, און עס מיטגענומען אויף זיינע נסיעות,

## א בינטל זכרונות

**הרה"ח ר' משה גלאנצער הי"ו**

מיין טאטע, הרה"ח ר' אברהם יעקב ז"ל, האט געהאט אן אקאנטענט מר. הערש, נישט דייקא א חסיד אבער א טייערער איד, געוואוינט האט ער אין קווינס, און ער האט דערציילט מיין טאטע'ן די פאלגענדע פאסירונג.

איך האב געהאט צווישן מיינע קליענטן צוויי ברודער סאטמארע חסידים, וואס האבן פאר לאנגע יארן געפירט אינאיינעם א ביזנעס, און זיי האבן מצליח געווען. ווען זיי זענען עלטער געווארן און זייערע קינדער זענען אריינגעקומען אינעם מסחר האבן זיי מחליט געווען זיך צוטיילן, און זיי האבן געמאכט א חלוקה.

אלע ביכער פון די ביזנעס, וואו עס זענען געווען פארצייכנט די חשבונות פון די לעצטע יארן זענען געבליבן ביי איינעם פון זיי, און ווען יענער האט נישט געזעהן וואס ער קען נאך האבן דערפון, און צו וואס ער זאל דאס נאך קענען נוצן, האט ער דאס געגעבן און ארויסגעווארפן.

עס גייט נישט אריבער קיין לאנגע צייט און עס קומט אן א מעלדונג פון די איי. אר. עס. אז זיי ווילן קומען דורכקוקן די ביכער, היות עס איז אריינגעגעבן געווארן אז במשך דעם יאר איז ארויסגעגעבן געווארן א חשבון פון אריבער צוויי הונדערט טויזנט דאללער פאר צדקה צוועקן אויף וואס מ'האט נישט געצאלט קיין שטייערן, ווילן זיי דאס נאכקוקן צי די חשבונות שטימען.

ווען די ביזנעס אייגנטימער האבן זיך געכאפט אז עס זענען נישטא קיין ביכער איז זיי געווארן ביטער אויפן הארצן, און זיי האבן נישט געוואוסט וואס צו טון מיט זיך פאר עגמת נפש און פחד, מ'שטייט דא פאר אן ערנסטע אינספעקשאן, און מ'האט נישט קיין שום באוויזן, השם ישמרנו מיט וואס דאס קען זיך ענדיגן.

ווען זיי זענען אריבערגעקומען צו מיר, אלס אקאונטענט, האב איך קודם אנגעהויבן צו ארבעטן צוזאמען צו נעמען דאס וואס עס איז נאך געבליבן צעטלעך, רעסיטס וכדומה, און זעהן וויפיל איך קען נאך יא איבערצייגן און אויפווייזן וויפיל צדקה מ'האט געגעבן, עס האט זיך מיר צוזאמען געשטעלט א סומע פון נישטיגע צוועלף א האלב טויזנט דאללער, וואס דאס איז זייער א קליינע סומע קעגן דאס געלט וואס איז געווען איינגעגעבן.

די אידן האבן זיך דערזעהן אין א צרה, זענען זיי באלד אריבערגעלאפן צו זייער רבי'ן, דאס איז געווען דער סאטמארער רבי דער ברך משה זלה"ה, און דערציילט זייער גרויסע צרה.

דער רבי פרעגט זיי "דער אקאונטענט איז א פרומער איד?", זאגן זיי אז יא. "א חסיד'ישער איד?", זאגן זיי אז ניין. "בעט איהם אז ער זאל מסכים זיין צו האלטן אויפן טיש דעם פעטער'ס ספר 'על הגאולה ועל התמורה' בשעת ווען די איי. אר. עס. וועט דארט זיין, והכל על מקומו יבא בשלום". ווען בשעת מעשה גיט זיי דער רבי איבער דעם ספה"ק 'על הגאולה ועל התמורה' אין די האנט

ויהי היום זענען אנגעקומען צווי חברה צו זיי אין די ביזנעס און זיי האבן זיך דארט אוועק געזעצט איבערקוקן די חשבונות, איך האב זיי דערציילט וואס דא האט פאסירט, און פאר זייערע אויגן האב איך געמאכט דעם חשבון פון די באווייזן וואס איך האב אויף די צוועלף א האלב טויזנט דאללער, ווען דאס הארץ קלאפט מיר האסטיג אויף זייער רעאקציע.

איך האב געענדיגט מאכן מיינע חשבונות האבן זיי מיך געבעטן די גאנצע סחורה, און זיי זאגן אז זיי ווילן איבעררעכענען דעם חשבון. איך האב זיי געפרעגט 'איך האב דאך יעצט געמאכט דעם חשבון פאר אייערע אויגן?', זאגן זיי אז זיי מוזן מאכן זייערע חשבונות אויף זייערע אייגענע כלים וכדומה.

הקיצור, זיי זענען געזעסן א לענגערע צייט און גערעכנט, און דאן האבן זיי מחליט געווען אז... אין די דאקומענטן איז דא הוכחות אויף מער ווי צוויי הונדערט טויזנט דאללער, און די שטאט קומט זיי נאך א ריפאנד...

"איר הערט וואס דא איז געווען?! איך האב געמאכט די חשבונות, און איך ווייס קלאר אז דא איז נישט געווען מער ווי צוועלף א האלב טויזנט דאללער, אויב איז דער ספר מסוגל אזוינס צו פועל'ן, האלט איך דעם ספר אויפן טיש אלס סגולה".

"זייט די מעשה האלט איך דעם ספר אויפן טיש אלעמאל, דאס איז ביי מיר א סגולה ספר". ע"כ.

ר' משה לייגט צו, אז איך האט אויך גענוצט מר. הערש פאר אן אקאנטענט, און אלץ געזעהן דעם ספר אין זיין אפיס אין זיין שראנק העכער די ביכער.

(ידידי הר"ר שמואל שלמה טעללער הי"ו, האט אויך געשריבען די מעשה אין זיין פאפולערן גליון - זקינך, און צוגעלייגט א נס גלוי בזכות הספר, וואס ער האט אליינס בייגעוואוינט)





יום בשורה הוא לנו, שהחיינו וקימנו
לראות אור עולם, נופח ספיר ויהלום
ספר דעה ואמונה, מקחו של רבינו
**על הגאולה ועל התמורה**
בעריכה נאה ומפוארה, חדשה וגם ברורה
להקל את הקורא, להבין ולהשכיל התורה



פאר הערות רופט: 347.603.0383 • צו באקומען דעם גליון וועכענטליך, שיקט אן אימעיל צו: toirasyoel@gmail.com

בס"ד

# פון פלאצקער גאון

הגאון רבי ארי' לייב צינץ זי"ע

אויף אידיש

געקליבענע געדאנקען אויף די פרשה

פרשת נצבים-ראש השנה
תשפ"ו
גליון קס"א
שנה ה'

## "נדיבי עמים נאספו"

מערכת הגליון מברכת את כל הנדיבים היקרים שיחי' שתמכו בהוצאות הגליון מדי שבת בשבתו,

לזכות את הרבים ולעשות נייחא לנשמתו של הגאון מפלאצק זי"ע

זכותו הגדול וזכות הרבים יליצו בעדכם ביום הדין ולהיוושע בכל מילי דמיטב.

## פרשת נצבים

### אויף די עצם זאך אז דער אויבערשטער קען דיר גוטס טון קומט זיך דיר א יתרון פון שכר

**וְהוֹתִירְךָ ה' אֱלֹקֶיךָ בְּכֹל מַעֲשֵׂה יָדֶךָ בִּפְרִי בִטְנְךָ וּבִפְרִי בְהֶמְתְּךָ וּבִפְרִי אַדְמָתְךָ לְטֹבָה כִּי יָשׁוּב ה' לָשׂוּשׂ עָלֶיךָ לְטוֹב כַּאֲשֶׁר שָׂשׂ עַל אֲבֹתֶיךָ.** (ל, ט)

אין די תורה שטייט כמה פעמים, אז דער אויבערשטער זאגט צו א גשמיות'דיגע שכר פאר ווער עס וועט היטן די תורה ומצוות. אבער אינ'אמת'ן, איז די אלע טובות גשמיות בכלל נישט קיין שכר, ווייל די אמת'ע שכר איז נאר לעולם הבא וואס איז נצחי, נאר וויבאלד דער אויבערשטער האט אזוי ליב די אידישע קינדער, פריידט ער זיך צו געבן גוטע השפעות פשוט **ווייל ער וויל** אונז גוטס טון.

קומט דאך אויס, אז ווען א איד פירט זיך אויף גוט קומט זיך אים פאר דעם אליין א באזונדערע שכר ווייל מיט דעם איז ער גורם אז דער אויבערשטער זאל קענען ערפולן זיין רצון גוטס צו טון. און מיט דעם ווערט געברענגט א פשט אין די משנה (אבות ד, ב) "שכר מצוה מצוה", אז דורכדעם וואס א איד טוט א מצוה און ער איז גורם אז דער אויבערשטער זאל אים קענען געבן '**שכר מצוה**' איז דאס אליין '**מצוה**' אויך א מצוה, ווייל ער מאכט א נחת רוח כביכול פאר'ן אויבערשטען אז ער קען אים געבן שכר.

דאס זאגט דער פסוק: אויב דו וועסט תשובה טון און אפהיטן אלע מצוות פון דעם אויבערשטן, איז **"והותירך ה' אלקיך... לטובה" - והותירך** מיינט אז דער אויבערשטער וועט דיר **פארמערן** שכר און געבן א געוואלדיגע שפע פון ברכות. פארוואס טאקע? **"כי ישוב ה' לשוש עליך לטוב"** ווייל דער אויבערשטער פריידט זיך אז ער קען דיר גוטס טון, און אויב דו האלטסט נישט אפ דעם שפע דורך דיינע עבירות, קומט זיך דיר צו פארמערן אן עקסטערע שכר אויף דעם אז דו געבסט כביכול פאר'ן אויבערשטן די געלעגנהייט דיר גוטס צו טון.

**'מלא העומר' פר' וירא - יח, יז-יט**

## ראש השנה

### די שטארקע מידת הדין איז נאר געמאכט געווארן כדי דאס אליין זאל מעורר זיין די מידת הרחמים

**עָלָה אֱלֹקִים בִּתְרוּעָה ה' בְּקוֹל שׁוֹפָר.**

(תהלים מז, ו)

דער מדרש זאגט (ויק"ר כט) אז קודם זעצט זיך דער אויבערשטער כביכול אויפן כסא דין און ווען די אידן בלאזן שופר שטעלט ער זיך אויף פונעם כסא דין און ער זעצט זיך אויפן כסא רחמים. דארף מען לכאורה פארשטיין, אויב דער אויבערשטער וויל זיך זעצן אויפן כסא רחמים, וואס פעלט אויס אז ער זאל זיך פארדעם זעצן אויפן כסא דין?

אזוי אויך דארף מען פארשטיין, ווייל פון די מדרש איז משמע אז דער שופר קומט מעורר זיין **מידת הרחמים**. פרעגט אבער שוין דודי זקני הגאון ר' **יהונתן אייבשיץ** זצ"ל, אז פון חז"ל זעט מען בפשטות אז מיט'ן שופר איז מען מעורר **מידת הדין** (עי' מו"ק טז. אפיק שופרא ושמתיה, ועוד רבות כהנה), איז וויאזוי קומט דא פלוצלינג דער שופר מעורר זיין **מידת הרחמים**?

נאכמער, דער פסוק אליין איז זיך דאך סותר דא מיניה וביה, ווייל קודם שטייט **"עלה אלקים בתרועה"**, אז דורך די תרועה ווערט נתעורר **אלקים** - דאס מיינט **מידת הדין**, זעט מען אז דורך די תרועה זעצט זיך דער אויבערשטער אויפן **כסא דין**, און גלייך נאכדעם שטייט **"ה' בקול שופר"** אז מיט'ן שופר איז מען מעורר דעם שם **הוי"ה** - דאס מיינט **מידת הרחמים**. דארף מען דאך פארשטיין, איז דער שופר מעורר **מידת הדין** אדער **מידת הרחמים**?

נאר מען קען דאס מסביר זיין מיט א משל: א מלך האט אמאל געשטעלט א ממונה וואס זאל צוזאמנעמען אלע שטייערן פון די בני המדינה. און ער האט אפגערעדט מיט דעם ממונה, אז פון די געלטער פון די מענטשן וואס ער כאפט זיך ארויסדרייען פון באצאלן די שטייערן וועט ער באקומען א געוויסע פראצענט פאר זיין ארבעט. און היות אז עס זענען געווען אסאך מענטשן וואס האבן זיך פרובירט ארויסצודרייען, האט דער ממונה געהאט א באשטימטע צייט ווען ער האט איבערגעגעבן פאר'ן קעניג די ליסטע פון די אלע מענטשן, און דער מלך האט זיי געדארפט מעניש זיין.

דער מלך האט אבער רחמנות געהאט אויף די בני המדינה, אבער ער האט דאך נישט קיין ברירה ווייל ער האט דאך געשטעלט דעם ממונה צו איינמאנען די אלע שטייערן און מען קען דאך אים נישט מדחה זיין, האט ער מיט חכמה אויסגערופן מיט א פנים פון כעס, אז היות אזופיל מענטשן דרייען זיך ארויס פון באצאלן שטייערן, גייען זיי אלע גע'משפ'ט ווערן אזויווי אן עיר הנדחת, מען גייט זיי הרג'ענען און זייערע פארמעגנס גייען פארברענט ווערן.

ווען דער ממונה האט דאס געהערט, האט ער געטראכט צו זיך אז אויב ער גייט יעצט איבערגעבן פאר'ן קעניג די ליסטע פון אלע זינדיגע און ער גייט טאקע מקיים פסק זיין,

# די הייליגע צוואה

ומי שישתדל בהדפסתן
יהי' לו המחבר למליץ
אם יהי' לו זכות




איר קענט שיקן קוויטלעך
צום ציון הק'
להפקד בדבר ישועה ורחמים

פאראינטערעסירטע ביטע פארבינדט אייך צום מערכת


הגליון נתנדב ע"י

הרבני הנכבד
הר"ר **ישראל שפיטצער** הי"ו
לרגל הכנסת בנו
כמר **יואל** נ"י לעול התורה והמצוות

זכות הפצת תורת הגה"ק מפלאצק זי"ע
יעמוד בעדו לראות ולרוות רב תענוג
ונחת דקדושה מכל יוצ"ח מתוך שמחה
והרחבת הדעת


וואס גייט ער פארדינען פון די גאנצע זאך? ער וועט דאך שוין מער נישט האבן פון וועמען צו באקומען קיין שטייערן נאכדעם, ווייל אלע גייען דאך אויסגע'הרג'עט ווערן! ממילא פרובירט ער צו טרעפן א לימוד זכות אז עס איז נישט אזוי געפערליך, כדי דער מלך זאל זיך בארואיגן און נישט חרוב מאכן די מדינה. און דאס איז טאקע געווען די חכמה פונעם מלך צו ווייזן אזא גרויסע כעס, כדי דער ממונה אליין זאל מוזן מלמד זכות זיין אויף די בני המדינה.

דער נמשל איז, אזויווי עס שטייט אין זוהר הק' (רעיא מהימנא פר' אמור) אז דער אויבערשטער וויל אז די וועלט זאל זיך פירן מיט א משפט כדי מען זאל מורא האבן פאר אים, און וועגן דעם האט ער באשאפן א מקטרג און אים געגעבן רשות מקטרג צו זיין. און איין מאל א יאר קומט ער פארלייגן פאר'ן קעניג די אלע וואס האבן עובר געווען אויף זיין באפעל במשך דעם יאר, און ער מאָנט א משפט פאר זיי.

אבער דער אויבערשטער איז דאך חפץ חסד הוא, ער וויל נישט שטראפן די רשעים נאר ער וויל אז מען זאל תשובה טון, און אויב דער מקטרג וועט ברענגען אלע עבירות וואס די אידן האבן געטון א גאנץ יאר וועט ער דאך זיי מוזן שטראפן ח"ו, וועגן דעם האט ער געגעבן אן עצה צו בלאזן מיט א שופר וואס דאס איז מעורר א שטארקע **מידת הדין**, אזוי וועט דער מקטרג אליין אנהייבן צו ציטערן אז אויב ער וועט יעצט מקטרג זיין ווען עס איז שורה אזא געוואלדיגע מידת הדין קען ער דאך גורם זיין אז דער אויבערשטער זאל ח"ו וועלן פארלענדן כלל ישראל, און היות אז אן כלל ישראל האט די וועלט נישט קיין קיום וועט דאך די גאנצע וועלט צוריק ווערן תוהו ובוהו און ער אליין וועט אויך בטל ווערן... ממילא האט ער נישט קיין ברירה נאר מלמד זכות צו זיין אויף די אידן.

לויט דעם שטימט זייער גוט דער פסוק, אז אמת טאקע דער שופר איז מעורר מידת הדין אזויווי דער פסוק זאגט **עלה "אלקים" בתרועה** אז די תרועה איז מעורר דעם **מידת הדין**, אבער דער עיקר סיבה פונעם מעורר זיין דעם מידת הדין איז אז דורכדעם זאל דער שטן אליין מוזן ממליץ טוב אויף כלל ישראל און נאכלאזן פון די קטרוגים אלס מורא אז די שטארקע מידת הדין זאל נישט אינגאנצן חרוב מאכן די וועלט, ממילא איז דאך דאס אליין גורם **"ה' בקול שופר"** אז דער אויבערשטער זאל זיך זעצן אויפן **כסא רחמים** און ברוב רחמיו אונז מוחל זיין אלע עבירות.

און מיט דעם קען מען פארשטיין וואס די גמרא זאגט אויף (ר"ה יז:) "ורב חסד ואמת", אז קודם פירט זיך דער אויבערשטער מיט **'אמת'** דאס מיינט שורת הדין, און נאכדעם פירט ער זיך מיט **'רב חסד'** און ער איז מטה כלפי חסד לפנים משורת הדין.

אויב אזוי וואלט לכאורה געדארפט שטיין אין פסוק פארקערט: "ואמת ורב חסד", ווייל קודם גייט ער דאך מיט **אמת** און נאכדעם בייגט ער צו **רב חסד**? אבער לויט ווי מיר זאגן שטימט זייער גוט **"ורב חסד ואמת"**, אז טאקע ווייל ער איז **רב חסד** און ער וויל מטה זיין כלפי חסד - **ואמת** גייט ער קודם מיט'ן מידת דין, ווייל דאס ברענגט צו אז דער שטן אליין זאל ממליץ טוב זיין, און אזוי קען ער זיך אומגיין מיט אונז מיט מידת הרחמים.

און מיט דעם פארשטייט מען זייער גוט וואס דער ט"ז (סי' תקפ"ה סק"ה) **ברענגט אראפ פונעם טור** אז דער פסוק (מלכים א' ה' י"ח) **אין ש'טן ו'אין פ'גע ר'ע** איז ר"ת **שופר**, אז דער שופר איז מבטל דעם כח פונעם שטן. פרעגט דער ט"ז, אז עס פעלט דאך פונעם ווארט שופר די ערשטע **א' אין** שטן, איז דאס ח"ו מרמז אויף **ש'**טן, **ו'**אין **פ'**גע **ר'**ע, אז עס איז ח"ו יא דא דער שטן? ענטפערט ער, אז עס איז טאקע מרמז אז דער שטן איז יא דא, אבער **ואין פגע רע**, ער איז נישט מלמד חוב נאר ער אליינס איז מלמד זכות.

דארף מען פארשטיין, וואס איז טאקע די כח פונעם שופר אז דער שטן אליינס איז מלמד זכות? אבער לויט דעם הסבר שטימט דאס זייער גוט, ווייל דאס איז טאקע דעם כח פונעם שופר, אז עס ברענגט א שטארקע מדת הדין, ממילא האט דער שטן נישט קיין ברירה נאר מלמד זכות זיין, כדי ער זאל נישט אינגאנצן בטל ווערן.

**'קומץ המנחה' - דרוש מה לער"ה, אות ג-ו**

## מיר בעטן אויף חיים גשמיים אבער עס זאל נישט גיין אויפן חשבון פון חיים נצחיים

**זָכְרֵנוּ לְחַיִּים מֶלֶךְ חָפֵץ בַּחַיִּים וְכָתְבֵנוּ בְּסֵפֶר הַחַיִּים לְמַעַנְךָ אֱלֹקִים חַיִּים.**

לכאורה איז דאס א דאפלטע לשון: "זכרנו לחיים - וכתבנו בספר החיים"?

נאר די משנה זאגט (קידושין לט:) "כל העושה מצוה אחת מטיבים לו ומאריכים לו ימיו ונוחל את הארץ". איז די גמרא מסביר, אז דאס מיינט נישט צו זאגן נאר איין מצוה נאר איינס מער ווי מחצה על מחצה קעגן די עבירות. פרעגט די גמרא, מיר האבן דאך געלערנט א ברייתא אז "כל מי שזכויותיו מרובים ועוונותיו מועטים מריעים לו", זעט מען דאך אז איינער וואס טוט אסאך מצוות באקומט נישט קיין גוטס? ענטפערט אביי, אז איינער וואס האט רוב מצוות אבער אויך א מיעוט עבירות, איז 'מריעין לו' אויף דער וועלט אפצוקומען די ביסל עבירות כדי ער זאל קענען באקומען די גאנצע שכר לעולם הבא.די זעלבע זאך אויך פארקערט, איינער וואס האט רוב עבירות און אויך א מיעוט מצוות, באקומט ער זיין שכר פאר די ביסל מצוות אויף דער וועלט כדי צו באקומען די גאנצע עונש לעולם הבא.

קען מען זאגן אז דאס בעטן מיר רֹאש השנה: **"זכרנו לחיים"** רבונו של עולם, געדענק אונז צום לעבן **אויף דער וועלט**. און היות אז א רשע באקומט צומאל גוטס אויף דער וועלט אויפן חשבון פון חיי עולם הבא, בעטן מיר **"וכתבנו בספר החיים"** אז צוזאמען מיט די גוטס בעולם הזה זאלן מיר אויך פארשריבן ווערן בספרן של צדיקים - און דאס זאל נישט גיין אויפן חשבון פון **חיי העולם הבא, "למענך אלקים חיים"** ווייל דו רבש"ע ביזט דאך א חפץ חסד און דיינע חסדים זענען אזוי גרויס, וועגן דעם ערלויבן מיר זיך דיר צו בעטן סיי גוטס בעולם הזה און סיי אז דאס זאל נישט פארמינערן פון די גוטס לעולם הבא.

**'קומץ המנחה' - דרוש מט לער"ה, סוף אות כד**


**מנדב צו זיין א גליון לשבוע זוכה צו זיין להבטחת הצדיק, אדער אנטייל צו נעמען אין די הוצאות, ביטע זיך ווענדן צו.**
gilyonplotzk@gmail.com | plotzk.org | (929) 260-4868

בס"ד

דער בלעטל

# טיב הקהילה

אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'
בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ
רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

ניצבים
כ"ז אלול תשפ"ה

די צייטן לויט אופק ירושלים

זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 6:04 |
| מוצש"ק | 7:15 |
| ר"ת | 8:55 |

סוף זמן קריאת שמע ותפילה

| | |
|---|---|
| סוזק"ש א' 8:44 | סוז"ת א' 10:00 |
| סוזק"ש ב' 9:27 | סוז"ת ב' 10:28 |

די צייטן לויט די זומער זייגער

גליון מס':
קנ"ב
שנה ג'

## טיב הפרשה

# די ריכטיגע וועג ווי אזוי מוכיח צו זיין א צווייטן איד

## אתם נצבים היום כולכם

אין די וואכעדיגע סדרה לערנען מיר ווי אזוי משה רבינו רעדט צו כלל ישראל איידער ער גייט זיך שיידן פון זיי אויף אייביג.

זיינע ווערטער הייבט משה רבינו אָן מיט'ן זאגן 'אתם נצבים היום כולכם' אז איר שטייט דא פאר מיר, אלע פון ענק גרויס און קליין, פון די וואסער טרעגער, ביז צו די האלץ העקער.

רש"י אויפ'ן ארט ברענגט אראפ א מדרש אגדה איבער די סמיכות צווישן די צוויי פרשה'ס, אז וועגן דעם האט משה רבינו מסמיך געווען דער 'אתם נצבים היום' צו די פרשה פון הר גריזים און הר עיבל, ווייל נאך דעם וואס כלל ישראל האט געהערט די הונדערט קללות וויניגער צוויי, האבן זיי זיך דערשראקן און משה רבינו האט זיי געטרייסט אז זיי האבן זיך נישט וואס צו זארגן, און ער האט זיי ערמוטיגט.

מיר ציטירן דא די לשון פון רש"י: למה נסמכה פרשת אתם נצבים לקללות, לפי ששמעו ישראל מאה קללות חסר שתים, חוץ ממ"ט שבתורת כהנים, הוריקו פניהם ואמרו מי יוכל לעמוד באלו, התחיל משה לפייסם אתם נצבים היום, הרבה הכעסתם למקום ולא עשה אתכם כְּלָיָה והרי אתם קיימים לפניו.

די רש"י איז א שטארקער לימוד. מען זעט ווי אזוי א איד דארף מוכיח זיין א צווייטן, אז אויך ווען מען איז מוכיח א צווייטן און מען רעדט צו אים איבער עונשים, איבער וואס עס קען געשען צו א איד אויב ער גייט נישט אין די ריכטיגע וועג, דארף ער וויסן אז זייטיג צו די דברי תוכחה דארף מען אויך געבן דברי נחמה, ווייל די תוכחה דערשרעקט און עס קען צוברענגען צו ריחוק, און מען דארף מקרב זיין דעם איד.

די בחינה טרעפט מען אויך אין אנדערע ערטער. אין די פרשה

>>> | המשך אין עמוד ב' |

## טיב המערכת

### נַחְפְּשָׂה דְרָכֵינוּ וְנַחְקֹרָה

עס קומט ערב פסח, יעדער איינער איז פארנומען מיטן רייניגן און אויסגלאנצן דעם הויז, און א געשמאקער ריח פון ריינקייט דערהייבט זיך אין די לופט. אין איינס פון די צימערן פון הויז שטייט די חשוב'ע אידענע אינמיטן די שווערע ארבעט און טראכט צו זיך – פונקט א יאר צוריק האב איך דאך אויך אזוי שווער געארבעט און זיך געפלאגט און זיך באמיט צו רייניגן און אויסגלאנצן דעם גאנצן הויז, און דא דארף מען פונדאסניי רייניגן און נאכאמאל אוועקנעמען די גאנצע שטויב, שמוץ און פארשמירטקייט, ווי גלייך מען האט דא קיינמאל פריער נישט ריין געמאכט!

נאר וואס דען? זי ווייסט גוט, די חשוב'ע אידענע, אז עס איז נישטא קיין אנדער ברירה, ווייל אויב וועט זי נישט רייניגן דאס הויז כאטש איינמאל אין יאר, וועט דער הויז פול ווערן מיט שמוץ וואס עס וועט זיין שווער עס צו ריינמאכן.

מיר שטייען יעצט ביים אריינגאנג פון די יְמֵי הַסְּלִיחוֹת, און אויב וועט איר פרעגן: אויך פאַראַיאָר האבן מיר געזאגט 'סליחות' און מיר האבן צוגעזאגט אז מיר וועלן מער נישט דורכפאלן, און אט שטייען מיר דא, א יאר שפעטער, אינעם זעלבן פלאץ און אויפן זעלבן מצב און מיר האבן זיך נאכנישט צוריקגעקערט פון אונזער טעות? נאר וויסן זאלסטו, אז די סליחות זענען רייניגונגס מאטעריאל פאר די נשמה, און אויב וועלן מיר נישט תשובה טון פון צייט צו צייט, וועט זיך אנקלייבן אסאך שמוץ אויף אונזער נשמה, וואס עס וועט זיין שווער עס צו רייניגן.

און ווירקליך, ווי גרויס איז דער כח פון די יעצטיגע טעג וואס זענען פונקט אזוי ווי זייער נאמען, ימי סליחות ווייל זיי זענען טעג וואס דער אויבערשטער וואס ער איז דער קעניג פון דער גאנצער וועלט, טוט מוחל זיין און פארגעבן פאר די עבירות פון אידישע קינדער יעדן יאר. און פארוואס טאקע ווערן זיי אנגערופן 'ימי סליחות' און נישט 'ימי סליחה'? וויבאלד די סליחות זענען פילע, ווייל דער מענטש זינדיגט און האט חרטה, און זינדיגט ווייטער און טוט תשובה, און דער אויבערשטער נעמט אן די תשובה און איז מוחל, אזוי ווי מיר זאגן ביים דאווענען 'ברוך אתה ד' חנון המרבה לסלוח'.

און וואס איז טאקע די תשובה איבער וועלכע מיר זאגן 'חנון המרבה לסלוח', ווייל מיר ווייסן דאך אז "הָאוֹמֵר אֶחֱטָא וְאָשׁוּב אֶחֱטָא וְאָשׁוּב אֵין מַסְפִּיקִין בְּיָדוֹ לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה", דאס מיינט אז ווער עס זאגט – איך וועל זינדיגן און איך וועל תשובה טון, איך וועל זינדיגן און איך וועל תשובה טון, גיבט מען אים נישט די מעגליכקייט תשובה צו טון? ענטפערט אויף דעם דער הייליגער רמב"ם אין הלכות תשובה 'וּמַה הִיא הַתְּשׁוּבָה, הוּא שֶׁיַּעֲזֹב הַחוֹטֵא חֶטְאוֹ, יְסִירוֹ מִמַּחֲשַׁבְתּוֹ וְיִגְמֹר בְּלִבּוֹ שֶׁלֹּא יַעֲשֵׂהוּ עוֹד וכו', וְכֵן יִתְנַחֵם עַל שֶׁעָבַר וכו', וְיָעִיד עָלָיו יוֹדֵעַ תַּעֲלוּמוֹת שֶׁלֹּא יָשׁוּב לָזֶה הַחֵטְא לְעוֹלָם', דאס הייסט אז די ריכטיגע תשובה איז, אז דער זינדיגער זאל אפלאזן דעם זינד, און עס אוועקנעמען פון זיין געדאנק און באשליסן ביי זיך אין הארץ אז ער וועט עס מער נישט טון, אזוי אויך וועט ער חרטה האבן אויף דעם וואס ער האט עס געטון, און דער אויבערשטער וואס ער ווייסט אלע פארהוילענישן – וועט עדות זאגן אויף אים אז ער וועט זיך קיינמאל נישט צוריקקערן צו דעם זינד. ביז אהער פונעם הייליגן רמב"ם. און מיר זעען אין די גמרא, אז ווער עס איז מְקַדֵּשׁ א פרוי "עַל מְנָת שֶׁאֲנִי צַדִּיק", מיטן תְּנַאי אז ער איז א צדיק, איז אפילו אויב ער איז א רָשָׁע גָּמוּר, איז זי מְקֻדֶּשֶׁת – ווייל מיר זאגן, אז מעגליך האט ער מְהַרְהֵר בִּתְשׁוּבָה געווען. זעען מיר פון דעם, אז דער עיקר תשובה איז אינעם מחשבה פונעם מענטש. און דעריבער ווען מיר שטעלן זיך זאגן סליחות, דארפן מיר וויסן אז דער עיקר פון תשובה איז אינעם געדאנק, און עס איז נישט גענוג אז מען זאל עס ארויסזאגן מיט די ליפן, נאר די מויל און דאס הארץ דארפן זיין ביידע גלייך, און מען זאל אינזינען האבן מיטן געדאנק דאס וואס מען זאגט ארויס מיטן מויל.

און אויב וועלן מיר אזוי טון, וועלן דאס זיין אמת'ע סליחות, וואס אויף זיי וועט געזאגט ווערן 'סָלַחְתִּי'.

(עפ"י טיב המועדים – אלול – ימי הסליחות)

טיב ההודעות

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות
פון מורנו ורבנו שליט"א – אין א עקסטערע נומער
אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

יו"ר הוועדה הרוחנית: ר' יעקב רבינוביץ | עורך: ש. גולדשטיין

פון תוכחה פון פרשת בחוקתי ווי עס ווערט אויסגערעכענט אלע שרעקעדיגע עונשים וואס וועט חלילה קומען אויף א איד, אויב ער וועט אפלאזן די וועגן פון הקב"ה, וואס ווען מען הערט עס כאפט עס א שרעק, טרעפט מען גלייך אריינגעמישט אין די ווערטער דברי נחמה, די תוה"ק זאגט גלייך 'וזכרתי את בריתי יצחק ואף את בריתי אברהם אזכור והארץ אזכור'.

אויך ווען מען לערנט איבער ווי אזוי הקב"ה האט געגעבן די תורה הק' פאר'ן כלל ישראל אויפ'ן בארג סיני איז ניכר די בחינה, ווי אזוי הקב"ה זאגט זיינע ווערטער און נעמט אין חשבון אז דער וואס הערט אויס די ווערטער דערשרעקט זיך און אז מען דארף אים טרייסטן, און ווידמעט אן עקסטערע שפראך פאר די מענער, און אן עקסטערע שפראך פאר די פרויען, פאר איינעם זאגט מען שטרענג, פאר'ן צווייטן זאגט מען ווייעך.

די געדאנק חזר'ט זיך כסדר איבער אין די תורה הק', אבער דאס איז אויך נוגע פאר יעדן איד אין זיין וועלט און בעיקר פאר עלטערן וואס האלטן אינמיטן די עבודת החינוך פון זייערע קינדער, אדער ביי מלמדים וועלכע זענען מלמד קינדער אין די תלמוד תורה.

יעדער מחנך, אין זיין ראש, דארף צו געדענקען די נקודה, ער דארף צו וויסן אז עס איז נישט גענוג אז ער איז מוכיח דעם קינד, נאר ער דארף אויך אינאכט נעמען דער גאנצער ארום פון דאס קינד, זיינע געפילן, די פחדים וואס ער באקומט דורך די דברי תוכחה און זיכערמאכן אז ער ווערט נישט נפגע פון זיין תוכחה, און זייטיג צו די תוכחה דארף ער אים געבן ווארעמקייט און קירבה, ער זאל בלייבן ערליך און אפגעהיטן.

מען דארף צו וויסן אז וויפיל שטראף רייד זענען ווירקזאם האט אויך גוטע ווערטער א כח און מען קען קיינמאל נישט שאצן ווי גרויס און ווי שטארק עס איז דער כח פון א גוט ווארט.

עס איז דא אן איינגעווארצעלטע טעות ביי מענטשן אז נאר יונגע קינדער האבן ליב גוטע ווערטער. מען מיינט אז די עלטערע האבן נישט הנאה פון איר. דער אמת איז אבער אז ווען עס קומט צו גוטע ווערטער זענען ביידע אייניג און ביידע קענען עס אייניג נוצן.

איך האב אמאל געהערט א מורא'דיגער סיפור איבער דער הייליגער בעל מחבר ספר 'לשם שבו ואחלמה' וועלכער מען רופט אן מיט'ן קורצן נאמען דער בעל הלשם'.

מען רעדט פון א צדיק נשגב, א איד וואס איז געווען א גדול וגאון בתורה בנגלה ובנסתר, דערציילט מען אז אין די עלטערע יארן האט מען דערציילט פאר'ן לשם אז די נאנטע פון דער בן איש חי האבן דערציילט אז ווען דער בן איש חי האט דערהאלטן זיין ספר 'לשם שבו ואחלמה' האט זיך דער בן איש חי אנגעטון בגדי שבת זייענדיג אזוי בשמחה צו זען דער ספר, און זיך דערקוויקט מיט איר.

ווען דער לשם האט דאס געהערט האט ער זיך אנגערופן אז ווען ער וואלט ווען דאס געהערט אין זיינע יונגע יארן וואלט ער געמאכט נאך א ספר, ווייל דער עצם ידיעה אז א גדול בישראל שעצט זיין ספר האט אים געגעבן כח און מוט אנצוגיין ווייטער און ווייטער.

דאס האט געזאגט דער גרויסער גאון דער בעל הלשם', און אויב ביי אזעלכע גדולי ישראל זאגט זיך אזעלכע זאכן, איז דאך קל וחומר אז ביי מיר שוואכע אידן איז אזוי, און זיכער איז אזוי ביי קליינע קינדער.

יעדע גוטע ווארט ביי א קינד שטארקט אים. עס געבט אים כח און מוט אנצוגיין ווייטער און ווייטער. עס מיינט נישט אז מען דארף נישט געבן מוסר רייד, אבער מען דארף קענען מעסטן ביידע און געדענקען צו געבן פון ביידע און עס באלאנסירן, און אזוי וועט דאס קינד וואקסן גוט.

עס איז ליידער א מציאות אז אסאך קינדער וואס זענען ליידער ארויס לתרבות רעה זענען מעיד אז אויב זיי וואלטן באקומען איין גוט ווארט - וואלטן זיי נישט געווארן פארפאלן.

די כח פון א גוט ווארט איז זייער שטארק. עס איז א כח וואס הקב"ה האט געגעבן פאר אונז, און מען דארף עס נוצן און עס איינפלאנצן אין די הערצער פון די יונגע קינדער.

זאל הקב"ה געבן אז מען זאל האבן די ריכטיגע באלאנס און קענען געבן גוטע ווערטער און בויען אידישע נשמות אז זיי זאלן גיין מעלה מעלה אין עבודת ה'.

טיב ההשגחה

## מעשיות אויף השגחה פרטית

געשריבן דורך לייענערס

# דער כח פון מקבל זיין אלעס לטובה!

איך בין א איד וואס רוב טאג בין איך עוסק על המחיה ועל הכלכלה. איך האב זיך מיינע שיעורים וואס כ'לערן צופרי, ביינאכט, אבער רוב טאג זיץ איך ביי די ארבעט.

עס איז דא איין שיעור וואס כ'וועל אין מיין לעבן נישט אויסלאזן, און דאס איז דער וועכענטליכער שיעור פון מורינו הרב שליט"א איבער די נושא פון השגחה פרטית און אמונה.

ביי דער שיעור רעדט מורינו הרב שליט"א איבער אמונה ובטחון און בלאזט אריין חיות אין אלעמען און אויך אין מיר צו קענען אנגיין מיט מיין לעבן און קוקן גוט אויף אלע געשעענישן איבער די וועלט, אויך ווען זאכן זענען נישט אויס אזוי גוט און אזוי גלאטיג און עס גייט נישט אין שפאן מיט מיינע רצונות.

די יסודות ברענגט מיר צו מיין געשיכטע, די געשעעניש מיט מיין קאר.

איין טאג, בין איך אראפ אין די צופרי שעה'ן אונטן זיך גרייטנדיג צוגיין אין שול, איך האב א קאר און אזוי ווי די ווייטקייט צווישן מיין שטוב און די שול וואו איך בין געוואוינט צו דאווענען איז א שטיקל מרחק, וועל איך געווענליך גיין מיט מיין קאר אין שול אריין.

אויך היינט בין איך אראפ אונטן גרייט צו זוכן מיין קאר, אבער ווינונג, די קאר איז נישט דא.

"הודו לה' כי טוב כי לעולם חסדו", האב איך א זאג געגעבן.

איך האב געשאצט אז די קאר איז גע'גנב'ט געווארן, און זייענדיג געוואוינט צו הערן פון מורינו הרב שליט"א אז אלעס וואס עס געשעט אויף די וועלט איז לטובה, האב איך געדאנקט הקב"ה אויף די טובה גלייבנדיג אז אויך דאס איז לטובה.

אין שול בין איך געגאנגען צופוס, און אויפ'ן וועג אהיים האב איך געבעטן מיין חבר אז ער זאל מיר אהיימנעמען דערציילנדיג אז איך בין בארויבט געווארן, רויבער האבן גע'גנב'ט מיין קאר.

אזוי פארנדיג רופט זיך מיין חבר אן צו מיר, קוק ווי אוממענטשליך מענטשן פארקירן זייער קאר און ווייזט מיר אן אויף א קאר וועלכע איז ווי אראפגעווארפן אויפ'ן שאסיי.

איך געב א קוק און אומגלויבליך! עס איז מיין קאר.

ווארשיינליך האבן די גנבים נישט געהאט קיין עקסטערע נוצן פון איר, זיי האבן עס איבערגעלאזט אויפ'ן וועג.

איך בין אריין באקוקן די קאר, קיין סאך האט נישט געפעלט אין איר, אויסער קלייניגקייטן.

איך האב געדאנקט הקב"ה אז איך האב געטראפן מיין קאר שפירנדיג אז די מציאה האט א דירעקטע שייכות מיט מיין חיזוק אין אמונה, אז טאקע ווען דעם וואס איך האב זיך געשטארקט אין אמונה ובטחון און זיך נישט געלאזט פאלן און ווערן צובראכן נאר געגלויבט הקב"ה פאר זיינע חסדים – האט ממשיך געווען די ישועה.

ווען איך האב קומענדיגע וואך ביי די שיעור דערציילט פאר מורינו הרב שליט"א די מעשה, האט ער מיר געהייסן מפרסם זיין די מעשה עס זאל זיין א לימוד פאר אנדערע אז אויב מען שטארקט זיך מיט אמונה איז מען זוכה צו זען ישועות.

[דערציילט דורך דער בעל המעשה: ה. ב.]

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה סמואלס אין פקס: 15326517922

# חֶרְדַּת הַדִּין

לכבוד דעם גרויסן יום הדין, און די פארכטיגע און הייליגע טעג וועלכע קלאפן אן אויף אונזער טיר, מיטן באנייאונג פונעם נייעם יאר הבאה עלינו לטובה.

קומען מיר דא מיט א קליינעם זאמלונג פון עִנְיָנָא דְיוֹמָא, פונעם פליסנדן קוואל פון "טיב המעשיות" פון מורינו ורבינו שליט"א. אין באגלייטונג פון א שטארקע ברכה, מיט א תפילה פון טיפעניש פון הארץ, פאר א גוט געבענטשט יאר, פאר אים און פאר זיין הויזגעזינד וּלְכָל הַנִּלְוִים אֵלָיו, פאר די בְּנֵי הַחֲבוּרָה הַקְּדוֹשָׁה, **וּלְכָל בֵּית יִשְׂרָאֵל** – תִּכְלֶה שָׁנָה וְקִלְלוֹתֶיהָ תָּחֵל שָׁנָה וּבִרְכוֹתֶיהָ, אָמֵן.

-> • <-

עס האט מיר דערציילט הרה"צ המפורסם רבי שלום אייזן זצ"ל, רב און מו"ץ פה עיר הקודש ת"ו, דאס וואס עס האט אים דערציילט מרן הרב בענגיס זצ"ל, דער רב פון ירושלים עיר הקודש, איבער די געוואלדיגע אטמאספער פון פארכט און אֵימַת הַדִּין אין די הייליגע טעג וואס האט געהערשט אין די שטאט ווילנא (פון וואו הרב בענגיס האט געשטאַמט). – וואס יעדער האט געפילט און מיטגעהאלטן די הייליגע טעג און געפילט זייער פארכט, און נישט אומזיסט האט די שטאט ווילנא זוכה געווען צום באוואוסטן צונאמען: "**יְרוּשָׁלַיִם דְּלִיטָא**"...

אזוי ווי דער שטייגער איז געווען אין די פריערדיגע צייטן, האט די אידישע קהילה אין ווילנא אויסגעהאלטן א ספעציעלן "מגיד", א גאון און א צדיק, וועלכער פלעגט שטענדיג דרש'נען דרשות התעוררות, מעורר צו זיין די הערצער פונעם 'עולם' צו תשובה ותיקון המעשים. – איינס פון די מערסטע וואונדערליכע דרשות פונעם ווילנער מגיד מישרים, איז געווען אין צוגרייטונג צום גרויסן און פארכטיגן יום הדין פון ראש השנה. אט דער מעמד – האט הרב בענגיס דערציילט – איז געווען זייער ספעציעל. אלע מענטשן פון די שטאט, פון גרויס ביז קליין, זענען געקומען צו גיין אין די מאסן צום גרויסן און צענטראלן ווילנער שול, אנשים נשים וטף. אלע אידישע געשעפטן און האנדל-ערטער אין שטאט זענען געווארן צוגעשפארט, און יעדער האט זיך פארזאמלט און געקומען צו גיין צו אט דעם דרשה, וועלכע איז געווען זייער ספעציעל. די התעוררות דארט איז געווען זייער גרויס און דאס באגייסטערונג האט איבערגענומען יעדן איינעם. אויך דער מגיד זעלבסט האט גערעדט מיט א **קוֹל חוֹצֵב לַהֲבוֹת אֵשׁ**, מיט גרויס געוויין, און ער איז געווען א ספעציעלן מייסטער צו ערוועקן די הערצער פונעם באפעלקערונג מיט געפילן פון אמת'ע תשובה. דערנאך האט ער פארגעזעצט מיט זיינע דרשות איבערן שטאט דורכאויס אלע סליחות טעג, צו ערוועקן אידישע הערצער צו תשובה.

אינעם לעצטן יאר פונעם מגיד, האט דער רב ווייטער דערציילט, ווען עס איז געקומען חודש אלול, איז שוין דער מגיד געווען אלט און זייער קראנק ל"ע, ביז זיי זענען געווען געצוואונגען אראפצונעמען זיינע פיס רח"ל, צוליב דעם וואס עס האט גענומען פארדארבן ווערן, און מען האט נישט געוואלט אז דאס זאל זיך צושפרייטן איבערן גאנצן קערפער, און אזוי איז ער געלעגן אין בעט, אן קיין מעגליכקייט זיך אפילו צו רירן פון פלאץ.

ווען עס איז אנגעקומען דער באשטימטער טאג פארן יערליכע דרשה אין צוגרייטונג צום יום הדין, האט דער מגיד געבעטן אז מען זאל נישט צושטערן דעם ספעציעלן קביעות'דיגן שטייגער, איבערצוגעבן א התעוררות דרשה, פונקט ווי ער האט זיך געפירט אלע יארן. האט ער געהיסן זיינע תלמידים, אז זיי זאלן אים פירן, אזוי ליגנדיג אין בעט, צום גרויסן שול, און אזוי וועט ער איבערגעבן זיין דרשה!

די שמועה האט זיך בליץ-שנעל צושפרייט אין שטאט, אז טראץ זיין קרענק און שוואכקייט, וועט דער מגיד אויך דאס יאר לאזן הערן זיין דרשה, און דאסמאל וועט ער דרש'נען זייענדיג אויף זיין בעט וועלכע וועט אריינגעברענגט ווערן אינעם גרויסן היכל. ווי פארשטענדליך, האט קיינער נישט געוואלט פארפאסן א ספעציעלן מעמד, און אלע מענטשן פון שטאט זענען געקומען אין די מאסן צום גרויסן בית המדרש.

נאכדעם וואס דער קהל האט זיך באקוועם געמאכט, און אלע האבן געווארט אין גרויס שפאנונג און בחרדת קודש צו די ווערטער פונעם מגיד, האט זיך אראפגעלאזט א געוואלדיגע שטילקייט אינעם שול זאַל, און אט האט זיך געעפנט די איר און א גרופע תלמידים זענען אריינגעקומען אינעווייניג, טראגנדיג דעם אלטן מגיד, וועלכער איז געלעגן מיט פארכט און ציטערניש אויף זיין בעט. יעדער האט זיך אויפגעשטעלט אויף די פיס, און די באגייסטערונג איז געווען זייער גרויס.

די תלמידים האבן געטראגן דעם בעט פונעם מגיד ביז צום ארון הקודש. נאכן קושן דעם פרוכת בִּדְחִילוּ וּרְחִימוּ [מיט ציטערניש און ליבשאפט], האבן די תלמידים דערנענטערט זיין בעט צום שטענדער. דא האט זיך פלוצלונג דער מגיד גענומען וויינען מיט גאר א שרעקליכן און ציטערדיגן געוויין. אין אנהייב איז אים נישט מעגליך געווען ארויסצוגעבן קיין שום ווארט פון זיין מויל, ער האט נאר געוויינט און געוויינט, ווען צוביסלעך האט ער מיטגעשלעפט מיט זיין געוויין, נאך און נאך מענטשן פונעם קהל הקדוש, וואס נאך איידער ער האט געעפנט זיין מויל און ארויסגעזאגט א ווארט, האבן זיי שוין גוט געשפירט דעם ציטערניש פארן דין וואס דערנענטערט זיך, און נאר זעענדיג דעם מגיד דער צדיק ווי ער ליגט אין בעט און וויינט ווי א קליין קינד... זענען זייערע געפילן איבערגענומען געווארן.

נאכדעם וואס עס איז געלונגען פארן מגיד זיך אביסל צו שטארקן איבער זיין געוויין, האט ער אנגעהויבן צו רעדן און ער האט אזוי געזאגט: **מוֹרַי וְרַבּוֹתַי!** זעט נאר און באטראכט אייך וואס איר זעט מיט אייערע אויגן, און נעמט ארויס מוסר! באטראכט אייך און זעט מיט אייערע אויגן, וואס עס געשעעט אויב מען טוט נישט תשובה!!! מען שניידט אראפ די הענט! און אויך די פיס! און אזוי ליגט מען אין בעט מיט שרעקליכע יסורים, רחמנא ליצלן! הייליגע אידן, געבט נאר א קוק און זעט וואס עס געשעעט צו א מענטש וועלכער טוט נישט תשובה!!!

און תיכף האט ער נאכאמאל אויסגעבראכן אין א שרעקליכן געוויין, און האט מער נישט געקענט פארזעצן! דאס איז געווען זיין גאנצע דרשה אין זיין לעצטן יאר אויף דער וועלט. – די בְּכִיּוֹת און יְלָלוֹת וואס זענען דארט געווען, גלייך נאך אט די קורצע דרשה, איז נישט מעגליך צו שילדערן. און הרב בענגיס זצ"ל האט מעיד געווען אויף זיך אליין, אז אט דער מעמד פון תשובה איז אויסגעקריצט געווארן זייער טיף אין זיין הארץ, און אויך די הערצער פון אלע מענטשן פון די קהילה וועלכע האבן זוכה געווען זיך צו באטייליגן אין אט דעם מעמד פון תשובת רבים.

-> • <-

עס האט מיר דערציילט הרה"ח ר' שניאור אייזנבאך, אז אין זיין יוגנט האט ער געהאט א ספעציעלער מלמד אין תלמוד תורה, וועלכער איז געווען אן איש מורם מעם, דאס איז געווען מוהר"ר משה ווארשעווער זצ"ל, וועלכער איז געווען מפורסם מיט זיין צידקות און ערליכקייט און מיט זיין יִרְאָתוֹ הַקּוֹדֶמֶת לְחָכְמָתוֹ. ער איז געווען אנגענומען צווישן די אנשי ירושלים, אלץ צדיק און בעל מדרגה.

איין יאר, אום ראש חודש אלול, האט דער רבי דערציילט פאר זיינע תלמידים, אזוי ווי איינער וועלכער טיילט מיט א געוואלדיגן סוד, **מִכִּבְשׁוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם**, אז א שלעכטע און שווערע גזירה שוועבט רח"ל אויף כלל ישראל, און מען דארף שטארק פארמערן מיט תחינות און תפילות צו אוועקנעמען און שטערן דעם שלעכטן גזירה. – פון דעמאלטס און ווייטער, האט דער מלמד געזאגט צוזאמען מיט די קינדער קאפיטלעך תהלים טאג טעגליך מיט גרויס התרגשות, און ביי זיינע תפילות האט ער געוויינט בִּדְמָעוֹת שָׁלִישׁ. – אזוי האט ער מקפיד געווען דערויף, פארגיסנדיג דעם פארכטיגן תפילה צוזאמען מיט די תינוקות של בית רבן, דורכאויס די פערציג יְמֵי הָרָצוֹן פון ראש חודש אלול ביז יום הכיפורים.

נאך סוכות, ווען די קינדער זענען צוריקגעקומען אין חֵדֶר, זענען זיי שטארק נייגעריג געווען, און האבן געפרעגט דעם רבי'ן – וואס איז געווארן מיט יענעם שלעכטן גזירה?

האט זיי רבי משה געענטפערט מיט געוואלדיגע פרייד: ברוך השם, די תפילות און בקשות פון אידישע קינדער זענען אנגענומען געווארן, און דורך אונזערע תפילות האבן מיר גע'פועל'ט, אז די גאנצע גזירה איז אויפגעטוישט געווארן צו א גרויסע און פארכטיגע שניי!

די תלמידים וועלכע האבן שוין גוט געוואוסט איבער די געוואלדיגע צידקות פון זייער רבי, האבן געגלייבט זיינע ווערטער מיטן גאנצן הארץ, און האבן עס באהאלטן ביי זיך אין

המשך אין עמוד ד' >

הארץ, און האבן גענומען האפן און אויסקוקן צום גרויסן און פארכטיגן שניי וואס גייט קומען דעם יאר...

זיי האבן געווארט און געווארט... די ווינטער איז אנגעקומען, די חדשים חשון און כסליו זענען שוין דורכגעגאנגען, אויך טבת און אפילו שבט איז שוין דורכגעגאנגען, און נאך אלץ איז נישט געווען קיין זכר פונעם שניי... – דער רבי דער צדיק האט אבער בארואיגט זיינע תלמידים און זיי געזאגט אז דער גרויסער שניי גייט נאך קומען!

און אט, ביים ענדע פון יענעם ווינטער, איז ווירקליך געקומען דער גרויסער שניי, וואס אזא שניי האט ירושלים נישט געוואוסט פאר לאנגע יארן! עס האט זיך אנגעזאמלט אין א געוואלדיגע הויכקייט פון עטליכע מעטער, און האט אפגעשטעלט דעם גאנצן געווענליכן לעבנס-שטייגער אינעם הייליגן שטאט.

איינס פון די שטארקע ערשיינונגען און שאדנס וואס איז געקומען דורכן שניי, איז געווען דערמיט וואס אסאךביימער זענען אויסגעריסן געווארן פון זייערעווארצלען. – האבן די צדיקים פון ירושלים געזאגט דערויף, אז אט די ביימער וועלכע זענען אויסגעריסן געווארן, זענען א סימן אויף דעם וואס די גזירה איז אויפגעטווישט און בטל געווארן, וויבאלד זיי זענען געווען אנטשאט פילע צדיקים וועלכע וואלטן חלילה געדארפט אויסגעריסן ווערן פון דער וועלט, "כִּי הָאָדָם עֵץ הַשָּׂדֶה" (דברים כ, יט), און די תפילות און בקשות פון די הייליגע טעג האבן געשפאלטן הימלען, און האבן מבטל געווען די גזירה!

אט אזעלכע זענען געווען די מלמדים אין די תלמודי תורה אינעם פריערדיגן דור, אין "ירושלים של מעלה". – דאס זענען געווען מענטשן וואס מִשִּׁכְמָם וָמַעְלָה זענען זיי פול געווען מיט חֶרְדַּת אֱלֹקִים, זייענדיג געוואלדיגע בעלי מדריגה, און האבן שטארק מעורר געווען זייערע תלמידים אראפצולייגן פארכטיגע תפילות אין די הייליגע טעג, און עס איז זיי געלונגען!

***

עס ווערט דערציילט איבער הרה"ק רבי אהרן ראטה זצוק"ל, אז דורכאויס אלע טעג פונעם הייליגן חודש אלו"ל ביז נאך די ימים טובים, האט ער זיך געפינען אין א שרעקליכן קענטליכן פחד פונעם אֵימַת הַדִּין, אויף אזוי ווייט אז ער פלעגט שטענדיג קראנק ווערן דערפון אויפן מאגן.




ביי אים האט מען געזען און געפילט בחוש, אויף ווי ווייט אט די טעג זענען גורל'דיג און באשטימענדיג פארן עקזיסטענץ פון מלכות שמים און פארן עקזיסטענץ פון כלל ישראל. וויבאלד ער האט זיך געפינען אין א שטארקן פחד און ציטערניש, און ער האט אריינגעברענגט אט דעם פַּחַד אֱלֹקִים און יִרְאַת חֵטְא אין זיינע תלמידים און הויז-מענטשן. ווער עס איז נאר געקומען אין בארירונג מיט אים אין אט די הייליגע טעג, איז גלייך איבערגענומען געווארן מיט אט דעם שרעקליכן פחד וואס האט געפלאקערט אין אים!

-> ♦ <-

איך געדענק נאך פון איינעם פון די גדולי ירושלים של מעלה, דאס איז געווען הרב הגאון רבי אברהם אליהו מייזעס זצ"ל, וועלכערהאט זיך געפירט יעדן יאר אוועקצוגיין פון זיין הויז אום חודש אלו"ל, און ער פלעגט ארויסגיין פאר התבודדות אין א צימער וואס מען האט אים ספעציעל צוגעשטעלט אינעם בית היתומים דיסקין [וואס איז דעמאלטס פארדרכנט געווארן אלץ אינדרויסן פון ירושלים, ווייט פונעם רוישנדיגן שטאט].

אין אט די טעג איז ער געווען פארשפארט מיט זיך אליין מיט זיין עבודת הקודש, מיט זיינע פארכטיגע הכנות צו ראש השנה, און זיין גאנצע מציאות איז געווען דורכגעווייקט מיט חֶרְדַּת הַדִּין. דעריבער האט ער נישט געוואלט קומען אין בארירונג מיט מענטשן, אויף אזוי ווייט אז זיין עסן האט מען צוגעגרייט פאר אים אין אן אנדער צימער, און ער איז דארט נאר ארויסגעגאנגען צו עסן, ווען ער איז זיכער געווען אז קיין איינער געפינט זיך נישט דארט!

אויף אזוי ווייט איז אנגעקומען זיין מדריגה פון פארכט און שרעק צום יום הדין.

-> ♦ <-

דער הייליגער חודש אלו"ל, איז א גוטן עת רצון און איז ספעציעל מסוגל געהאלפן צו ווערן מיט א זיווג הגון, וויבאלד אום ראש השנה זענען אלע עקרות געדענקט געווארן, און אויב איז נישטא פריער א גוטן שידוך, וויאזוי וועלן זיי געדענקט ווערן...? דער מזל פון אט דעם חודש זאגט דאך שוין עדות דערויף, וויבאלד דער מזל איז "בתולה", וואס דאס איז זייער מסוגל דערצו [זע אינעם הייליגן ספר "בני יששכר" מאמרי חודש אלול (מאמר א' אות ג'), עיין שם].

און איבער דעם חודש איז אונז דער פסוק מרמז (ירמיה לא, יב): "אָז תִּשְׂמַח בְּתוּלָ"ה (אלול מזל בתולה) בְּמָחוֹל, וּבַחֻרִים וּזְקֵנִים יַחְדָּו, וְהָפַכְתִּי אֶבְלָם לְשָׂשׂוֹן, וְנִחַמְתִּים וְשִׂמַּחְתִּים מִיגוֹנָם", אמן כן יהי רצון.

-> ♦ <-

אבי מורי הרב הגאון זצוק"ל האט מיר דערציילט, אז ער געדענקט פון זיין יוגנט, ווען ער האט געלערנט אין חדר ביים באוואוסטן מלמד רבי הערש קאפשיץ זצ"ל, וועלכער איז געווען א מלמד אינעם בית היתומים דיסקין אין ירושלים עיר הקודש ת"ו. יעדן יאר אום ערב ראש השנה, פלעגט ער זיך בעטן ביי די תלמידים אז מען זאל אים מוחל זיין בלב שלם, וויבאלד ער האט זייער שטארק מורא, טאמער ער האט מעגליך אמאל באשטראפט אדער אנגעשריגן א קינד ווען עס האט נישט פונקטליך אויסגעפעלט, אדער טאמער ער האט איבערגעטריבן [מגזים געווען] מיט עפעס...

די ספעציעלע טעלעפאן ליניע צו באשטעלן די ספרים פון 'מכון טיב'
פון הגה"צ רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א
0733-22-76-09 קלינגט אריין באשטעלט דעליווערי פריי פון אפצאל - ביז צו אייער שטוב!

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד' | רח' ישעיהו 7 ירושלים טל: 078-3331109 05276-10455 | shivti11@gmail.com
יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה
Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173

# אינהאלט

## פרשת נצבים


לעשות את השבת - דער לעצטער שבת פונעם יאָר ........................................ ד

ושבת עד ה' אלוקיך - דער גרויסע כח פון תשובה ........................................ ה

טוב ומטיב לכל - מבטל זיין שווערע גזירות דורך גמילות חסדים ........................ י

ועד אחרית שנה - דאָס חשיבות פון לעצטן טאָג פונעם יאָר ............................ יז


**ספה"ק בת עין**

**הִנֵּה יָדוּעַ שֶׁעִיקָּר בְּחִינַת שׁוֹפָר הוּא בְּחִינַת הִתְפָּאֲרוּת** ס'איז באקאנט אז די עיקר בחינה און טעם פון בלאזן די שופר איז די בחינה פון 'התפארות' - דאס מיינט אז השי"ת שטאלצירט מיט די יודן, **שׁוֹפָר מִלְּשׁוֹן שׁוּפְרָא** די ווארט 'שופר' איז פון די שפראך 'שיינקייט', **הַיְינוּ שֶׁהַבּוֹרֵא בָּרוּךְ הוּא מִתְפָּאֵר עִם עַמּוֹ יִשְׂרָאֵל** דאס מיינט אז דער באשעפער שטאלצירט מיט זיין פאלק - די יודען, **כְּמוֹ שֶׁנֶּאֱמַר** (דברי הימים א יז, כא) **'וּמִי כְּעַמְּךָ יִשְׂרָאֵל'** אזוי ווי אונז זעהן אז השי"ת שטאלצירט מיט אונז ווי דער פסוק זאגט 'און ווער איז אזוי ווי דיין פאלק ישראל'.

**וְאֵימָתַי מִתְפָּאֵר עִם בְּנֵי יִשְׂרָאֵל** און ווען טוט זיך השי"ת בארימען מיט די יודען, **כְּשֶׁהֵם גּוֹי אֶחָד** ווען זיי זענען איין פאלק, **הַיְינוּ שֶׁיֵּשׁ לָהֶם אַחְדוּת** דאס מיינט ווען זיי זענען פאראייניגט און האבן אחדות, **וְאֵין בְּלֵב אֶחָד עַל חֲבֵרוֹ שׁוּם שִׂנְאָה כְּלָל וּכְלָל** און ס'איז נישט דא אין די הארץ פון איינעם אינגאנצן נישט קיין שום שנאה אויף זיין חבר.

**וְעַל זֶה מְרַמֵּז שׁוֹפָר** און אויף דאס ענין פון אחדות איז מרמז די ענין פון די שופר, **כִּי שׁוֹפָר עִם תֵּיבַת יָד שֶׁאוֹחֵז בּוֹ עוֹלֶה ת"ר** ווייל די ווארט 'שופר' מיט די ווארט 'יד' – וואס מיינט די האנט מיט וואס ער כאפט אן די שופר – איז בגמטריא ת"ר (600) , **מְרַמֵּז עַל ת"ר נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל שֶׁיִּהְיוּ בְּאַחְדוּת** דאס איז מרמז אויף די 600.000 נשמות פון די יודען. **(דרוש לראש השנה)**


תשו"ח להוצאת "גליון בת עין" באידיש

סדר ועימוד: **א.י.ש. אשדוד** shwrtz@bezeqint.net

# פרשת נצבים

**לעשות את השבת - דער לעצטער שבת פונעם יאר**

**עס** שטייט אין ספה"ק 'שפת אמת' (נצבים תרנ"ה), אז מען דארף זיך שטארקן אין דעם לעצטן שבת ביים סוף פון יאר, ווייל די די גמרא זאגט (שבת קיח.) אז אויב אידן וואלטן געהיטן איין שבת ריכטיג, וואלטן זיי באלד אויסגעלייזט געווארן, און אויך זאגט די גמרא (שבת יב.) 'יכולה היא שתרחם'. דער שבת איז בכח מעורר צו זיין מדת הרחמים אויפ'ן מענטש[א].

**הרה"ק** בעל 'חידושי הרי"ם' זי"ע האט געזאגט, אז דער לעצטער שבת פונעם יאר איז כולל אין זיך אלע שבתים פון פארגאנגענעם יאר, און עס האט אין זיך אלע כוחות פון די שבתים פונעם יאר[ב].

**אזוי** שרייבט אויך דער 'בית אהרן' (קכט: ד"ה 'עוד'), אז שבת פאר יום טוב, איז די הכנה צום יום טוב, ווי מיר זאגן, 'תחילה למקראי קודש', ווייל פונעם שבת ווערט נשפע די קדושה פונעם יום טוב, עכ"ל.

**דער** 'באר מים חיים' שרייבט (נצבים, ד"ה 'אתם נצבים'):

אלע ברכות און טובות און חסדים, וואס ווערן געטוהן אין משך פון די וואך, פאר דער וועלט בכלליות, אדער פאר א פרטיות'דיגן מענטש, אלעס ווערט געטוהן און עס ווערט נמשך אין דעם פריערדיגן שבת. קומט אויס, אז אויך אין דעם יום הגדול והנורא, ראש השנה, ווען דער אויבערשטער טוט משפט'ן אלע אידן, און ער באשטימט פאר זיי לעבן און פרנסה אלעס ווערט געטוהן אין דעם שבת פריער פאר ראש השנה, אין דעם שבת מקור הברכה. און צוליב דעם ווערט גע'פסק'ענט אין שולחן ערוך (או"ח סי' תכח, ס"ד), אז מ'לייענט איביג די פרשה פון 'אתם נצבים' פאר ראש השנה, ווייל עס איז מרמז אויף ראש השנה, ווי עס שטייט אין זוהר הקדוש (פחס, דף רלא.) אז דאסווארט 'היום' מיינט ראש השנה.

---

**א.** דער חיד"א זי"ע שרייבט אין ספר 'נחל קדומים', אויף דעם פסוק אין דער היינטיגער פרשה (ל, ב) 'ושבת עד ה' אלוקיך'. 'ושבת' איז די זעלבע אותיות ווי 'ושבת', א רמז אז **תשובה איז שייך נאר דורך שמירת שבת.** און ער שרייבט דארט אז מ'קען נישט תשובה טוהן באמת, אויב מ'איז זיך נישט מזרז צו היטן שבת.

עס ווערט געברענגט ('דעת זקנים', ע' עד) אין נאמען פון הרה"ק רבי ישראל אברהם זי"ע פון טשארנא אסטראה (א זון פון דעם הייליגן רבי'ן ר' זושא פון האניפאלי זי"ע), **אז די בעסטע עצה ארויסצוגיין זכאי ביים דין, איז אז דריי טעג פאר דעם טאג פונעם משפט, זאל מען נישט האבן קיין שום שייכות מיט'ן יצר הרע,** ווייל עס ווערט גע'פסק'ענט ביי די הלכות פון עדות (סנהדרין כז. ובשו"ע חו"מ), אז א שונא איז פסול צו זאגן עדות. זאגט די גמרא, ווען הייסט איינער א שונא? אויב ער האט נישט גערעדט מיט יענעם דריי טעג צוליב פיינטשאפט, און חז"ל זאגן (ברכות סא:) 'צדיקים יצר טוב שופטן, רשעים יצר רע שופטן'. ממילא, קומט אויס אז א מענטש וואס האט נישט גערעדט מיט'ן יצר הרע, דריי טעג צוליב 'איבה', ווערט דער שטן גע'פסל'ט צו זיין א דיין. ממילא גייט ער ארויס זכאי ביים דין.

דאס איז אבער אלץ נאר מיט א **'תנאי קודם למעשה', אז די דריי טעג זאל ער אינגאנצן אפלאזן דעם יצר הרע, און ער זאל נישט האבן מיט איהם קיין שום שייכות 'מטוב עד רע'.** ממילא, דארף מען שוין פון שבת זיך שטארקן 'נישט צו רעדן' מיט'ן יצר... און דער זכות פון הייליגן שבת וועט העלפן, אז די תשובה זאל געבויט ווערן אויף פעסטע יסודות, און מ'זאל עס שטארק אנהאלטן, כדי מ'זאל קענען זוכה זיין בדין.

**ב.** אזוי האט געזאגט הרה"ק בעל 'ישמח ישראל' זי"ע פון אלכסנדר (נו"י סוף אות א), אין נאמען פון פריערדיגע צדיקים, אז פונקט אזוי ווי א שטעקן, ווען מ'הייבט עס אויף אפילו נאר ביים עק, הייבט זיך אויף דער גאנצער שטעקן, דאס זעלבע איז מיט'ן שבת ביים סוף פונעם יאר, **דורך דעם וואס דער מענטש הייבט זיך אויף אין דעם שבת און ער דערנענטערט זיך צו דעם באשעפער, הייבט ער דערמיט אויף דאס גאנצע יאר, עס איבערצודרייען לטובה ולברכה.**

ראש השנה איז מרומז און אויסגעקריצט אין דעם פריערדיגן שבת. אלעם פאַנגט זיך שוין אָן דעם שבת, און דער מענטש וואָס האָט שכל, דאַרף זעהן אויסצונוצן דעם געהייבענעם שבת ווי ס'דאַרף צו זיין[ג].

**אויך** ווערט געברענגט (׳אמרי פנחס׳, אות תמב), אַז הרה"ק רבי פנחס'ל קאָריצער זי"ע האָט געזאָגט, אַז ביי שלש סעודות ווערט נגזר ווי אַזוי מ'זאָל זיך פירן מיט'ן מענטש במשך פון די גאַנצע קומענדיגע וואָך[ד].

**ושבת עד ה' אלוקיך - דער גרויסע כח פון תשובה**

**מיר** לייענען אין דער היינטיגער פרשה (נצבים ל, ב) 'ושבת עד ה' אלוקיך ושמעת בקולו' וגו'. דאס איז דאך די פרשת התשובה, פון וועלכע מיר לערנען אַרויס אַסאַך יסודות אין דעם ענין פון תשובה, וואָס איז 'מענינא דיומא'[ה].

**ערשטענס**, דער פסוק זאָגט (פסוק ד) 'אם יהיה נדחך בקצה השמים משם יקבצך ה' אלוקיך ומשם יקחך', האָבן צדיקים געזאָגט, אַז די תורה וויל אונז דאָ לאָזן הערן, אַז אַ איד טאָר זיך קיינמאָל נישט מייאש זיין. 'נדחך בקצה השמים' - אפילו אויב די האָסט אַזוי פיל געזינדיגט אַז די ביסט ווי אַ פאַרוואָרפענער אויף יענעם עק פונעם הימל ח"ו, וועט דער אויבערשטער דיך צוריקברענגען אויך פון דאָרט: 'משם יקבצך ה' אלוקיך'[ו], ווייל אַ טאַטע האָט שטענדיג רחמנות אויף זיין קינד. דעם אויבערשטען'ס האַנט איז אייביג אויסגעשטרעקט אָנצונעמען אונזער תשובה. ער זיצט

---

**ג.** דער שבת פאַר ראש השנה, האָט אין זיך אויך אַ 'תוספת ברכה', ווי דער הייליגער בעל התניא זי"ע האָט נאָכגעזאָגט אין נאָמען פון זיין רבי'ן, דער גרויסער מגיד פון מעזריטש זי"ע, וואָס ער האָט נאָכגעזאָגט אין נאָמען פון דעם הייליגן בעל שם טוב זי"ע, אַז שבת פאַר ראש השנה בענטשט מען נישט דעם חודש, כאָטש עס איז דער שבת פאַר חודש תשרי, ווייל **אין דעם שבת, בענטשט דער אויבערשטער בכבודו ובעצמו דעם חודש**. מיט'ן כח פון אט די ברכת החודש, וואָס דער אויבערשטער בענטשט חודש תשרי, בענטשן מיר אַלע אַנדערע חדשים פון **יאָר** (געברענגט אין 'קובץ מכתבים', שבסוף ספר 'תהלים אהל יוסף יצחק').

**ד.** הרה"ק רבי פנחס'ל קאָריצער זי"ע האָט אויך געזאָגט, אַז צוליב דעם ווערט שלש סעודות אָנגערופן 'סעודתא דזעיר אנפין', ווייל דער מענטש דאַרף זיך האַלטן קליין, און הרה"ק רבי שמעריל (ווארכיווקער) ז"ל האָט צוגעגעבן, אַז איין זאַך ווענדעט זיך אינעם אַנדערן. אין דער צייט פון שלש סעודות, קען מען בעטן אויף שפלות, און וועגן דעם דאַרף מען ביי שלש סעודות אין דעם שבת פאַר ראש השנה, מתפלל זיין צו דעם אויבערשטען, אַז מ'זאָל זוכה זיין צו האָבן הכנעה און שפלות אין ראש השנה. [ווייל די גמרא זאָגט דאָך (ר"ה כו:) אַז אין ראש השנה, וואָס מער דער מענטש בייגט זיך אין זיין מחשבה, איז עס בעסער פאַר איהם].

**ה.** דער 'לבוש' שרייבט (סי' תכ"ח ס"ד) אַז מ'לייענט די פרשה פון 'אתם נצבים' אין דעם שבת פאַר ראש השנה, ווייל עס ווערט דאָרט אַסאַך דערמאָנט די מצוה פון תשובה.

**ו.** 'שני נביאים מתנבאים בסגנון אחד' - צוויי צדיקים האָבן געזאָגט די זעלבע ווערטער, הרה"ק רבי משה קאָברינער זי"ע (געברענגט אין ספר 'תורת אבות'), און הרה"ק בעל 'בית אהרן' זי"ע פון קאַרלין (קלא.) אַז 'קצה השמים' איז מרמז אויף די מדה פון קדושה (זוהר, ח"ב קלז.). זאָגט אונז דער פסוק, אַז **אפילו איינער וואָס האָט ח"ו פוגם געווען אין די מדה פון קדושה, וואָס ס'איז נישטאָ אַ גרעסערע 'נידח' פון איהם, פונדעסטוועגן - 'משם יקבצך ה' אלוקיך'**. דער אויבערשטער וועט זיך ברענגען אויך פון דאָרט, 'ומשם יקחך' - מיט'ן כח פון תשובה, ווייל **אמת'דיגע תשובה פועל'ט אַפילו אויף די האַרבסטע עבירות** (אויך אויף די עבירות וואָס דער זוהר הקדוש זאָגט אַז עס העלפט נישט אויף זיי קיין תשובה).

צדיקים האָבן געזאָגט אַ מליצה ישרה לזכותם של ישראל, אַ טעם פאַרוואָס מ'לייענט דעם ערשטן טאָג ראש השנה די פרשה פון 'וה' פקד את שרה כאשר אמר', און דערנאָך די גאַנצע מעשה מיט הגר און ישמעאל, ווייל דאָרט שטייט (בראשית כא, כא) 'ותקח לו אמו אשה מארץ מצרים', הגר האָט גענומען פאַר ישמעאל אַ פרוי פון לאַנד מצרים. זאָגט רש"י, אַז זי האָט גענומען פאַר איהם אַ פרוי 'פון דעם אָרט וואו זי איז ערצויגן געוואָרן', ווי מענטשן זאָגן, אויב דו וועסט אַרויפוואַרפן אַ שטעקן אין דער לופט, וועט עס פאַלן צוריק צו זיין מקור. דאָס זעלבע איז געווען ביי הגר, כאָטש זי האָט פאַרלאָזט איר געבורט-אָרט און איז געגאַנגען צו אברהם אבינו ע"ה, פונדעסטוועגן, איז זי צום סוף צוריקגעגאַנגען צו איר מקור, דאָס ערשטע אָרט פון וואו זי איז געקומען - מצרים.

כביכול און קוקט אַרויס', אַפילו אויף די תשובה פון אַזאַ איינעם, וואָס איז 'פאַרשטויסן און אַנדערן עק פונעם הימל'ח.

אַזוי טייטשן די ספרים ('מי השילוח', 'פרי צדיק', ועוד) דעם פסוק אָנהייב היינטיגע פרשה, 'אתם נצבים היום כולכם לפני ה' אלוקיכם'. אין וואָס פאַר אַ מצב איר זאָלט נאָר נישט זיין, שטייט איר נאָך אַלץ 'לפני ה' אלוקיכם'.

אַ איד טאָר זיך קיינמאָל נישט מייאש זיין און זאָגן, איך בין דאָך שוין אַזוי דערווייטערט פון באַשעפער אַז איך האָב שוין חלילה נישט קיין האפענונג, נאָר ער דאַרף געדענקען וואָס דער 'תרגום יונתן' שרייבט אויפ'ן פסוק (כט, יח) 'והיה בשמעו את דברי האלה הזאת והתברך בלבבו לאמר שלום יהיה לי כי בשרירות לבי אלך'. די ווערטער 'והתברך בלבבו' טייטשט דער 'תרגום יונתן': 'ויתייאש בלביה' - ער וועט זיך מייאש זיין אין זיין האַרץ (צו טראַכטן אַז ער קען שוין חלילה נישט האָבן אַ תיקון).

זעהען מיר קלאָר, אַז דער יאוש פון אייגענעם מצב, איז נאָך ערגער ווי די עצם עבירה. אַלע קללות ח"ו וואָס ווערן אויסגערעכנט ווייטער אין די פסוקים, גייען אַרויף אויף איינעם וואָס פאַלט אַריין אין יאוש. אַזוי לאַנג ווי ער פרובירט נאָך צו נתעורר ווערן און פאַרבעסערן זיינע מעשים, האָט ער נאָך אַ תיקון, אָבער איינער וואָס האָט זיך שוין מייאש געווען, קען מען נישט וויסן וואָס די רעזולטאַטן דערפון וועלן זיין ח"ו.

מיר דאַרפן זיך גוט איינ'חזר'ן, אַז די מצוה פון תשובה איז שייך ביי יעדן איד, ווי דער פסוק זאָגט אין דער היינטיגער סדרה (ל, יא-יב) 'כי המצוה הזאת אשר אנכי מצוך היום לא נפלאת היא ממך ולא רחוקה

---

דאָס קומען מיר 'דערמאָנען' דעם אויבערשטען כביכול אין דעם הייליגן טאָג פון ראש השנה: **רבונו של עולם, אויך אויב די אידן, דיינע ליבע קינדער, האָבן לײדער געזינדיגט און זענען געוואָרן דערווייטערט פון דיר, אָבער נאָך אַלעם, וועלן זיי צוריקקומען צו זייער ערשטן מקור...**

דאָס זעלבע, אויב איינער איז זיך מייאש ח"ו, זאָגט מען איהם, אפי' אויב דו ביזט שוין אַדורכגעגאַנגען אַסאַך 'גלגולים', **זאָלסטו וויסן אַז דו ביזט נאָך אַלץ מחובר און מקושר צו די קדושה, אַזוי ווי פריער!**

**ז.** דער ראַדאָמישלער רב, הגאון מהר"ש ענגיל זצ"ל, ברענגט (אין זיין ספר 'שפתי מהר"ש'), אַז ער האָט אַמאָל ביי שלש סעודות געהערט פון הייליגן צאַנזער רב בעל 'דברי חיים' זי"ע, אויפ'ן פסוק 'לעברך בברית ה' וגו' אשר אנכי כורת עמך היום'. די סופי תיבות פון די ווערטער כור**ת** עמ**ך** היו**ם** איז 'כתם' - אַ רמז אַז **אויך אויב דער מענטש האָט אויף זיך 'פלעקן' פון עבירות ח"ו, וויל דער אויבערשטער נאָך אַלץ מאַכן מיט איהם אַ בונד.** דער אויבערשטער אַליין זאָגט צו איהם: 'אשר אנכי כורת עמך היום'.

**ח.** מיר האָבן געהערט פון אַ חשוב'ן מחנך, אַז אַמאָל איז געקומען צו איהם איינער וואָס איז לײדער אַראָפּ פון וועג רח"ל, אויף אַזוי ווייט אַז ער איז פאַרוואַלגערט געוואָרן קיין אינדיע, ה' ירחם, און האָט שוין אַפילו אויסגעטוהן דעם קאַפּל. האָט דער מחנך איהם געפרעגט, פאַרוואָס ביזטו געקומען צו מיר, און ער האָט געענטפערט, אַז ער איז אַריינגעגאַנגען אין דאָרטיגן 'בית חב"ד', וואו ער האָט באַגעגנט אַ איד אַ ירא שמים, וועלכער האָט איהם געזאָגט: 'עס וועט דיר גאָרנישט העלפן... דו קענסט גיין מיט אַ קאַפּל, אָדער אָן אַ קאַפּל... אָבער וויסן זאָלסטו, אַז אין יעדן מצב, וואַרט דער אויבערשטער אויף דיר אַז דו זאָלסט זיך אומקערן צו איהם'. די ווערטער פון דעם ערליכן איד, וועלכע זענען - ווי עס ווייזט אויס - געווען 'דברים היוצאים מן הלב', זענען איהם 'גוט אַריין אין די ביינער', און אויך אין האַרץ... און זיי 'קלינגען' איהם אין די אויערן, ממש ער געפינט זיך נישט קיין מנוחה. ער גייט פון איין מחנך צום אַנדערן כדי צו געפינען דעם וועג צוריקצוקומען צום באַשעפער.

דער מחנך וואָס האָט עס אונז דערציילט, האָט צוגעגעבן, אַז דער ערליכער איד וואָס האָט געזאָגט די אויבן-דערמאָנטע ווערטער צו דעם פאַרשוין, שטעלט זיך גאָרנישט פאָר וואָס פאַראַ 'מהפכה' פון קדושה זיינע ווערטער האָבן גורם געווען...

לדידן ייאמר, אין יעדן מצב וואָס מיר זענען, וואַרט דער אויבערשטער אויף אונז אַז מיר זאָלן זיך וועלן דערנענטערן צו איהם. מיר דאַרפן נאָר עפענען אונזערע 'אויערן' און דאָס האַרץ, און הערן דאָס קול פון דעם אויבערשטען וואָס ער שרייט צו אונז: 'שובו אלי'.

היא[ט], לא בשמים היא' וגו', נאָר 'יעזוב' רשע דרכו'[יא] (ישעיה נה, ז), מ'דאַרף נאָר אָפּלאָזן די שלעכטע וועגן,

---

**ט.** מ'דאַרף נישט גיין 'ווייט' צו זוכן די 'תשובה', נאָר עס איז נאָנט צו אונז, ממש 'ביי דער האַנט', ווי מ'זאָגט.

הגה"צ רבי שריה דעבליצקי זצ"ל האט דערציילט אַ מעשה וואָס האָט פּאַסירט ביי איהם: ראש השנה אינדערפרי, האָט ער זיך געפעדערט צו גיין אין מקוה אינמיטן נאַכט, פּאַר דריי אַזייגער, וועלנדיג זיין גרייט צו דאווענען ותיקין. אין פאָדער-צימער און אין צימער פון די שטיגן, איז אָבער געווען טונקל. ער האָט געהאָפּט, אַז אין צימער פון די מקוה זעלבסט איז יאָ לעכטיג. ער האָט אָבער קוים געקענט טרעפן אין דער פינצטערניש דעם שליסל צו די מקוה, אָבער אויך דאָרט איז געווען פינצטער. 'אַז איך האָב שוין געעפענט די טיר, האָב איך געקלערט אַז איך וועל מיר שוין אַן עצה געבן אין דער פינצטערניש. איך האָב זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק און זיך דאָרט אויסגעטוהן, און פון דאָרט בין איך אַריין אין מקוה. פלוצלינג, האָב איך פאַרלוירן חשבון אויף וועלכן ווינקל איך שטיי... איך האָב געטאַפּט די ווענט און אויך די מקוה האָב איך נישט געטראָפן. אַלזאָ, איך האָט 'אַרומשפּאַצירט' אָן אַ תכלית, און פלוצלינג האָב זיך דערזעהן אין וואַסער... אויך גוט...

דערציילט ער ווייטער: 'כ'בין אַריין אין וואַסער, איך האָב זיך גע'טובל'ט און אַרויס פון דאָרט. איך האָב אָבער בשום אופן נישט געקענט טרעפן דעם צימער וואו מ'טוט זיך אָן, און ווען איך האָב שוין יאָ געטראָפן דעם צימער און 'אויסגעטאַפּט' אַ פּאָר בגדים, זענען זיי נישט געווען מיינע... אַ סעקונדע שפּעטער האָב איך געטראָפן מיינע בגדים, און זיך אָנגעטוהן, וועלנדיג אַרויסגיין. דאָ האָט זיך אָבער אַלעס געענדיגט... איך האָב מורא געהאַט אַז מיט יעדן טריט וועל איך זיך נאָר מער פאַרפּלאָנטערן. האָב איך באַשלאָסן אין מיין עגמת נפש צו בלייבן זיצן אויפ'ן באַנק, ביז עמיצער וועט זיך דערבאַרימען... איך האָב שוין מורא געהאַט אַז איך וועל 'פאַרפאַסן' די 'קרבנות', און ווער ווייסט, אויב נישט גאַנץ 'פסוקי דזמרה'... און כ'האָב מתפלל געווען אין האַרץ אויף אַ ישועה.

ס'איז נישט אַריבער אַפילו אַ סעקונדע, און פלוצלינג הער איך טריט פון עמיצן וואָס דערנענטערט זיך און קומט אַראָפּ אין מקוה. האָב איך אויסגעשריגן הויך אויפ'ן קול: איך זעה נישט וואו מ'גייט דאָ אַרויס... האָט דאָס קול מיר געענטפערט: אַ סעקונדע... דאַן האָט עמיצער אויסגעשטעקט צו מיר אַ האַנט און מיך געשטעלט אין אַ סעקונדע אויף די שטיגן. דאַן האָב איך אויסגעפונען, אַז אויך ביז יעצט בין איך געווען נישט מער ווי געציילטע סענטימעטער פון די שטיגן, נאָר איך האָב זיי נישט געזעהן...

דער מוסר השכל פון די מעשה איז, יעדער איד איז באמת זייער נאָנט צו תשובה. בלויז עטליכע 'סענטימעטער' טוהען איהם אָפּטיילן דערפון, נאָר ער מיינט אַז ער געפינט זיך אין אַ טאָטאַלע פינצטערניש, און ער פאַלט דעריבער אַריין אין יאוש רח"ל. פלוצלינג שפּירט אָבער זיין נשמה די טריט פון דעם באַשעפער וואָס דערנענטערט זיך, און ער דאַרף נאָר אויסשרייען 'איך זעה נישט ווי אַזוי מ'גייט אַרויס פון דאָ', און דאַן ענטפערט איהם דאָס קול פון באַשעפער כביכול: 'אַ סעקונדע... אַ סעקונדע'... ער שטרעקט איהם אויס די האַנט, און פירט איהם אַרויס 'אויפ'ן גאַס', און אַט זעהט ער אַז בלויז געציילטע 'סענטימעטער' האָבן אָפּגעטיילט צווישן די פינצטערניש און די לעכטיגקייט, און ער, מיט זיין נאַרישן שכל, האָט געמיינט אַז ער האָט פאַרלוירן דעם וועג. **מ'דאַרף נאָר מאַכן אַ קליינעם רוף צום באַשעפער, און דער אויבערשטער עפענט פאַר אונז די טיר וואָס איז אַזוי גרויס, אַז אַלע וועגענער און קאַרעטער פון דער וועלט קענען דאָרט אַדורכגיין...** 'השיבנו ה' אליך ונשובה'. 'שובה ישראל עד ה' אלוקיך, כי כשלת בעוונך'.

**י.** הרה"ק רבי פייבוש ברעזשאַנער זי"ע זאָגט ('שפת אמת', דרוש לעשרת ימי תשובה') אויפ'ן פסוק 'יעזוב רשע דרכו', 'יעזוב' איז פון לשון אַרויסהעלפן, אַזוי ווי (שמות כג, ה') 'עזוב תעזוב עמו'. דער אויבערשטער טוט העלפן דעם רשע, און ער איז איהם מעורר תשובה צו טוהן, ווייל ער וועט זיכער אָננעמען זיין תשובה [וישוב אל ה' וירחמהו, ואל אלוקינו כי ירבה לסלוח'].

**יא.** די וועלט פרעגט אויף דעם לשון פון פסוק, יעזוב רשע '**דרכו**'. וואָס פאַר אַ 'וועג' האָט דען דער רשע?...

האָט הגה"ח רבי גד'ל אייזנער זצ"ל, משגיח פון דער ישיבה 'חידושי הרי"ם' אין תל אביב, געענטפערט מיט אַ משל, אַ פאַסטוך האָט זיך פאַרבלאָנדזשעט מיט זיינע שעפעלעך אין אַ וואַלד, וואו ער האָט פלוצלינג דערזעהן אַ וואָלף וואָס קומט זיי אַנטקעגן. האָט ער אָנגעהויבן נאָכיאָגן דעם וואָלף מיט 'מסירות נפש', אָבער דער וואָלף קען דאָך גוט לויפן, איז ער אַנטלאָפן פון איהם. צום סוף האָט דער פאַסטוך איהם 'דערוווישט', און אַפילו באַוויזן אָנצוכאַפּן דעם וואָלף ביים שוואַנץ... דער וואָלף איז אָבער ווייטער געלאָפן און געלאָפן... און דער פאַסטוך האַלט

און מ'ווערט שוין גערעכנט ווי איינער וואָס האָט זיך
אַוועקגעשטעלט אויפ'ן גוטן וועג.

**אויף** דעם פסוק אין דער היינטיגער סדרה (כט, יא) 'לעברך בברית וגו' אשר ה' אלוקיך כורת עמך היום', זאָגן די ספרים הקדושים (און ענליך שטייט אין 'שפת אמת', נצבים תרל"ד) אַז 'היום' גייט אַרויף אויף יעדן טאָג אין לעבן פון אַ מענטש, ווי חז"ל זאָגן 'בכל יום יהיו בעיניך כחדשים'. דאָס מיינט, יעדן טאָג זאָגט מען צו די אידן פונדאָסניי: 'אתם נצבים היום כולכם וגו', לעברך בברית ה' אלוקיך', ווייל אַ איד דאַרף זיך שטענדיג באַנייען צו דינען דעם אויבערשטען און שליסן אַ נייעם בונד מיט'ן אויבערשטען. דאָס איז אַ 'מצוה תמידית', זיך צו באַנייען און אָנהייבן פונדאָסניי, נישט צו קוקן אויפ'ן עבר, מ'זאָל זיין ממש אַזוי ווי אַ ניי-געבוירן קינד[יב].

---

גוט אָן די האַנט אינעם ווײַדל, אַזוי איז ער נאָכגעשלעפּט געוואָרן נאָכ'ן וואָלף ביז ער איז שוין געקומען צו אַ מצב פון סכנות נפשות... אַזוי זענען זיי אַריינגעלאָפן אין שטאָט, וואו צענדליגער מענטשן האָבן פלוצלינג געזעהן אַ וואָלף אַנטלויפן און אַ פּאַסטוך כאַפּט אָן דעם שוואַנץ, און האָבן זיך צעלאַכט הויך אויפ'ן קול... דער פּאַסטוך, ווידער, האָט געשריגן צו די מענטשן: 'רחמנים בני רחמנים', וואָס לאַכט איר... ראַטעוועט מיך פונעם וואָלף... האָט אַ קלוגער מענטש איהם געזאָגט: לאָז אָפּ דעם 'שוואַנץ' , און דיין לעבן וועט פון זיך אַליין געראַטעוועט ווערן...

דער נמשל איז, מ'זאָגט צו יעדן איד, לאָז אָפּ דעם 'שוואַנץ'... פאַרוואָס האָסטו זיך געמאַכט אַ 'דרך' פון דיין שלעכטע התנהגות, אַז דו קענסט זיך שוין נישט אָפּלאָזן דערפון... ווער האָט דיר איינגערעדט אַז דו דאַרפסט זיך פירן אַזוי און אַזוי... ס'איז נאָר אַ שלעכטע געוואוינהייט. לאָז אָפּ די דאָזיגע רגילות'ן, און עס וועט דיר זיין גוט...

ענליכע ווערטער, שרייבט דער 'בית אברהם' (פ' נח, ד"ה 'וישלח'), אין נאָמען פון זיין טאַטן, הרה"ק בעל 'דברי שמואל' זי"ע, אַז ס'איז דאָ אַ חיה וואָס הייסט 'ביבער'. זי פירט זיך, אַז ווען זי גייט ערגעץ, קערט זי זיך אום געגנוי אויפ'ן זעלבן וועג וואו זי איז געגאַנגען אַהין. אויב מ'וויל איר פאַנגען, דאַרף מען נאָר קוקן וואו זי גייט, און מ'גרייט צו אַ 'נעץ' איר שפּעטער צו פאַנגען ווען זי וועט דאָרט אַדורכגיין אויפ'ן וועג צוריק, אַזוי אַז צוריקגייענדיג פאַלט זי גלייך אַריין אין די פּאַסטקע. ווען זי קומט צוריק און זעהט די געפאַר אַז זי גייט געפאַנגען ווערן, הייבט זי אָן צו וויינען, **אָבער עס פאַלט איר נאָך אַלץ נישט איין צו טוישן איר וועג און גיין ערגעץ אַנדערש**, און אַזוי וויינט זי און וויינט ביז זי פאַלט אַריין אין דער נעץ...

דער נמשל איז, אַ איד וואָס רעדט זיך איין אַז ער 'מוז' גיין דווקא אויף אַ געוויסן וועג, און כאָטש ער זעהט דעם גרויסן 'בראָך' און ער 'וויינט', טוישט ער אָבער נישט זיין וועג צו גיין ערגעץ אַנדערש, און אַזוי פאַלט ער אַריין אין דעם גרוב. זאָגט מען אַזאַ איינעם: לאָז דיך אָפּ פון דיינע שגיונות. דו דאַרפסט נאָר באַשליסן אַז דו ביזט נישט 'מחויב' צו גיין אויף יענעם אָרט. גיי אויפ'ן גוטן וועג, און דו וועסט געראַטעוועט ווערן.

דער גאון רבי מרדכי פּאָגראַמאַנסקי זצ"ל האָט צוגעגליכן דאָס ענין צו צוויי קליינע ברידער וואָס האָבן זיך געשפּילט, איינער איז געווען דער 'בעל עגלה', און דער צווייטער איז געווען דאָס 'פערדל'. דאָס פערדל שלעפּט דעם וואָגן, אָבער פלוצלינג האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ שטאַרקער רעגן. האָט דער 'בעל עגלה' איבערגעלאָזט דאָס 'פערדל', און איז שנעל אַריין אין הויז. ווען די מאמע פון די קינדער האָט געזעהן אַז נאָר איין קינד איז אַהיימגעקומען, איז זי שנעל אַרויסגעגאַנגען, און געזעהן איר קינד, דאָס כלומר'שטע 'פערדל' שטיין אינדרויסן, איינגעבויגן און 'דורכגעווייקט' פון קאָפּ ביז פיס... האָט זי איהם געפרעגט, פאַרוואָס שטייסטו אינדרויסן. עס רעגנט דאָך אַרויף אויף דיר... האָט דאָס קינד געענטפערט:

- **ווי אַזוי קען איך אַריינקומען אין הויז, איך בין דאָך אַ 'פערד'...**

אויף דעם זאָגט דוד המלך ע"ה (תהלים לב, ט) 'אל תהיו כסוס כפרד אין הבין'... מיר שטיין שוין אין די עשרת ימי תשובה, און דער זאָגט 'איך קען נישט אַריינגיין, ווייל איך בין אַ פערד'... איך קען נישט איבערלאָזן מיינע שלעכטע וועגן... **ווער האָט דיר אויסגעזאָגט דעם 'סוד' אַז דו ביזט אַ 'פערד', און ווער צווינגט דיך צו פאַרבלייבן ווייטער אַ 'פערד'**... לאָז אָפּ דיינע געוואוינהייטן, עפן דיינע אויגן, וועסטו זעהן אַז טאַקע צו דיר האָט דער אויבערשטער געזאָגט 'נעשה אדם', און דו ביזט בכוח צו דערגרייכן צו גאָר הויכע מדריגות.

**יב.** אַ איד האָט אַמאָל געזאָגט צום גאון רבי ישראל סאַלאַנטער זצ"ל אַז ער האָט זיך שוין מייאש געווען פון עבודת השם, ווייל ער איז נישט בכוח צו שטיין און קעמפן טאָג-טעגליך קעגן דעם יצר הרע, וואָס שטאַרקט זיך אויף איהם מיט אַלע זיינע כוחות. האָט רבי ישראל סאַלאַנטער איהם געזאָגט:

- **איך זעה, אַז דער יצר הרע גלייבט אין דיר מער ווי דו גלייבסט אַליין אין זיך...** ווייל עס איז דאָך באַקאַנט (ר"ה טז: בשם הירושלמי), אַז ווען אידן בלאָזן שופר אין ראש השנה, ווערט דער שטן צעטומלט, ווייל ער מיינט אַז עס איז דער 'שופר של משיח', און אידן האָבן שוין תשובה געטוהן. קומט אויס, אַז דער שטן גלייבט אַז דו ביזט בכוח תשובה צו טוהן, און דו אַליין גלייבסט נישט אַז דו ביזט בכח זיך אומצוקערן צום באַשעפער. קומט אויס, אַז דער שטן גלייבט אין דיר מער ווי דו אַליין גלייבסט אין זיך...

דער גאון רבי ברוך בער זצ"ל פון קאַמעניץ, בעל 'ברכת שמואל', האָט אַמאָל געזאָגט צו זיינע תלמידים: וויסן זאָלט איר, אַז דער יצר הרע לאָזט קיינעם נישט צורוה. ער וועט געפינען פאַר יעדן איינעם אַ וועג איהם אַריינצוכאַפּן אין זיין נעץ. אַפילו אַ 'ראש ישיבה' קען זיך נישט ראַטעווען פון איהם... ריכטיג טאַקע, ער וועט נישט קומען צו דעם ראש ישיבה און זאָגן, לערן נישט היינט, ווייל ער ווייסט דאָך אַז ער וועט איהם נישט פאָלגן, ער איז דאָך אַ ראש ישיבה... ער וועט איהם אויך נישט פרובירן אָפּרעדן פון יראת שמים, ווייל ער ווייסט אַליין אַז ער וועט נישט הערן זיינע טענות. ער קען נאָר קומען מיט איינרעדעניש פון 'פרומעניש', ער זאָל מחמיר זיין מער ווי מ'דאַרף, כדי ער זאָל באַקומען 'נערוון' ח"ו, און אַזוי קען ער איהם אינגאַנצן אַריינכאַפּן אין זיין ביטערע נעץ.

און רבי ברוך בער האָט דערציילט וואָס עס האָט פּאַסירט מיט איהם זעלבסט. נאָך די ערשטע וועלט מלחמה, האָט ער געוואוינט אין ווילנא מיט זיין טאַטן, הגאון רבי שמואל לייבאָוויץ זצ"ל. איין טאָג איז דער טאַטע געוואָרן זייער נישט געזונט ל"ע, און רבי ברוך בער האָט מקיים געווען די מצוה פון 'כיבוד אב' מיט אַלע הידורים, און איז געזעסן טאָג און נאַכט ביים טאַטנ'ס בעט. זיינע מקורבים האָבן זיך אָבער געזאָרגט פאַר זיין געזונט, און האָבן פאַרגעשלאָגן זיך צו טוישן מיט איינעם פון זיינע תלמידים, וועלכער האָט מסכים געווען צו זיצן ביי זיין טאַטנ'ס בעט. צום סוף איז דער טאַטע נפטר געוואָרן ל"ע. האָט רבי ברוך ברוך געהאַט גרויס חלישות הדעת דערפון. ער האָט זיך אַליין באַשולדיגט אַז ער האָט זיך נישט גענוג אָפּגעגעבן מיט'ן טאַטן. אויב ער וואָלט איהם באַהאַנדלט נאָך בעסער, וואָלט ער אפשר געקענט פאַרלענגערן זיינע יאָרן אויף דער וועלט. צוליב דעם צער וואָס ער האָט געהאַט דערפון, איז דאָס לעבן פון רבי ברוך בער געווען אין אַ סכנה ל"ע.

אין אַ טאָג, איז רבי ברוך בער איינגעלאַדן געוואָרן צו אַן אסיפת הרבנים אין ווילנא, וואו איינער פון די ראשי המדברים איז געווען דער הייליגער 'חפץ חיים' זי"ע. דער 'חפץ חיים' האָט, ווי עס זעהט אויס, געהערט וועגן דאָס צובראָכענע האַרץ פון רבי ברוך בער, און ער האָט זיך פאַרשפּאַרט מיט איהם אין אַ זייטיגן צימער. דאָרט האָט ער זיך גענומען רעדן וועגן דעם ענין פון תשובה, אָנהאַלטנדיג דערביי די האַנט פון רבי ברוך בער, און ער האָט איבערגע'חזר'ט אין זיינע ווערטער מערערע מאָל, **אַז ווען אַ איד טוט תשובה, איז נישט נאָר ווערט דער חטא אינגאַנצן אָפּגעמעקט, נאָר דער גאַנצער מהות פון דעם מענטש ווערט איבערגעדרייט, ער ווערט אַן אַנדערער מענטש...** הערנדיג די ווערטער, איז רבי ברוך בער געוואָרן אַזוי פריילך, אַז ער האָט זיך גענומען שרייען: **'אַ נייער ברוך בער! אַ נייער ברוך בער!'**

לאַנגע יאָרן שפּעטער, האָט דער גאון רבי ברוך בער געפילט אַ הכרת הטוב פאַר דעם 'חפץ חיים', זאָגנדיג, אַז דער 'חפץ חיים' האָט ממש אַריינגעבלאָזן אין איהם אַ רוח החיים.

## מן הבאר

אא"ז הרה"ק רבי משה מרדכי מלעלוב זי"ע פלעגט מאַכן די ברכה 'שהחיינו', די צווייטע נאַכט ראש השנה ביי קידוש, אין זינען האָבנדיג דעם מילגרוים (וואָס ער האָט עס נישט געגעסן די ערשטע נאַכט פון יום טוב). איין יאָר, די צווייטע נאַכט ראש השנה פאַר'ן טיש (וואָס ער האָט געפירט אין דער לעלוב'ער שול אויף רחוב בהר"ן אין די מאה שערים געגנט פון ירושלים), איז זיין טאָכטער, רעביצין קאָפּ ע"ה, געקומען זאָגן אַז דער מילגרוים איז פול מיט ווערים, מ'וועט עס נישט קענען עסן, און קיין אַנדערע 'נייע פרי' פאַר אַ 'שהחיינו', איז נישט דאָ. האָט דער רבי געזאָגט (ער האָט נישט געמיינט צו זאָגן הלכה למעשה, נאָר צו לערנען דעם עולם וועגן זיך באַנייען מיט אַ 'התחדשות'):

- **נו, מה כל הרעש, איך וועל תשובה טוהן, וועל איך דאָך זיין ווי אַ ניי-געבוירן קינד, וועט מען קענען מאַכן אַ 'שהחיינו' אויפ'ן ניי-געבוירענעם יונגעלע...**

**שרייבט** דער 'שפת אמת' שרייבט א מורא'דיגע טייטש וועגן די גרויסקייט פון תשובה[יג] (נצבים תרל"ט, ד"ה 'בפסוק'), די אידן זענען דאך נכשל געווארן מיט'ן חטא העגל, דעריבער האט משה רבינו ע"ה געזאגט צו די אידן, 'אתם נצבים היום כולכם לפני ה' אלוקיכם', דווקא ענק און נישט איך, זענען זוכה צו אזא וואונדערליכע מדריגה, צו שטיין היינט 'לפני ה' אלוקיכם', ווייל 'במקום שבעלי תשובה עומדין, אין צדיקים גמורים יכולין לעמוד'! משה האט זיך ארויסגעצויגן פונעם כלל ווייל משה האט דאך נישט געזינדיגט ביים עגל.

**שרייבט** דער 'שפת אמת' ווייטער, אז דאס אלעם איז א הכנה פאר אונזערע נידעריגע דורות, אז מ'זאל וויסן דעם גרויסן כח פון תשובה.

**ענליך** שרייבט דער 'ש"ך על התורה' (פ' ואתחנן, ד"ה 'ובקשתם') אויפ'ן פסוק (שמות ד, ל) 'ושבת עד ה' אלוקיך' (א פסוק מיט'ן זעלבע לשון ווי דא, אין פרשת נצבים), אז די תורה קומט אונז לערנען, דו זאלסט נישט טראכטן אז וויבאלד דו ביזט פארשמירט געווארן מיט עבירות וועסטו שוין קיינמאל נישט קענען ווערן ריין, און דו וועסט נישט זיין אזוי באליבט פאר דעם אויבערשטען אזוי ווי דער צדיק וואס האט איהם קיינמאל נישט דערצערנט. אויף דעם זאגט דער פסוק 'עד ה' אלוקיך', דו קענסט דערגרייכן כביכול ביז אהין, דורך תשובה וועסטו זיך קענען אנקלעבן צו דיין מקור.

**ענליכע** ווערטער, האט געזאגט הרה"ק רבי מרדכי לעכעוויטשער זי"ע אויף דעם פסוק אין דער היינטיגער פרשה (ל, ט) 'כי ישוב ה' לשוש עליך לטוב כאשר שש על אבותיך', דער תכלית פון די בריאה איז איבערצודרייען שלעכטס צו גוט, און דאס ווערט אמבעסטן אויסגעפירט דורך די בעלי תשובה, וואס טוהען מיט זייער תשובה איבערדרייען דעם שלעכטן חלק צו גוט.

**דאס** איז די כוונה פון פסוק, 'לשוש עליך', דער אויבערשטער האט א שמחה פון יעדן איד וואס טוט תשובה מיט'ן גאנצן הארץ, ווייל דורך דעם ווערט דאס שלעכטע איבערגעדרייט צום גוטן. די דאזיגע שמחה איז 'כאשר שש על אבותיך' - פונקט אזוי ווי ער האט זיך געפרייט מיט די עבודה פון די אבות הקדושים וואס האבן אייביג געטוהן זיין רצון, און גורם געווען פאר איהם א נחת רוח!

**טוב ומטיב לכל - מבטל זיין שווערע גזירות דורך גמילות חסדים**

**אתם** נצבים היום כולכם לפני ה' אלוקיכם וגו', לעברך בברית ה' אלוקיך (נצבים כט, ט-יא).

**די** ספרים הקדושים רעדן ארום באריכות, צו טייטשן דעם פסוק בדרך רמז, לויט ווי עס שטייט אין זוהר הקדוש (ח"ב לב:) אז איבעראל וואו עס שטייט דאס ווארט 'היום', איז עס מרמז אויף ראש השנה. זאגט דער פסוק: 'אתם נצבים היום כולכם לפני ה' אלוקיכם'. אין ראש השנה, שטעלט איר זיך פאר דעם אויבערשטען. דאס איז דער טאג ווען אלע מענטשן פון דער וועלט גייען אדורך פאר דעם אויבערשטען, 'כבני מרון'. יעדער

---

**יג.** אויף דעם פסוק אין דער היינטיגער פרשה, נצבים (ל, ו) 'ומל ה' אלוקיך את לבבך ואת לבב זרעך', פרעגן די ספרים, די תורה איז דאך נצחיות, און אז דער פסוק רופט אויס צו יעדן איד, 'ומל ה' אלוקיך את לבבך', אויב אזוי, צו וועמען זאגט ער ווייטער 'ואת לבב זרעך'. די קינדער זענען דאך אויך אין כלל פון די צו וועמען די תורה זאגט 'את לבבך'.

זאגן די ספרים ('דברי יחזקאל' להרה"ק משינאווע, 'שפת אמת' שנת תרל"ה, 'ישמח ישראל', פ' נצבים, אות ט') אז דער פסוק קומט זאגן אז אויב מ'וועט תשובה טוהן און דער אויבערשטער וועט 'מל'ען' דיין הארץ, וועט ער שוין 'מל'ען' אויך דיינע קינדער'ס הערצער, אז אויך זיי זאלן דינען דעם אויבערשטען.

דער שינאווער רב זי"ע גיט-צו, אז '**בחודש אלול הוא העת המוכשר לזה**' - חודש אלול, איז די צייט געאייגענט דערפאר.

דאס קען דינען אלס א שטיקל 'עצה' פאר די עלטערן וועלכע האבן ליידער אזוי פיל צער און עגמת נפש ביים ערציען די קינדער אויפ'ן ערליכן אידישן וועג, און זיי קוקן ארויס און לעכצן נאך די ישועה פון באשעפער, אבער פון דעם לערנען מיר, **אז אויב די עלטערן וועלן זיך שטארקן, וועט ביי זיי מקוים ווערן אויך די הבטחה 'ומל ה' אלוקיך... ואת לבב זרעך'.**

ווערט געצײלט אין דעם טאָג. דער תכלית פון דעם טאָג איז, 'לעברך בברית ה' אלוקיך' -מ'זאָל אַרײנקומען אין אַ בונד מיט'ן באַשעפער, צו טוהן זײן רצון און איהם דינען מיט'ן גאַנצן האַרץ, אַזוי ווי די גמרא זאָגט (ר"ה טז.) 'אמרו לפני מלכיות כדי שתמליכוני עליכם'.

**גיט** אונז דער פסוק אַן עצה און אַ וועג ווי אַזוי מ'זאָל קענען 'אַריבערגײן' דעם ראש השנה אין אַלע הינזיכטן, סײ מיט אַ התרוממות הרוח, זוכה צו זײן צו נעמען אויף זיך דעם עול מלכות שמים, און אַזוי זוכה צו זײן ברין, לשנה טובה ומתוקה אין אַלע ענינים.

**אויף** דעם זאָגט דער פסוק: 'אתם נצבים היום כולכם' - דורך דעם וואָס איר וועט זיך האַלטן צוזאַמען ('כולכם'), מיט פאַראײניגטע הערצער, וועט איר זוכה זײן צו אַלע טובות און ישועות אויף דער וועלט[יד], ברוחניות ובגשמיות.

**חז"ל** זאָגן (מדרש משלי, יד) אויפ'ן פסוק (משלי כא, כא) 'רודף צדקה וחסד ימצא חיים צדקה וכבוד'. דער וואָס לויפט נאָך צדקה און חסד אויף דער וועלט, געפינט לעבן און צדקה און כבוד בײם יום הדין. (און כאָטש בפשטות, מײנט 'יום הדין' לעתיד לבוא, פונדעסטוועגן איז ראש השנה אויך אין דעם כלל פון 'יום הדין'...).

**מיר** זאָגן אין די תפילות פון די ימים נוראים, 'ותשובה, ותפלה, וצדקה, מעבירין את רוע הגזירה'.

**מורא'דיגע** ווערטער שרײבט דער 'לקט יושר' (הלכות ימי הסליחות, יב), אין נאָמען פון דער מהר"ם מינץ ז"ל, ווי אַזוי קען מען בטל מאַכן שווערע גזירות?

דורך די מצוה פון גמילות חסדים. דער פסוק זאָגט דאָך (משלי יט, יז) 'מלוה ה' חונן דן', און די גמרא זאָגט (ב"ב י.) אַז רבי יוחנן האָט געזאָגט, אַז ווען נישט וואָס עס שטײט אַזוי אין פסוק, וואָלט מען עס נישט געקענט זאָגן, 'כביכול, עבד לוה לאיש מלוה', אַז דער אויבערשטער ווערט אַזוי ווי אײנער וואָס באָרגט פונעם מענטש.

**מיר** האָבן אַ קיימא לן (חו"מ סי' יד, ס"א) אַז דער 'תובע' (וואָס מאָנט געלט בײ אַ צווייטן) דאַרף נאָכגײן נאָך דעם 'נתבע' (דאָס הייסט, ער מוז גײן האַלטן דעם דין תורה בײם בית דין צו וועלכן דער 'נתבע' וויל זיך שטעלן). פונדעסטוועגן, בײ אַ הלוואה, איז דער לוה (וואָס איז דער 'נתבע') מחויב צו גײן נאָך דעם 'תובע' - דעם מלוה. ממילא, אויב דער אויבערשטער כביכול איז אַזוי ווי אַ 'לוה', וואס באָרגט פון אײנעם וואָס טוט אַ חסד מיט'ן מלוה, קומט אויס אַז דער מענטש, וואָס איז דער 'מלוה', איז בכח צו באַשליסן פאַר וועלכן בית דין ער וויל זיך אַוועקשטעלן צום משפט. ממילא, קען ער טענה'ן אַז ער וויל שטײן פאַר מדת החסד און רחמים, און נישט פאַר מדת הדין.

**אַזוי** טײטשן די ספרים, די ווערטער וואָס מיר זאָגן בײם דאַווענען אין די ימים נוראים 'ויכון בחסד כסאך ותשב עליו באמת'. דורך דעם וואָס מ'טוט אַ גמילות חסד, איז מען בכח צו באַשליסן אויף וועלכע שטוהל דער אויבערשטער כביכול זאָל זיך זעצן אונז צו משפט'ן[טו].

**גאַר** גרויס איז דער שכר פון די גומלי חסדים בטל צו מאַכן אַ שלעכטע גזירה, ספּעציעל אויב מ'טוט אַ חסד מיט אַ פרעמדן מענטש וועמען מ'קען נישט,

---

**יד.** דער 'שפת אמת' זי"ע ברענגט (ר"ה תרנ"ד, ד"ה 'זכרנו'), אין נאָמען פון זײן זײדן, הרה"ק בעל 'חידושי הרי"ם' זי"ע, אַז ער האָט געזאָגט, אַז **ראש השנה דאַרף מען האָבן אַ גוט אויג, אַפילו אויף די גוים**. ער טײטשט עס בדרך רמז, אין די ווערטער פון דער גמרא (ר"ה כה.) רבינו הקדוש האָט געזאָגט צו רבי חייא: 'זיל **לעין טב** וקדשיה לירחא' (דער פשוט'ער טײטש איז, דו זאָלסט גײן צום אָרט וואָס הייסט 'עין טב', און דאָרט וועסטו קענען זעהן די לבנה און מקדש זײן דעם חודש). זאָגט דער 'חידושי הרי"ם', אַז דאָ איז מרומז אַז קידוש החודש, און **דאָס מקדש זײן דאָס יאָר, ווענדעט זיך אין אַ גוט אויג**.

דער 'שפת אמת' איז מוסיף, חז"ל זאָגן (סוטה ח:) **'במדה שאדם מודד, מודדין לו'**. ממילא, לויט דאָס גוטע אויג וואָס אידן האָבן אין ראש השנה, אַזוי ווערן זיי געזעהן פון דעם אויבערשטען, ווי דער פסוק זאָגט (משלי כב, ט) 'טוב עין הוא יבורך'.

**טו.** אַ יונגערמאַן וועלכער איז געווען אַ חסיד פון הרה"ק רבי שלמה'קע זוועהילער זי"ע, איז אַמאָל געווען במשך דעם גאַנצן טאָג ראש השנה בײם בעט פון זײנס אַ פרײנט וועלכער איז געווען נישט געזונט ל"ע, און ער איז געקומען אין שול נאָר צו די תקיעות. ווען רבי שלמה'קע האָט איהם געזעהן, האָט ער געזאָגט: **'דער איד איז אַ**

ווי עס שרייבט דער 'משך חכמה' (פ' אמור, ד"ה 'במדרש'), אַ טעם פאַרוואָס דער אויבערשטער האָט באַשטימט דעם יום הדין - ראש השנה - אין חודש תשרי, און נישט אין חודש ניסן וועלכע וואלט לכאורה געווען אסאך מער פאסיג, ווייל זומער זענען מענטשן פאַרנומען מיט די אַרבעט אויפ'ן פעלד. מ'שניידט די תבואה, מ'קלויבט די פרוכטן, און אַנדערע אַרבעטן. אָבער אין ווינטער, פאַרמערן זיי זכותים ווען זיי לערנען תורה און דינען דעם אויבערשטען. אויב אַזוי, וואָלט מען ענדערש געדאַרפט באַשטימען דעם יום הדין אין יום טוב פסח, אין חודש ניסן, ווייל דעמאָלט וועלן די אידן אַרויסגיין זכאי ביים דין, נאָך דעם ווי עס זענען אַריבער אויף זיי די 'ימות הגשמים', די ווינטערדיגע חדשים, מיט לימוד התורה, און די גוים זענען דעמאָלס פאַרנומען מיט תאוות עולם הזה.

**ענטפערט** דער 'משך חכמה', לויט ווי די גמרא דערציילט (ב"ב יא.) אַז בנימין הצדיק איז געווען דער ממונה אויף אַ פושקע פון צדקה. אין אַ הונגער יאָר איז אַמאָל געקומען אַ פרוי און איהם געבעטן ער זאָל איר געבן צו עסן. האָט בנימין הצדיק געשוואוירן אַז ס'איז נישט דאָ קיין געלט אין די צדקה פושקע. האָט די פרוי געזאָגט, 'רבי, אויב דו וועסט מיך נישט שפייזן, וועט אַ פרוי און אירע זיבן קינדער שטאַרבן חלילה'. האָט בנימין הצדיק איר אויסגעהאלטן פון זיין אייגענע טאַש.

**אַ** צייט שפעטער, איז בנימין הצדיק געוואָרן נישט געזונט ל"ע און ער האָט געהאַלטן ביים שטאַרבן רח"ל. האָבן די מלאכים אין הימל גע'טענה'ט צו דעם אויבערשטען: 'רבונו של עולם, דו האָסט געזאָגט, כל המקיים נפש אחת מישראל, כאילו קיים עולם מלא, און בנימין הצדיק האָט מחיה געווען אַ פרוי און אירע זיבן קינדער, זאָל ער שטאַרבן אין אַזאַ יונגען עלטער?!' האָט מען באַלד צעריסן דעם גזר הדין, און בנימין הצדיק האָט דערנאָך געלעבט נאָך 22 יאָר.

**ברענגט** דער 'משך חכמה', אַז ער האָט געהערט, אַז נישט אומזיסט איז ער גערופן געוואָרן 'בנימין הצדיק'. ער איז אַוודאי געווען פול מיט מצוות און מעשים טובים, און פונדעסטוועגן, ווען זיין לעבן איז געווען אין אַ סכנה, עס האָט זיך געענדיגט די קצבה פון זיין לעבן, איז כדי איהם צוצוגעבן לעבן לפנים משורת הדין, האָט מען געמוזט געפינען ביי איהם אַ זכות פון צדקה וחסד, וואָס ער האָט מחיה געווען די פרוי און אירע זיבן קינדער פון זיין אייגענער טאַש.

**לויט** דעם איז פאַרענטפערט די קשיא פאַרוואָס מ'האָט נישט באַשטימט דעם יום הדין נאָך די ווינטער חדשים. אויב דער משפט אין ראש השנה וואָלט געווען נאָר וועגן פרנסה און געזונט, וואָלט עס אַוודאי געהאָלפן פאַר די אידן דער זכות פון זייער לימוד התורה, אין קעגנזאַץ צו די גוים וואָס זענען באַשעפטיגט מיט נידעריגע תאוות, אָבער וויבאַלד אין ראש השנה איז דער משפט 'מי לחיים ומי ...', מוז מען האָבן דעם זכות פון צדקה וחסד לפנים משורת הדין, און אַזאַ זכות האָבן אידן דייקא נאָכ'ן זוממער, און נאָכ'ן קלויבן די פרוכטן פון די ביימער, ווען זיי לאָזן איבער לקט, שכחה, און פאה. אט דער זכות איז וויכטיג נאָך מער ווי תרומות און מעשרות, ווייל תרומה און מעשר גיט מען דאָך פאַר דעם כהן און פאַר דעם לוי, וועמען מ'קען, און ממילא האָט מען דערפון אַ טובת הנאה. אָבער לקט שכחה ופאה, וואָס דער בעה"ב לאָזט איבער אויפ'ן פעלד, און ער לייגט אַוועק פון זיין האָרעוואַניע פאַר יעדן איינעם

---

**בן עולם הבא** (כאָטש געוועונליך, האָט מען נישט געהערט פון איהם אַזעלכע ווערטער), **ווייל גמילות חסדים האָט אַ כח אַז מ'איז זוכה דורך דעם צו עולם הבא.**

קען מען צושטעלן צו דעם וואָס הרה"ק רבי יאַנקעלע פשעוואָרסקער זי"ע האָט געזאָגט אויף די גמרא (מגילה לב.) אַז דער מענטש וואָס מאַכט 'גלילה' אויף די ספר תורה, באַקומט שכר מער ווי אַלע. האָט רבי יאַנקעלע געזאָגט בדרך רמז ומליצה, **'יאָך זאָג פשט, אַז דער מענטש וואָס איז 'גולל', ער פאַרמאַכט זיין ספר, כדי צו גיין העלפן אַ צווייטן איד, באַקומט ער שכר קעגן אַלע...'.**

מורא'דיגע ווערטער, געפינען מיר אין 'מטה אפרים' ('אלף המגן', סי' תקפג סק"ד) אין נאָמען פון ספר 'אמרי קודש': דער וואָס איז מקפיד עס זאָל זיין ביי זיין טיש אַ גאַסט ביי יעדע סעודה, ווערט איהם גערעכנט גלייך אַזוי ווי ער וואָלט אין זינען געהאַט אַלע כוונות האריז"ל.

וואָס וועט זוכה זיין דערין, און עס איז אויך מעגליך אַז זיין שונא וועט נעמען דערפון, איז ער דורך דעם זוכה פאַרשריבן צו ווערן לחיים טובים ארוכים ולשלום, ווייל אין הימל קען מען נישט משפט'ן אויב ער איז ראוי צו לעבן אָדער חלילה נישט, ווייל מ'דאַרף זיך דאָך פירן מיט איהם מדה כנגד מדה, און ער האָט געגעבן פאַר די אָרימעלייט אויך פאַר דעם, וואָס האָט עס נישט פאַרדינט.

דער לימוד איז נוגע פאַר אונז אַלע, צו זיין אַ 'טוב ומטיב לכל', לרעים ולטובים.

דער מענטש זאָל נישט טראַכטן, אַז די מצוה פון צדקה איז געגעבן געוואָרן נאָר פאַר רייכע און פאַרמעגליכע, ווייל באמת קען מען מקיים זיין די מצוה פון חסד מיט'ן גוף[טז], און אדרבה, דאָס איז נאָך אַ גרעסערער זכות ווי די מצוה פון צדקה וואָס מ'גיט

---

**טז.** אין דעם כלל איז אויך צו זיין אַ 'וותרן', וואָס ס'איז נישט דאָ אַ גרעסערער גמילות חסד ווי דאָס.

די גמרא (ברכות יח.) דערציילט אַ מעשה, אַ חסיד האָט געגעבן אַ 'דינר' פאַר אַן אָרימאַן ערב ראש השנה אין אַ הונגער יאָר. זיין ווייב האָט זיך געקריגט מיט איהם וועגן דעם, און ער איז דעריבער געגאַנגען נעכטיגן אינעם בית הקברות, און דאָרט האָט ער געהערט צוויי 'רוחות' (נשמות) רעדן איינע צו די אַנדערע. האָט איינע געזאָגט צו די צווייטע, קום, לאָמיר אַרומפליען איבער דער וועלט, און מיר וועלן הערן 'מאחורי הפרגוד' וואס פאַר אַ פורענות עס קומט ח"ו אויף דער וועלט. האָט די צווייטע איר געענטפערט, איך קען עס נישט טוהן, ווייל איך בין באַגראָבן אין אַ 'מחצלת' פון שטעקעלעך. ענדערש זאָלסטו גיין, און וואָס דו וועסט הערן, זאָלסטו מיר איבערדערציילן. איז די אַנדערע נשמה אַרומגעפליגן און ווען זי איז צוריקגעקומען, האָט די ערשטע איר געפרעגט, וואָס האָסטו געהערט מאחורי הפרגוד? האָט זי געענטפערט, איך האָב געהערט אַז יעדער איינער וואָס וועט איינזייען ביי די ערשטע 'רביעה', וועט אַ האָגל אויסקלאַפּן די תבואה.

און אַזוי איז טאַקע געווען. יענע איד אינעם בית הקברות האָט טאַקע געוואַרטן און ער האט ערשט איינגעזייט אין די צווייטע 'רביעה', און די תבואה וואָס אַלע מענטשן פון דער וועלט האָבן איינגעזייט, איז קאַליע געוואָרן, אָבער זיין תבואה, איז נישט קאַליע געוואָרן.

דאָס קומענדיגע יאָר, האָט ער ווידעראַמאָל איבערגענעכטיגט אין אַ בית הקברות, און ער האָט געהערט ווי צוויי נשמות רעדן צווישן זיך. האָט איינע געזאָגט צו די צווייטע: קום און לאָמיר אַרומשוועבן איבער דער וועלט, און מיר וועלן הערן 'מאחורי הפרגוד' וואָס פאַר אַ שטראָף עס וועט קומען אויף דער וועלט. האָט די צווייטע ווידעראַמאָל געזאָגט צו איר, איך האָב דאָך דיר שוין געזאָגט, אַז איך קען נישט אַרומפליען, ווייל איך בין באַגראָבן געוואָרן צווישן שטעקעלעך, נאָר ענדערש זאָלסטו גיין, און וואָס דו וועסט הערן, זאָלסטו מיר קומען זאָגן. האָט זי ווידער אַרומגעשוועבט, און ווען זי איז צוריקגעקומען און די אַנדערע נשמה האָט זי געפרעגט וואָס זי האָט געהערט, האָט זי געענטפערט, איך האָב געהערט, אַז יעדער וואָס וועט איינזייען תבואה ביי די צווייטע 'רביעה', וועט זיין תבואה פאַרפלייצט ווערן. נו, שומע ועושה, ער האָט טאַקע איינגעזייעט ביי די ערשטע 'רביעה', און די תבואה פון דער גאַנצער וועלט (וועלכע האבן איינגעזייעט ביי די צווייטע) איז פאַרפלייצט געוואָרן, אָבער זיין תבואה איז נישט פאַרפלייצט געוואָרן.

**לאָמיר זיך מתבונן זיין,** דער דאָזיגער חסיד איז געוואָרן רייך, און האָט איבערגעשטיגן מיט זיין רייכטום אַלע עשירים פון דער וועלט, ווייל די תבואה פון דער גאַנצער וועלט איז חרוב געוואָרן, און נאָר זיין תבואה איז געווען ניי פון היי יאָר. און **צו דעם אַלעם האָט ער זוכה געווען ווייל ער האָט געגעבן צדקה, אַ דינר פאַר אַן אָרימאַן, און זיין פרוי איז געווען בייז אויף איהם.**

עס ווערט געברענגט (עיון יעקב', על העין יעקב), אַ טעם פאַרוואָס ער איז געגאַנגען שלאָפן דווקא אינעם בית הקברות, און נישט אין שול, ווייל **ער האָט נישט געוואָלט אַז ס'זאָל אַרויסגיין אַ שלעכטער נאָמען אויף זיין פרוי, אַז זי האָט איהם אַזוי באַ'עוול'ט ראש השנה ביינאַכט.** ממילא איז דאָ געווען פון זיין זייט, אַ **'וותרנות בתוך וותרנות'**, און נישט נאָר וואָס ער האָט געשוויגן און ער האָט איר נישט געענטפערט אויף דעם וואָס זי האָט איהם דערצערנט, נאָר ער האָט אויך חס געווען אויף איר כבוד, און אין דעם זכות האָט ער זוכה געווען צו ווערן דער גרעסטער עושר אין דער וועלט.

## מן הבאר

הגה"צ רבי חיים ברים זצ"ל האָט געזאָגט, די ברכה וואָס דער אויבערשטער האָט געגעבן פאַר אברהם אבינו ע"ה (בראשית יב, ג) 'ואברכה מברכיך', איז דאָך נישט געזאָגט געוואָרן נאָר צו אברהם, נאָר אין דעם איז נכלל אַ ברכה פאַר אַלע זיינע קינדער עד סוף כל הדורות, אַז יעדער וואָס בענטשט אַ איד, איז זוכה געבענטשט צו ווערן פון דעם אויבערשטען. ממילא, **אויב אַ מענטש ווינטשט מיט אַ לעכטיג פנים פאַר זיין חבר ראש השנה ביינאַכט, די ברכה 'לשנה טובה תכתב ותחתם לאלתר לחיים טובים ולשלום', טוט דער אויבערשטער אין דער זעלבער צייט אויך בענטשן דעם מענטש מיט אַ 'שנה טובה'... וואָס מער אַ איד בענטשט אַנדערע אידן, ווערט ער אַלץ מער געבענטשט פון דעם אויבערשטען, און ווער וויל דען נישט זוכה זיין צו אַ ברכה פון דעם אויבערשטען ראש השנה ביינאַכט...**

איין יאָר ראש השנה, איז הרה"ק רבי ישכר בער זי"ע פון ראַדאשיץ, אַריינגעקומען גאָר שפּעט צו די תקיעות. ווען ער איז אַריינגעקומען אין שול, האָט ער דערציילט אַ מעשה, וואָס האָט פּאַסירט ביי זיין רבי'ן, דער הייליגער רבי פון לובלין זי"ע, אַז ער האָט זיך אַמאָל אויפגעהאַלטן אַ לאַנגע צייט ביז ער איז אַריינגעקומען צו תקיעת שופר, ווייל ער האָט זיך באַטראַכט אַלס נישט ראוי צוצוגיין בלאָזן. ער האָט נאָכגעזוכט אין זיינע מעשים, צו טרעפן אַ זכות פאַר זיך ווען ער גייט מקיים זיין די מצוות היום, ביז ער האָט נאָך אַ לאַנגע צייט זיך דערמאַנט אַ גוטע זאַך וואָס ער האָט געטוהן. ער האָט זיך געשטאַרקט, און דאַן זיך גענומען צו די עבודת הקודש. ער האָט דערציילט ווי פאָלגענד:

דער לובלינער זי"ע האָט זיך אַמאָל אָפּגעשמועסט מיט זיין משמש בקודש, אויפצושטיין פרי כדי עוסק צו זיין אין מקיים זיין אַ געוויסע מצוה. יענע נאַכט, האָט אָבער דער משמש פאַרגעסן צוצוגרייטן ביים בעט פון רבי'ן, וואַסער זיך צו וואַשן 'נעגל וואַסער'. אינדעפרי, ווען די רבי האָט געזעהן אַז ער קען נישט שטעלן זיין פוס אויף דער ערד, האָט ער בלית ברירה צוגעוואַרט ביז דער משמש וועט קומען, אָבער דער משמש איז נישט אַריינגעקומען. דאָס האָט גורם געווען גרויס צער פאַר'ן רבי'ן פון לובלין, אַז צוליב די אומפאַראַנטוואָרטליכקייט פון דעם משמש, וועט ער דאַרפן אָפּליגן דעם קיום המצוה. ער האָט שוין אַפילו אָפּגעמאַכט ביי זיך, אַז ווען דער משמש וועט אָנקומען, וועט ער איהם גוט אויס'מוסר'ן, אָבער דערנאָך האָט דער לובלינער זיך באַרעכנט, פאַרוואָס זאָל ער זיך בייזערן? די גאַנצע איילעניש איז דאָך נאָר געווען כדי מקיים צו זיין אַ מצוה און טוהן אַ נחת רוח פאַר דעם אויבערשטען ברוך הוא. און אָט האָט ער יעצט געזעהן אַז **דעם אויבערשטען'ס רצון איז אַז ער זאָל נישט גיין טוהן די מצוה יעצט**, ממילא, וואָס האָט ער זיך צו בייזערן? ער האָט אַלזאָ באַשלאָסן איינצוהאַלטן דעם כעס, און אויפנעמען דעם משמש בסבר פנים יפות.

אַזוי האָט דער לובלינער טאַקע געטוהן. ווען דער משמש איז ענדליך אָנגעקומען, האָט דער רבי פון לובלין איינגעהאַלטן זיין כעס מיט איבערנאַטורליכע כוחות, און ער האָט איהם אויפגענומען גאָר שיין, בסבר פנים יפות. ווען ער האָט זיך דערמאַנט אין דער דאָזיגער מעשה, איז ער אַריינגעקומען צו תקיעת שופר.

**כאָטש מיר האָבן נישט אַפילו די מינדעסטע השגה אין דער גרויסקייט און הייליגקייט פון רבי'ן פון לובלין זי"ע, איז דאָס אַ לימוד פאַר אונז, אַז די עיקר גדלות פון אַ מענטש איז ווען ער האַלט זיך צוריק פון אַ כעס...**

און אָט איז אַ מורא'דיגע מעשה, וואָס עס האָט דערציילט אַ יונגערמאַן פון אונזער חבורה, אַז עטליכע יאָר פלאָגט ער זיך שוין זייער שטאַרק מיט פּרנסה, און בלית ברירה האָט ער געמוזט באָרגן געלט פון מענטשן, ביז ער איז פאַרזינקען געוואָרן 'ראשו ורובו' אין דעם 'עולם הגלגולים'... טאָג-טעגליך, באַלד נאָכ'ן אויפשטיין אינדערפרי, נאָכ'ן זאָגן 'מודה אני' און זיך וואַשן די הענט, פלעגט ער טעלעפאָנירן צו די באַנק, כדי אויסצוגעפינען וויפיל געלט מ'דאַרף דעקן דעם היינטיגן טאָג... זיין מצב איז שוין דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ער פלעגט שטיין לאַנגע שעה'ן אין דער באַנק נעבן דעם 'עי טי עם' מאַשין צו "כאַפּן" מענטשן וואָס נעמען אַרויס געלט פון דער מאַשין, און בעטן פון זיי אַ הלוואה, כאָטש אויף איין טאָג... ס'איז 'לא יאומן כי יסופר' דאָס גרויסע דחקות וואָס ער האָט געליטן, און ס'איז ליידער מקוים געוואָרן ביי איהם 'בהידור', די ווערטער פון חז"ל וועגן אַן אָרימאַן, אַז זיין לעבן איז קיין לעבן נישט...

געלט פאַר דעם אָרימאַן, ווי די גמרא זאָגט (סוכה מט:) אַז מיט דריי זאַכן איז גמילות חסדים גרעסער ווי צדקה. ביי צדקה, גיט מען געלט, אָבער גמילות חסדים, טוט מען סיי מיט'ן גוף, סיי מיט'ן געלט. צדקה איז נאָר פאַר אָרימעלייט, אָבער גמילות חסדים, טוט מען סיי פאַר די אָרימעלייט, און סיי פאַר די רייכע לייט. צדקה איז נאָר פאַר די לעבעדיגע, און גמילות חסד, איז סיי פאַר די לעבעדיגע, און סיי פאַר די טויטע".

---

עטליכע טעג פאַר יום כיפור תשפ"א, האָט דער יונגערמאַן געהערט וועגן די סגולה צו מאַכן 'פתיחת הארון' ביי נעילה, אַז עס עפנט אַלע פאַרמאַכטע טויערן, און האָט באַקומען גרויס השתוקקות מקיים צו זיין די דאָזיגע מצוה פון פתיחת הארון. די 'מצוה' קאָסט אָבער זייער טייער אין רוב בתי מדרשים, און נאָר די רייכערע אידן קענען זיך דאָס ערלויבן... איינער ווי ער, קען קיינמאָל נישט צוקומען דערצו... ער האָט אָבער געהערט אַז אין אַ געוויסע שול פאַרקויפט מען נישט דעם זכות פון פתיחת הארון, ווייל ס'זענען דאָרטן דאָ ווייניג מתפללים, און קיינער 'זוכט' נישט די דאָזיגע סגולה. אדרבה, אָפט מאָל גיט מען עס אַוועק אַפילו פאַר יונגע קינדער. איז ער תיכף ומיד אַריבערגעגאַנגען צום הויפט 'גבאי' פון יענע שול, און איהם געבעטן ער זאָל איהם געבן 'פתיחת הארון'. דער גבאי פון דער שול, האָט גערן איהם אַוועקגעשאָנקען דעם זכות, און ער האָט 'געקויפט' אַ זיץ אין יענע שול אויף יום כיפור.

ווען עס איז אָנגעקומען די צייט פון תפילת נעילה, איז ער געווען גרייט צוצוגיין צו 'פתיחת הארון'. ער איז געווען פול מיט איבעראַשונג, אַז אָט-אָט וועט זיין מזל זיך טוישן צום גוטן, און ער וועט אַרויפקומען 'מבירא עמיקתא לאיגרא רמא'... צו זיין אַנטוישונג, האָט ער אָבער באַמערקט אַז איינע פון די מתפללים איז צוגעגאַנגען צום 'גבאי שני', און געבעטן ער זאָל איהם צולאָזן צו 'פתיחת הארון'. דער צווייטער גבאי האָט איינגעשטימט, און איז צוגעגאַנגען צום הויפט גבאי, וועלכער האָט איהם אָבער געזאָגט, אַז לײדער, האָט ער עס שוין אַוועקגעגעבן פאַר דעם אַנדערן... יענער האָט אָבער געפאָדערט פתיחה פאַר זיך, מיט דער טענה, אַז ער איז דאָ אַ מתפלל קבוע, און דער צווייטער (אונזער יונגערמאַן) איז נאָר אַ גאַסט... אַלזאָ, ס'איז איהם געוואָרן 'פינצטער אין די אויגן', ווייל ער האָט דאָך אַזוי שטאַרק אַרויסגעקוקט אויף פתיחת הארון, און ער איז פאַר דעם צוועק אַפילו געגאַנגען דאַוונען אַהין, כאָטש ער איז נישט געוואוינט צו יענע שול, און בעיקר, ווייל מ'האָט דאָך איהם צוגעזאָגט... ער האָט זיך אָבער דערמאָנט וואָס צדיקים האָבן געזאָגט, אַז **פון אַ וותרנות קען מען נישט שאָדן האָבן... האָט ער באַלד מודיע געווען, אַז ער איז מוותר אויף זיין זכות, אַבי ס'זאָל נישט זיין מחלוקת ביי אידן.**

דער יונגערמאַן האָט אויסגעפירט: מיר האַלטן שוין ביים סוף פונעם יאָר, און דאָס רעדל האָט זיך איבערגעדרייט בחסדי השם, **אַלעס האָט אָנגעהויבן גיין 'מעלה מעלה'**. נישט נאָר ענדיג איך דעם חודש בכבוד, נאָר איך האָב שוין אַפילו באַוויזן אַריינצולייגן געלט אין פאַרשידענע גמילות חסדים קאַסעס...

פון די מעשה לערנען מיר, אַז איינער וואָס איז אַ רודף צדקה, וואָס אין דעם כלל איז אויך איינער וואָס איז מוותר פאַר אַ צווייטן, 'ימצא חיים צדקה וכבוד'. און **אויב פתיחת הארון ביי נעילה איז אַ גוטע סגולה, איז דאָך אַוודאי אַ וואונדערליכע 'סגולה' נישט צו מאַכן אַ 'פתיחה' פאַר אַ מחלוקת... ישמע חכם וילמד לקח, יעדער איינער, אויף זיין אופן.**

**יז.** מיר האָבן געהערט אַ מעשה נורא פון איינע פון די צדיקי הדור שליט"א, אַז ער האָט געהערט פון הרה"ח ר' הערשל האָפערט, וואָס ער האָט געהערט די מעשה פונעם בעל העובדא אליינס. וכה היה מעשה: אין דער ביטערער תקופה פון דער צווייטער וועלט מלחמה, ווען דייטשע אַרמיי עראָפּלאַנען האָבן באָמבאַרדירט די שטאָט לאָנדאָן, זענען פילע טויזנטער מענטשן אַנטלאָפן פון דער בריטישער הויפטשטאָט, צו דער דרום-זייט פון ענגלאַנד. אויך דער שאָצער רבי, הרה"ק רבי שלום מאָסקאָוויטש זי"ע, איז אַנטלאָפן פון לאָנדאָן, און איז אָנגעקומען אין גײטסהעד.

דער שאָצער רבי האָט זיך געפירט צו האָבן שטענדיג געסט סמוכים על שולחנו. אין יענע שווערע מלחמה צייטן האָט געהערשט אַ מאַנגל אין עסן. מ'האָט געקענט באַקומען פיש און פלייש נאָר מיט ספעציעלע 'וואַוטשערס', און אויך דאַן, האָט מען געטיילט נאָר קליינע פאָרציעס. מעהל, צוויבל און קאַרטאָפל איז יאָ געווען בריווח, און דאָס איז געווען דער הויפט-מאכל פון די פליטים אין יענע שווערע צייטן. במשך פון דער וואָך, פלעגט מען איינטינקען ברויט אין קאַרטאָפל-זופּ, און נאָר אויף שבת האָט מען געקאָכט לכבוד סעודת שבת קודש, וואַסער

מיט אַביסל פלייש דערין, וואָס מ'האָט עס אָנגערופן 'זופ'. אויף דער סעודה פון שבת בייטאָג, פלעגט מען אַריינלייגן אַביסל פלייש אין די קאַרטאָפל, וואָס מ'האָט אָנגערופן 'טשאָלענט'...

ראש השנה תש"ה, איז געווען מאָנטאָג און דינסטאָג, און לכבוד דעם לעצטן שבת פון יאָר תש"ד, האָט דער איינציגער 'בעקער' אין געטיסהעד, געבאַקן חלות אַזוי ווי געוועגליך, אָבער לכבוד יום טוב, ראש השנה, האָט ער ערשט געבאַקן חלות מוצאי שבת, ביז 4 אַזייגער פאַרטאָגס, און דערנאָך איז ער געגאַנגען זאָגן די סליחות 'זכור ברית'. אין לויף פונעם טאָג, ערב ראש השנה, האָט דער בעקער געפאַסט, אַזוי ווי ער האָט זיך געפירט צו פאַסטן יעדעס יאָר ערב ראש השנה, און צוליב דעם, האָט ער במשך'ן טאָג נישט געבאַקן חלות, אַזוי אַז ס'איז נישט געווען גענוג חלות פאַר אַלע אידן אין שטאָט, אויף ביידע טעג ראש השנה.

די ערשטע נאַכט ראש השנה נאָך די סעודה, האָט דער משמש געלאָזט וויסן פאַר'ן שאָצער רבי'ן, אַז אויף דער סעודה פון ערשטן טאָג ראש השנה, איז נאָך דאָ אַ 'כזית' חלה פאַר אַלע אָנוועזנדע ביי זיין טיש, וואָס איז באַשטאַנען פון בערך 30 נפשות בלע"ה, אָבער אויף דער צווייטער נאַכט יום טוב - שוין אָפגערעדט פון דעם צווייטן טאָג ראש השנה - איז נישט דאָ אַפילו איין כזית כזית צו עסן לכבוד יום טוב. דאָס אַלעס דערפאַר ווייל דער בעקער האָט נישט געוואָלט מוותר זיין אויפ'ן זאָגן די סליחות פון 'זכור ברית', און נאָך געהויבענע ענינים וואָס ער האָט זיך געפירט צו טוהן יעדעס יאָר ערב ראש השנה. (אַנדערע יאָרן, פלעגט ער באַקן די חלות פאַר ערב ראש השנה, אָבער וויבאַלד יענער יאָר תש"ה, איז דאָך שבת געווען דער טאָג פאַר ערב ראש השנה, האָט ער נישט געבאַקן גענוג חלות לכבוד יום טוב).

צומאָרגנס, דעם ערשטן טאָג ראש השנה אינדערפרי, איז דער שאָצער רבי אויפגעשטאַנען 4 אַזייגער פאַרטאָגס, און געגאַנגען זיך טובל'ען אין מקוה. אויפ'ן וועג, איז איהם אַנטקעגן געקומען דער בעקער. האָט דער שאָצער רבי איהם געזאָגט:

**- אָט בין איך אויפ'ן וועג צו דיר אַהיים** (נאָכ'ן זיך טובל'ען אין מקוה)**, ווייל איך וויל דיר זאָגן: יעצט איז פיר אַזייגער פאַרטאָגס. ביי אונזער מנין, וועט מען בלאָזן שופר אי"ה 12 אַזייגער, אַזוי אַז דו האָסט נאָך אַכט שעה צייט ביז די תקיעות... גיי, אַלזאָ, צו דער בעקעריי, און זעה אָפצובאַקן גענוג חלות פאַר אַלע אידן אין שטאָט, ווייל דו ביזט פטור פון זאָגן תהלים, און תפילת שחרית קענסטו דאַווענען ווען די חלות באַקן זיך. דו זאָלסט קומען אין בית המדרש אַריין צו תקיעת שופר, און אויב דו וועסט אָנקומען אין שול נאָך 12 אַזייגער, וועל איך וואַרטן אויף דיר מיט די תקיעות...**

האָט דער בעקער, אַ דערציטערטער, געזאָגט צום שאָצער רבי'ן:

- היינט איז דער יום הדין, 'היום יעמיד במשפט כל יצורי עולמים'. איך בין אויפגעשטאַנען פרי כדי אויסצוזאָגן גאַנץ תהלים פאַר'ן דאַווענען. ווי אַזוי קען איך יעצט גיין אין דער בעקעריי, און זיך אָפּגעבן מיט אַזעלכע 'גשמיות'דיגע' ענינים?!...

האָט דער שאָצער רב געזאָגט צו דעם בעקער:

**- זאָרגט נישט, איך וועל זאָגן תהלים אנשטאט דיר...**

האָט דער בעקער ווייטער גע'טענה'ט: 'אָבער וואָס וועל איך טוהן מיט'ן זאָגן 'לא-ל עורך דין', און די אַנדערע פיוטים?...'. האָט דער שאָצער רב איהם געזאָגט, אַז אויך די פיוטים, וועט ער זאָגן אנשטאט איהם... האָט דער בעקער געפרעגט דעם שאָצער רב, אויב אין הימל וועט ער זיך אויך וועלן בייטן מיט איהם, אַז עס זאָל דאָרט גערעכנט ווערן גלייך ווי ער (דער בעקער) איז געשטאַנען אין שול און געדאַווענט אַ גאַנצן טאָג ראש השנה, דער 'יום הדין הגדול והנורא', און דער רבי איז געשטאַנען און געבאַקן חלות... האָט דער שאָצער רב איהם געענטפערט:

**- אַוודאי בין איך מסכים דערצו. אָבער אויב דו ביזט אויך מסכים דערצו, זעה איך אַז דו ביזט בכלל נישט קיין 'סוחר'...**

מיט זיין הייליגן מח, האָט דער שאָצער רב פאַרשטאַנען אַז ס'איז נישט פאַרהאַן אַ גרעסערער זכות אין ראש השנה, ווי צו באַקן חלות פאַר אידן, און זאָרגן אַז אידישע קינדער זאָלן האָבן וואָס צו עסן. (אַוודאי דאַרף יעדער איינער פון אונז זיך משתדל זיין אויסצושטעלן זיין סדר היום צו קענען זיך געפינען אין די הייליגע טעג אין שול און מתפלל זיין ערליך צו דעם אויבערשטען, אָבער וויבאַלד דער בעקער האָט נישט געזעהן דערצו אַז עס זאָלן זיין גענוג חלות פאַר אידן אין יום טוב, איז ער אַוודאי געווען מחויב צו באַקן חלות פאַר זיי, אנשטאט דאַווענען ראש השנה אין שול).

### ועד אחרית שנה - דאָס חשיבות פון לעצטן טאָג פונעם יאָר

**ערב** ראש השנה, דער לעצטער טאָג פונעם יאָר איז גאָר טייער און חשוב. צדיקים האָבן געזאָגט (געברענגט אין ספר 'ליקוטי הרי"ם', ערב ר"ה), אויף די ווערטער פון די גמרא (ר"ה ב:) 'יום אחד בשנה חשוב שנה'. דער דאָזיגער דין איז געזאָגט געוואָרן לגבי ציילן די יאָרן צו דערמאנען די נעמען פון די קעניגן אין די שטרות וואָס מ'שרייבט. דאָס הייסט, אויב איינער איז באַשטימט געוואָרן אַלס קעניג, אַפילו אין לעצטן טאג פון יאָר, הייבט זיך אָן דער צווייטער טאָג פונעם מאָרגנדיגן טאָג.

**דאָס** זעלבע לגבי באַשטימען דעם אויבערשטען - מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא - אַלס אַ קעניג אויף זיך, איז דער וואָס איז מקבל עול מלכות שמים אויף זיך אין דעם טאָג, ווערט איהם גערעכנט ווי דאָס גאַנצע יאָר איז אויף איהם אַריבער מיט אַ קבלת עול מלכות שמים[יח].

**אויך** אין די לעצטע מינוטן פונעם יאָר[יט], קען מען זיך אָפּרייסן פונעם יצר הרע, אַפילו אין איין רגע, אַזוי ווי דער רמב"ם ז"ל שרייבט (הל' תשובה פ"ב, ה"ב) 'ומה הוא התשובה, הוא שיעזוב החוטא חטאו ויסורו

### מן הבאר

עס ווערט געברענגט אין קונטרס 'מועדי רגל', ביים סוף פון ספר 'נפש יוסף' (ג:), אַז ער האָט געזעהן געשריבן פון דעם מקובל האלוקי, החסיד כמוהר"ד שרירו זצוק"ל (און עס ווערט אויך אַראָפּגעברענגט אין ספר 'מועד לכל חי', פון הגאון רבי חיים פאלאג'י זצ"ל), **אַז ערב ראש השנה זאָל מען לייענען פרשת כי תבא, פון אָנהייב פרשה ביז 'והגר אשר בקרבך'** (פון פסוק א', ביז פסוק י"א). **און אויף יעדער וואָס לייענט עס, טוט דער אויבערשטער אַרויסגעבן אַ 'כרוז' און ער רופט אויס, "איך האָב איינגעמאָנט פון דעם מענטש אַלע חובות, און איך בין מוחל אַלע זיינע עבירות"**. און מ'זאָל ענדיגן לייענען די פסוקים כל זמן ס'איז נאך לעכטיג אינדרויסן. ס'איז באַקאַנט אַז עס זענען דאָ זיבן הימלען, און **דער אויבערשטער נעמט די נשמה פון דעם מענטש ממש, און ער איז עס מקריב, און ער זאָגט, 'ער איז טהור, און איך האָב איינגעמאָנט אַלע זיינע חובות, דאָפּלט ווי זיינע חטאים'**. (ס'איז כדי נאכצוקוקן דאָרט, וואו ער ברענגט אַ תפילה וואָס מ'זאָל זאָגן נאָך דעם ווי מ'טוט די דאָזיגע סגולה, און אַז דערנאָך וועט דער אויבערשטער זאָגן צו זיין נשמה, 'ושמחת בכל הטוב אשר נתן לך ה' אלוקיך'.)

**יח.** לויט ווי עס ווערט דאָרט געברענגט, האָט דער 'חידושי הרי"ם' דאָס געזאָגט צו אַ חסיד ערב ראש השנה פאַרנאַכטס, צולייגנדיג: חז"ל זאָגן (פסחים ד.) 'מקצת היום ככולו'. ממילא קומט אויס, **אַז אפילו אויב מ'נעמט אויף זיך דעם עול מלכות שמים ביים סוף פון לעצטן טאָג פונעם יאָר, ווערט עס אויך גערעכנט ווי מען האָט געהאַט אַ גאַנץ יאָר אויף זיך דעם עול מלכות שמים.**

**יט.** אַזוי האָט געזאָגט הרה"ק מהר"ש מבעלזא זי"ע, אויף די ברכה אין 'שמונה עשרה' וואָס מיר בעטן ביי מנחה ערב ראש השנה, 'ברך עלינו ה' אלוקינו את השנה הזאת', כאָטש מ'האַלט שוין דעמאָלס אין די לעצטע מינוטן פון יאָר, ווייל מיר ווייסן דאָך אַז **'ישועת ה' כהרף עין', און אין אַ רגע כמימרא, קען למפרע זיך אַרויסשטעלן, אַז דער גאַנצער פאַרלאָפענער יאָר איז געווען לטובה.**

דער אמת איז אָבער, אַז 'קושיא מעיקרא ליתא'. ס'איז בכלל נישט קיין קשיא, ווי איינער פון די גדולי ירושלים פלעגט דערציילן, אַז ס'איז געווען אַמאָל אַ איד וואָס ס'איז איהם אַלע זיינע יאָרן שווער געווען, פאַרוואָס דאַרף מען מתפלל זיין ערב ראש השנה, ווען דאָס יאָר האָט זיך שוין כמעט געענדיגט, אַז דער אויבערשטער זאָל בענטשן דאָס יאָר - **'את השנה הזאת'**, ביז איין יאָר, ערב ראש השנה פאַרנאַכטס, נאָכ'ן דאַווענען מנחה, האָט מען איהם געמאָלדן פון אויסלאַנד, וואו ער האָט גרויסע געשעפטן אין אַמעריקע, אַז אַלע זיינע געשעפטן זענען געגאַנגען צוגרונד ל"ע. דאַן האָט ער גוט פאַרשטאַנען דעם באַדייט פון דעם וואָס מיר בעטן אויך אין די געציילטע שעה'ן און מינוטן פונעם יאָר, אַז עס זאָל נישט פאָרקומען דעמאָלס אַ מכשול ח"ו, און אַלעס זאָל צוגיין כשורה.

ענליך האָט געזאָגט הרה"ק בעל 'אמרי חיים' זי"ע, אין נאָמען פון זיין פאָטער, הרה"ק בעל 'אהבת ישראל' זי"ע, אַז וועגן דעם בעט מען **'ברך עלינו את השנה הזאת'**, כדי צו ווייזן אַז אָן דער הילף פונעם באַשעפער, זענען מיר

ממחשבתו, ויגמור בלבו שלא יעשהו עוד'. וואס מיינט תשובה? תשובה מיינט, דער וואס האט געטוהן אן עבירה, זאל עס אפלאזן און אפטוהן, און ער זאל אננעמען ביי זיך אין הארץ אז ער וועט מער נישט זינדיגן מיט דעם חטא.

**דער** 'טור' (או"ח, הל' ר"ה, סי' תקפא) שרייבט, אז אין די מדינות פון אשכנז, פירן זיך אלע אידן צו פאסטן ערב ראש השנה?.

**דער** גאון בעל 'נודע ביהודה' זצ"ל זאגט, אין זיין ספר 'דרושי הצל"ח' (דרוש א, אות ו-ח) אויפ'ן פסוק (דברים כג, יב) 'והיה לפנות ערב ירחץ במים, וכבוא השמש יבוא אל תוך המחנה'. דער מענטש וואס איז געפאנגען געווארן אין דער נעץ פונעם יצר, און איז חלילה נכשל געווארן צו זעהן וואס מ'טאר נישט זעהן רח"ל, ווערט ער געווארן אזוי ווי א בלינדער מענטש רח"ל. דאס זעלבע איינער וואס הערט ווערטער וואס מ'טאר נישט הערן, איז ער אזוי ווי איינער וואס איז טויב רח"ל.

**ווי** אזוי קען אזא איינער זיך דערנענטערן צו דעם אויבערשטען? דער פסוק זאגט דאך (ויקרא כא, יח) 'כי כל איש אשר בו מום לא יקרב, איש עור או פסח', און איינער וואס האט געזינדיגט, איז דאך א בעל מום.

**ברענגט** דער צל"ח, די ווערטער פונעם 'כלבו' [און אזוי זאגט אויך דער זוהר הקדוש, (ח"ג, ערה.)] אז אין יום הדין, ווען דער שטן וויל מקטרג זיין חלילה אויף אידישע קינדער, זאגט איהם דער אויבערשטער, ער זאל ברענגען באגלייבטע עדות וואס זאלן עדות זאגן פאר זיין קיטרוג. גייט דער שטן צו די זון און צו די לבנה, און ער בעט זיי, צו קומען זאגן עדות פאר'ן

---

נישט בכוח צו טוהן אויף דער וועלט אפילו א ריר מיט'ן פינגער, און מיר נויטיגן זיך יעדע רגע אין סייעתא דשמיא, און צו א 'ברכת השנים'.

הרה"ק רבי שלום שכנא זי"ע פון פראהבישט (פאטער פון הייליגן רוזינער זי"ע) האט אמאל ביי תפילת מנחה ערב ראש השנה [וואס ס'איז באקאנט פון די מקובלים ("בן איש חי", פ' נצבים) שרייבן אז **מ'דארף גאר שטארק מכוון זיין ביים תפילת מנחה ערב ראש השנה, וואס איז די לעצטע תפילה פון פארלאפענעם יאר, און דורך די תפילה, קען מען מעלה זיין אלע תפילות וואס מ'האט נישט געהעריג געדאווענט במשך פונעם יאר**] אין בית המדרש פון זיין עלטער-שווער, הרה"ק רבי נחום טשערנאבילער זי"ע, געשפירט א בחינה פון "קטנות המוחין", און ער האט נישט געקענט מכוון זיין ביים דאווענען. ער איז אבער נישט געפאלן ביי זיך, און ער האט זיך מיט אלע כוחות אנגעשטרענגט צו זאגן "פירוש המילות" כפשוטן. נאכ'ן דאווענען, האט דער זיידע, הרה"ק בעל "מאור עינים" זי"ע, איהם געזאגט:

- **זאג מיר נאר, וועלכע כוונות האסטו אין זינען געהאט היינט ביי מנחה? טויזנטער, טויזנטער נשמות האבן דאך געהאט א תיקון דורך דיין תפילה...**

**כ.** אין מדרש רבי תנחומא ווערט געברענגט א משל: א לאנד איז שולדיג געווען שטייערן פאר דעם קעניג, וואס זיי האבן נישט באצאלט. איז דער קעניג געקומען מיט א גרויסע ארמיי כדי איינצומאנען די שטייערן פון די מענטשן אין יענעם לאנד. ווען ער האט אנגעהויבן קומען נאנט, זענען די וויכטיגע מיניסטארן פונעם לאנד אנטקעגן געקומען דעם קעניג, און איהם געזאגט: 'אדוני המלך, מיר האבן נישט וואס דיר צו געבן', האט ער זיי מוחל געווען אויף א דריטל פונעם געלט.

ווען ער איז אנגעקומען נענטער צו יענעם לאנד, זענען די מיטלמעסיגע מענטשן פון שטאט אנטקעגן געקומען דעם קעניג כדי איהם איבערצובעטן, און ער האט פאר זיי מוותר געווען אויפ'ן צווייטן דריטל. ווען ער איז אנגעקומען גאר נאנט, זענען אלע מענטשן פון די שטאט איהם אנטקעגן געגאנגען, און ער האט זיי מוותר געווען דעם גאנצן חוב פון די שטייערן.

דאס זעלבע, דער גרויסער קעניג איז דער מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא, און די מענטשן פון לאנד, זענען די מענטשן וואס זינדיגן נעבעך במשך פונעם יאר. ערב ראש השנה, פאסטן די גרויסע לייט, און דער אויבערשטער איז מוותר פאר זיי אויף א דריטל פון די חטאים. אין די עשרת ימי תשובה, פאסטן די בינונים, און דער אויבערשטער איז פאר זיי מוותר צוויי דריטל פונעם חוב. יום כיפור, פאסטן שוין אלע אידן, און דער אויבערשטער איז דעמאלס מוחל אלע זייערע חטאים.

קומט אויס, אז ערב ראש השנה, איז א חלק פון די כפרה פון אידישע קינדער.

בית דין של מעלה איבער דער ריכטיגקייט פון זיינע ווערטער. די זון הערט זיינע ווערטער, און זי קומט עדות זאָגן פאַר'ן בית דין של מעלה, אָבער די לבנה וויל נישט רעדן שלעכטס אויף אידישע קינדער, דעריבער באַהאַלט זי זיך יענעם טאָג, און אויף דעם זאָגט דער פסוק (תהלים פא, ד) 'בכסה ליום חגינו'. אַזוי אַרום, בלייבט די זון איינער אַליין, אַלס אַן עד, און מיר ווייסן דאָך אז אַ 'עד אחד' איז דאָך פסול לעדות, עכ"ד הכלבו.

**איז** דער צל"ח מוסיף אויף די ווערטער פונעם 'כלבו', די גמרא זאָגט (קידושין סו:) אַז כאָטש איין עד איז נישט באַגלייבט, איז דאָס אָבער נאָר ביי אַנדערע עדות'שאַפטן, אָבער ווען אַ מום, אַ פעלער אינעם אייגענעם גוף, איז ער יאָ באַגלייבט, צו זאָגן אַז ער האָט אַזאַ פעלער. און לויט ווי דערמאנט פריער אַז דורכ'ן חטא ווערט דער מענטש ווי אַ בלינדער אָדער טויבער מענטש ח"ו, קען דאָך דער שטן יאָ מקטרג זיין ח"ו מיט די זון אַלס 'עד אחד'. איז די עצה דערצו, 'והיה לפנות ערב' - ווען דאָס יאָר האַלט ביים אַוועקגיין און עס פאַנגט זיך אָן אַ ניי יאָר. 'ירחץ במים' - זאָל דער מענטש זיך גוט אויסוויינען און אָפוואַשן זיין נשמה מיט טרערן, און אַזוי וועט ער אויסרייניגן זיין נפש רוח ונשמה פון יעדן פגם, און ממילא, וועלן זיך אָפּטוהן אַלע מומין פון זיין גוף. 'וכבוא השמש' - און ווען די זון וועט קומען עדות זאָגן אויף די ווערטער פונעם שטן רח"ל קעגן אידישע קינדער, וועט מען נישט אָננעמען איר הגדת עדות, ווייל זי איז דאָך נאָר אַן 'עד אחד'. 'יבוא אל תוך המחנה' - אידישע קינדער וועלן זוכה זיין אַריינצוקומען אין מחנה שכינה, און זיי וועלן אַרויסגיין זכאי בדין אין ראש השנה, אמן.

בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

פרשת נצבים תשפ"ה | ראש השנה תשפ"ו | גליון 811 [שנה י"ז]

**ווען איז דער אויבערשטער דַן א מענטש אין ר"ה?**

אַתֶּם נִצָּבִים הַיּוֹם כֻּלְּכֶם לִפְנֵי ה' אֱלֹקֵיכֶם רָאשֵׁיכֶם שִׁבְטֵיכֶם זִקְנֵיכֶם וְשֹׁטְרֵיכֶם כֹּל אִישׁ יִשְׂרָאֵל: טַפְּכֶם נְשֵׁיכֶם וגו' לְעָבְרְךָ בִּבְרִית ה' אֱלֹקֶיךָ: (כט ט–י"א) פרעגן אלע אז עס שטייט אַתֶּם נִצָּבִים הַיּוֹם כֻּלְּכֶם, מיינט דאס אז אלע שטייען, פארוואס דארף די תורה אויסרעכענען רָאשֵׁיכֶם שִׁבְטֵיכֶם זִקְנֵיכֶם וְשֹׁטְרֵיכֶם טַפְּכֶם נְשֵׁיכֶם וְגֵרְךָ? אויך פארוואס פירט אויס די פסוק נאכאמאל כֹּל אִישׁ יִשְׂרָאֵל? נאר מען קען דאס מסביר זיין לויט וואס עס שטייט (מס' ר"ה) בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה, כָּל בָּאֵי הָעוֹלָם עוֹבְרִין לְפָנָיו כִּבְנֵי מָרוֹן, שֶׁנֶּאֱמַר (תהלים לג, טו) "הַיֹּצֵר יַחַד לִבָּם הַמֵּבִין אֶל כָּל מַעֲשֵׂיהֶם". אלע גייען דורך ווי שאף, זאגט די גמ' (ר"ה י"ח ע"א) **וכולן נסקרין בסקירה אחת,** דער אויבערשטער גיט איין בליק אויף די גאנצע וועלט און נאכדעם קוקט ער אריין ביי יעדער איינער באזונדער, פרעגן אלע אויב דער אויבערשטער קוקט שוין בסקירה אחת, פארוואס דארף יעדער איינער דורכגיין נאכאמאל באזונדער? נאר עס שטייט פון הייליגן אריז"ל אז ווען עס קומט צו א מענטש פלוצלונג אין ר"ה א התעוררות צו תשובה טאהן און ער הויבט אן וויינען, זאל ער וויסן אז מען איז אים יעצט דַן, און ער זאל תשובה טאן באמת, וועט דער אויבערשטער אים דן זיין לויט יעצט נאכן תשובה ע"כ, און דאס איז א גרויסער חסד פון אויבערשטן צו מעורר זיין א מענטש צו תשובה, דאס מיינט, אפילו דער אויבערשטער איז דַן בסקירה אחת, אבער ער טוט א חסד און איז דַן יעדער איינעם באזונדער און גיט אים א התעוררות צו תשובה טאן אז זייער דין זאל ארויסגיין לטוב, לויט דעם איז גוט אונזערע פסוקים, ווייל הַיּוֹם מיינט ר"ה כידוע, אַתֶּם נִצָּבִים הַיּוֹם כֻּלְּכֶם לִפְנֵי ה' אֱלֹקֵיכֶם, דער אויבערשטער איז דַן די גאנצע וועלט בסקירה אחת, אבער ער טוט אויך א חסד אז רָאשֵׁיכֶם שִׁבְטֵיכֶם זִקְנֵיכֶם וְשֹׁטְרֵיכֶם טַפְּכֶם נְשֵׁיכֶם, אלע ווערן אויך געמשפט יעדער איינער באזונדער כדי זיי זאלן נתעורר ווערן צו תשובה טאהן, דעריבער שטייט נאכאמאל כֹּל אִישׁ יִשְׂרָאֵל, און דער פסוק פירט אויס פארוואס טוט דאס דער אויבערשטער? ווייל לְעָבְרְךָ בִּבְרִית ה' אֱלֹקֶיךָ, כדי מען זאל אריינגיין אין ברית פון אויבערשטן און תשובה טאהן, און אזוי ארויסגיין זכאי בדין. (משאת משה הגה"ק ר' שלום משה אונגאר מנייטרא)

**קוק נישט וואס די רשעים זענען מצליח**

כִּי אַתֶּם יְדַעְתֶּם אֵת אֲשֶׁר יָשַׁבְנוּ בְּאֶרֶץ מִצְרָיִם וגו' וַתִּרְאוּ אֶת שִׁקּוּצֵיהֶם וְאֵת גִּלֻּלֵיהֶם עֵץ וָאֶבֶן כֶּסֶף וְזָהָב אֲשֶׁר עִמָּהֶם: וגו' פֶּן יֵשׁ בָּכֶם שֹׁרֶשׁ פֹּרֶה רֹאשׁ וְלַעֲנָה: וְהָיָה בְּשָׁמְעוֹ אֶת דִּבְרֵי הָאָלָה הַזֹּאת וְהִתְבָּרֵךְ בִּלְבָבוֹ לֵאמֹר שָׁלוֹם יִהְיֶה לִּי כִּי בִּשְׁרִרוּת לִבִּי אֵלֵךְ וגו' לֹא יֹאבֶה ה' סְלֹחַ לוֹ: (כט טו–יט) צו פארשטיין די פסוקים, איז לויט וואס מען איז מפרש ביי לוט וואס שטייט (בראשית י"ג ט–יא) וַיִּשָּׂא לוֹט אֶת עֵינָיו וַיַּרְא אֶת כָּל כִּכַּר הַיַּרְדֵּן כִּי כֻלָּהּ מַשְׁקֶה לִפְנֵי שַׁחֵת ה' אֶת סְדֹם וְאֶת עֲמֹרָה כְּגַן ה' כְּאֶרֶץ מִצְרַיִם וגו' וַיִּסַּע לוֹט מִקֶּדֶם וַיִּפָּרְדוּ אִישׁ מֵעַל אָחִיו: זאגט רש"י פון מדרש, לוט האט זיך אפגעקערט פון אויבערשטן און געזאגט אִי אֶפְשִׁי לֹא בְּאַבְרָם וְלֹא בֵּאלֹקָיו פארוואס האט ער זיך אפגעקערט פון אויבערשטן? ווייל וַיַּרְא אֶת כָּל כִּכַּר הַיַּרְדֵּן, לוט האט געזען כְּגַן ה' כְּאֶרֶץ מִצְרַיִם, דארט וואו מען זינדיגט, און זיי האבן כל טוב, און זענען מצליח, און אברהם דער צדיק האט געדארפט גיין בעטן נדבות, דעריבער איז לוט אוועקגעגאנגען פון אויבערשטן, דאס שטייט דא, דער אויבערשטער זאגט כִּי אַתֶּם יְדַעְתֶּם אֵת אֲשֶׁר יָשַׁבְנוּ בְּאֶרֶץ מִצְרָיִם וגו' וַתִּרְאוּ אֶת שִׁקּוּצֵיהֶם וְאֵת גִּלֻּלֵיהֶם עֵץ וָאֶבֶן, אפילו זיי האבן געזינדיגט האבן זיי געהאט אסאך כֶּסֶף וְזָהָב: איז אויב יֵשׁ בָּכֶם שֹׁרֶשׁ פֹּרֶה רֹאשׁ וְלַעֲנָה: און איר וועט טראכטן שָׁלוֹם יִהְיֶה לִּי כִּי בִּשְׁרִרוּת לִבִּי אֵלֵךְ, חלילה זאלסטו אזוי טראכטן, ווייל די תורה זאגט לֹא יֹאבֶה ה' סְלֹחַ לוֹ, ווייל דאס וואס די רשעים האבן כל טוב, איז אזוי ווי דוד המלך שרייבט (תהלים צב ח) בִּפְרֹחַ רְשָׁעִים כְּמוֹ עֵשֶׂב וַיָּצִיצוּ כָּל פֹּעֲלֵי אָוֶן לְהִשָּׁמְדָם עֲדֵי עַד. זיי צו פארניכטן שפעטער, אבער צַדִּיק כַּתָּמָר יִפְרָח כְּאֶרֶז בַּלְּבָנוֹן יִשְׂגֶּה: דער צדיק וועט האבן א לעכטיגן עולם הבא. (מגד ירחים ח"א מהמגיד מישרים ר' פייש פישמאן מפרעשבורג)

**טוט מצות כדי דיינע קינדער זאלן האבן א זכות**

הַעִדֹתִי בָכֶם הַיּוֹם אֶת הַשָּׁמַיִם וְאֶת הָאָרֶץ הַחַיִּים וְהַמָּוֶת נָתַתִּי לְפָנֶיךָ הַבְּרָכָה וְהַקְּלָלָה וּבָחַרְתָּ בַּחַיִּים לְמַעַן תִּחְיֶה אַתָּה וְזַרְעֶךָ: (ל יט) שטייט אין מדרש (ויקרא פל"ו ג) אויפן פסוק וְזָכַרְתִּי אֶת בְּרִיתִי יַעֲקוֹב **דער וואס טוט א מצוה און זוכט צו האבן שכר פון דעם גלייך, איז ער א רשע ווייל ער לאזט נישט איבער קיין זכותים פאר זיינע קינדער, און אויב די הייליגע אבות וואלטן געבעטן שכר פון וואו וואלטן מיר געהאט זכות אבות אזוי ווי** עס שטייט "וְזָכַרְתִּי אֶת בְּרִיתִי יַעֲקוֹב" זעהט מען אז מען זאל נישט טאהן א מצוה כדי צו באקומען יעצט שכר, נאר טאהן נישט צו מקבל זיין שכר און אזוי וועסטו איבערלאזן די זכותים פאר דיינע קינדער, און בְּרָכָה מיינט טאהן מצות כדי צו מקבל זיין שכר בעולם הזה, און חַיִּים מיינט טאן כדי זוכה זיין צו חַיִּים הנצחים, דאס שטייט אין פסוק אז דער אויבערשטער גיט דיר א בחירה ווי אזוי צו טאהן דיינע מצות, דעריבער וּבָחַרְתָּ בַּחַיִּים, קלייב אויס דער וועג פון חיים הנצחים, און טו די מצות נישט צו מקבל זיין שכר אויף דער וועלט, ממילא לְמַעַן תִּחְיֶה אַתָּה וְזַרְעֶךָ וועט זיין אז סיי דו און סיי דיינע קינדער וועלן לעבן אין דעם זכות. (אמרי שפר הגאון רבי שלמה קלוגער)

**הילולא קדישא מרן אור ישראל מסטאלין זצוק"ל ב' דר"ה תרפ"ב**

דעם צווייטן טאג ראש השנה איז די יום הילולא פון הרה"צ ר' ישראל מסטאלין זיע"א בן הרה"ק ר' אשר זצוק"ל, בן הרה"ק ר' אהרן מקארלין דעם בית אהרן זיע"א אין קארלין סטאלין מען רופט אים דער פראנקפורטער, ווייל זיין מקום מנוחה איז אין שטאט פראנקפורט, די וועלט רופט אים די ינוקא. ער איז געבוירן י' כסלו שנת תרכ"ט. ער איז געווען זייער א באהאלטענער אז די וועלט האט אים בכלל נישט פארשטאנען אבער זיינע חסידים און צדיקים בכלל, האבן געוואוסט זיין גדלות סיי אין תורה און סיי אין עבודת השם און זיינע אפענע אויגן. און ווען זיין הייליגער טאטע איז נסתלק געווארן ט"ו אב תרל"ג איז ער געווען 4 מיט א האלב יאר, די זקני החסידים האבן אים געקרוינט אליך ממשיך פון דעם הייליגן קייט פון אדמור"י סטאלין קארלין. זיין זון ר' יוחנן מסטאלין זצוק"ל האט געזאגט אז דער טאטע איז קיינמאל נישט געווען א קינד, הרה"ח ר' מענדל צייליגנאלד ז"ל - פון מלינוב, אליק, א"י -האט דערציילט אז ווען דער פראנקפורטער איז געווען מיט זיין הייליגן טאטן הרה"ק ר' אשר זצ"ל אין מלינוב ביים ערשטן יארצייט דעם הייליגן בית אהרן טו"ב סיון -תרל"ג- רופט זיך אן דער פרנקפורטער ז"ל וואס איז געווען 4 יאר אלט "אט שטייט דא דער זיידאלע", האט דער יונגער רבי געזאגט: "שא שא רעד נישט".

**געדענקט פשט אין זוהר**

ווען דער פרנקפורטער איז שוין געווארן עלטער איז נאך געווען א איד וואס האט געהאט ספיקות אין אים. האט ער געהאט א שווערן זוהר האט ער מחליט געווען ער וועט פרעגן דער רבי ז"ל פשט אין זוהר, ווען ער קומט און פרעגט, שרייט אים אן דער רבי ז"ל: האסט א פארשטאפטער קאפ, האסט שוין געפרעגט דעם זיידן ווען ער האט אונז געהאלטן און אזוי האט ער דיר געענטפערט פשט, דער איד האט איבער געבעטן דעם רבי ז"לאון איז געווארן א חסיד. [דער רבי איז געווען אלט וויינגער פון 2 מיט א האלב יאר.!!!!] ער האט געזאגט אז דער וועלט ווייסט נישט ווער זענען אונזערע קינדער וועלן מיר זיי דערציילן, און ער האט געהאט 6 זין און 4 איידעמער צדיקים, און דער הייליגער חדר ציט זיך נאך היינט מיט חשובע חסידים וואס גייען בדרכו מיט אמונה פשוטה, אזוי ווי דער הייליגער בית אהרן האט געזאגט א חסיד דארף זאגן "מיין רבי איז דער קלענסטער רבי אבער פאר מיר איז ער גענוג גרויס", אויך האט ער געזאגט א חסיד איז "איך בין א נער און איך גלייב" זיע"א.

## *מדור העובדות*

******** דער הייליגער רבי מאיר מפרימישלאן זצוק"ל איז מכיר טובה דער זון פון א איד וואס האט אים געראטעוועט********

דער הייליגער צדיק רבי מאיר מפרימישלאן זצוק"ל (נפטר געווארן כ"ט באייר תר"י), איז געבוירען געווארן שנת תקמ"ג צו זיין הייליגן טאטן רבי אהרן אריה לייב, דער זון פון רבי מאיר הגדול מפרמישלאן. אין די יונגערע יארן פאר ער איז געווארן רבי פלעגט ער ארום פארן אין די שטעט און געגעבן דרשות און אזוי געשאפט געלט פאר צדקה, אין פלעצער האט ער געהאט שטארקע רדיפות ווייל ער האט געזאגט מוסר און זייער חסרונות און מען האט דאס נישט ליב געהאט, שפעטער האט ער שוין אויפגעהערט דאס צו טאן, נאר ער האט געוויזן ליבשאפט צו יעדן און אדרבה ער האט אזוי באקומען זייער אסאך חסידים.

ער פלעגט ארום פארן צו זיינע חסידים און וואו ער איז געגאנגען האט מען אים מקבל פנים געווען מיט גרויס כבוד און אים אנקעגן געקומען, רב מאיר'ל האט געהאט א מנהג אז וואו ער איז געפארן איז ער געווען דער בעל קורא שבת ביים ליינען, און נאכן דאווענען זענען געקומען די אידן וואס האבן נישט אנגיאגט צו געבן שלום ערב שבת זענען יעצט געקומען נעמען שלום, דער רבי האט גערעדט אווארט צוויי צו יעדן.

איינמאל איז דער רבי אנגעקומען אין דעם שטאט סְנִיאַטִין ערב שבת און די חשובי העיר זענען אים געקומען מקבל פנים זיין און מען האט צוגעשטעלט א שיינע אכסניא פארן רבין, אזוי ווי זיין שטייגער האט ער געגעבן שלום נאכן דאווענען שבת אינדערפרי, און א גרויסער עולם האט געווארט אים צו געבן שלום, איינער פון די מענטשן ווען ער האט געגעבן שלום, האט ער געזאגט פארן רבין אז ער איז ר' בערל'ס זון און דער רבי דארף אים געדענקען, האט דער רבי געזאגט אוודאי געדענק איך דיר! און דער רבי האט געזאגט אז נאכן געבן שלום פאר אלעמען וועט ער דערציילן וואס איז געשען מיט אים און זיין טאטן ר' בערל, דער עולם איז געווען נייגעריג צו הערן וואס איז געשען און מען איז געבליבן ביז דער רבי האט געענדיגט געבן שלום פאר די אלע אידן.

ר' מאיר'ל פאנגט אן און דערציילט: מיט יארן צוריק האט מאיר'ל געזאגט מוסר פאר די מענטשן און מגלה געווען אסאך סודות פאר די מענטשן, און דאס האט גורם געווען אז מען האט מיר געוואלט פארטרייבן פון די שטעט, האט מאיר'ל געטראכט ער וועט פארן קיין מאלדאבע ווייל דארטן זענען געווען אסאך גבירים און דארטן זאגן דרשות, אויפן וועג קיין מאלדאבע איז געווארן ערב שבת און מאיר'ל האט נישט געוואלט בלייבן אין מיטן וואלד, בין איך געווען נאנט צום שטאט סְנִיאַטִין און געפלאנט צו זיין דארטן שבת, נישט צו זאגן קיין דרשות און נאך שבת ווייטער צו פארן קיין מאלדאבע.

איך האב געזוכט א אכסניא און ר' בערל האט מיר אריין גענומען מיט גרויס כבוד און געגעבן א באזונדערע צימער, אזוי ווי מאיר'ל פלעגט זיך פירן צו מעביר סדרא זיין פרייטיג, האט מאיר'ל אזוי געטאן אין זיין צימער, ווען די טיר עפענט זיך און צווי חסידישע יונגעלייט האבן מיר באזידלט אז מאיר'ל איז א נידעריגער מענטש, אבער מאיר'ל האט זיי נישט געענטפערט, זענען זיי געווארן ווילד און אין כעס און האבן מיר געוואלט שלאגן, ווען פלוצלונג איז אריין ר' בערל אין צימער און זיי זענען אנטלאפן און מיר אפגעלאזט.

איז מאיר'ל ארויסגעגאנגען קוקן אויב עס איז נאך צייט צו גיין צו א נאנטע שטאט, אבער די צייט איז שוין געווען שפעט און מאיר'ל וואלט נישט אנגיאגט און איז געבליבן אין סניאטין, דערווייל די צוויי יונגעלייט האבן באקומען זייער עונש, איין יונגערמאן האט באקומען שטעכעניש אין זיין גאנצע גוף און געהאט שטארקע יסורין, און דער צווייטער איז זיין ווייב געווארן א מקשה לילד, און די דאקטוירים האבן זיך מייאש געווען פון איר, זיין שווער האט זיך דערוואוסט וואס זיין איידעם האט געטאן צו מאיר'ל און האט אים געזאגט אז ער ווייסט דעם אמת און ער מוז שוין גיין איבערבעטן מאיר'ל, און ער איז געקומען איבערבעטן, און מאיר'ל האט אים מוחל געווען און געזאגט אז יעצט איז געבוירן א בן זכר, און זיין ווייב איז ב"ה געזונט, ווי נאר דער יונגערמאן שטייט ביי מאיר'ל איז אנגעקומען דעם צווייטן יונגערמאן און געוויינט פון זיינע יסורין, און האט אויך איבערגעבעטן מאיר'ל, און מאיר'ל האט אים מוחל געווען, מאיר'ל האט זיי געגעבן מוסר און זיי האבן זיך מכניע געווען און שפעטער געווארן מאיר'לס גרויסע חסידים.

האט ר' מאיר אויסגעפירט צום עולם אין זכות פון דעם איד'ס טאטע ר' בערל בין איך געראטעוועט געווארן פון די צוויי ווילדע יונגעלייט און ווער ווייסט וואס זיי וואלטן געטאן ווען נישט דער אויבערשטער האט געהיטן מאיר'ל, און דער איד'ס טאטע ר' בערל איז געווען א גוטער שליח, מוז איך האבן הכרת הטוב צו זיין זון, און דער עולם האט געשלונגען די ווערטער מיט דארשט, זעהענדיג די גדלות פון זייער רבין, זיע"א. (ספר עטרת זקנים בילגורייא תרע"א)

*הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" מרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן*

שארית ישראל ווילעדניק דפוס ראשון $3600 סעט שו"ע זיטאמיר חסר או"ח ח"ג $3000 טור אבן העזר וחו"מ סלאוויטא $600 ירושלמי דפוס זיטאמיר מצב מפואר כריכת עור מעיר סאטמאר לפני המלחמה נייר לבן, חסר קצת מהשער של זרעים $3500 שו"ע חו"מ ב' כרכים סלאוויטא ר' משה $6000 ספר אמרי יהודה מהגה"ק מסעקלעהיד עם ב' חתימות ארוכות מהגאון ר' יחיאל מיכל הכהן פריעד בעל תורת יפה בנו של הגאון רב נתנאל בעל פני מבין $2500 מהר"ם שיק עם חתימת וחותמת הגאון ר' אליעזר צוקער מבערגסאז עם ב' הגהות ממנו $3000 ספר מטה ב' חתימות ארוכות מהגאון ר' יחיאל מיכל הכהן פריעד בעל תורת יפה עם הגה $2500 18 גמרות זיטאמיר ריגאל עם הג' בבות יבמות גיטין ועוד רובם מצבים מצויינים $35000 מאור ושמש דפוס ראשון ח"א $5000 נ"ך זיטאמיר ח"ג $400 נ"ך זיטאמיר ח"ד $400 מכתב הגאון ר' יונתן שטייף תש"א מבקש מר' יעקב רוזנהיים להצילו $1800 זוהר סלאוויטא תקפ"ז מצב יפה $26000 תקוני זוהר סלאוויטא ר' משה $8500 קדושת יו"ט דפו"ר שייך לבעל חלקת יהושע $1200, ספר שיטה מקובצת עם הקדשת הגאון ר' אברהם קאלמנאוויטש $800 מגן אבות קאפוסט דפוס ראשון שבעה חלקים $1500 חומש תורה תמימה ד' חלקים הקדשות ארוכות של האדמו"ר בעל אמונת אברהם מפיטסבורג זצוק"ל $1800 חיי אדם זיטאמיר $800 אדמו"י מלכות בית טשערנאביל $500 ספר מהר"ם שיק עם הקדשת הקרן לדוד $2800 ספר צדקת יוסף עם הקדשת הרבי מפיטטסבורג הר"ר מרדכי זצ"ל $500 ספר עם חתימת הגאון בעל חמדת שלמה והרה"ק ר' יעקב אדמו"ר מיעזוב בן הרה"ק מטשעבנאוו $5000 - 4403 - 16 Ave Brooklyn, **NY 11204 USA ~ 718 -**

**438 - 8414 ~ 718 - 633 - 5500 Hours are 12 -7:30 Fri 11-1:30, To receive the pardes: pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday. check out our website** ***www.seforimworld.com. WE sell old USA coins and supplies albums coin holders also silver coins for Pideon Haben***

מיר ווינטשן אלע א כתיבה וחתימה טובה, בעזה"י נאך צום גדליה וועלן מיר פארקויפן די ד' מינים



# געבוירן און א מזל

צווישן די הייליגע צדיקים וואס כלל ישראל האט פארמאגט איז געווען דער הייליגער אבן עזרא.

דער הייליגער אבן עזרא האט געלעבט אין די צייטן פון דעם הייליגן רמב"ם און טראץ זיין גרויסע חכמה איז ער געווען א זעלטענער שלימזל. וואו ער האט נאר צוגערירט מיט די פינגער האט ער אייביג דערלייגט.

דער אבן עזרא האט אליין באוויינט זיין גורל. ער פלעגט צו זאגן אז אויב וועט ער האנדלען מיט ליכט וועט די זון נישט אונטערגיין. אויב ער וועט זיין א תכריכים נייער וועט קיין איינער נישט שטארבן אין זיין שטאט.

דער הייליגער אבן עזרא איז געווען א שטארקער מקורב למלכות. זיין חכמה האט גע'שמ'ט איבעראל און די מלכים פלעגן זיך באנוצן מיט אים צו הערן פון אים דברי חכמה און זיך דורכצורעדן מיט אים איבער אלע וועלטליכע חכמות.

כל ימיו האט ער געוואנדערט פון איין ארט צום אנדערן און וואו נאר ער איז אנגעקומען פלעגן אים די ארטיגע מלכים איינלאדענען צו זיי אין פאלאץ צו געניסן פון זיין חכמה און צדקות.

האט זיך געמאכט אז זייענדיג אין איין שטאט האט אים דער מלך געלאזט רופן און נאכ'ן שמועסן מיט אים א לענגערע צייט האט דער קעניג אויסגעדרוקט פאר'ן אבן עזרא זיין וואונדער ווי אזוי קען זיין אז אזא קלוגער מענטש ווי אים זאל זיין אזא ארעמאן.

דער אבן עזרא האט אים געענטפערט זיין אייביגער ענטפער אז ער איז געבוירן געווארן אן קיין מזל אבער דער קעניג האט עס נישט אנגענומען, ער האט באשלאסן אז קעגן זיין רצון גייט ער אים רייך מאכן.

נאכ'ן דורכטראכטן מערערע פאטענטן איז דער קעניג אויפגעקומען מיט א בליציגער בייפאל. ער האט באפוילן זיינע באדינער אז מען זאל נאכקוקן דער וועג וואס דער אבן עזרא נוצט טאג טעגליך אהיים פון די פאלאץ צו זיין שטוב און אויפ'ן וועג אויסלייגן א זעקל גאלדענע מטבעות.

די וועכטער זאלן זיכער מאכן אז קיין איינער געפונט זיך נישט דעמאלטס אין גאס און אויך אז דער אבן עזרא זעהט זיי נישט. אזוי וועט ער אהיימגיין אויפ'ן וועג און טרעפן א גרויסער אוצר און רייך ווערן.

יענער נאכמיטאג האבן די באדינער איינגעפאקט א גרויסער טאש מיט געלט. נאכדעם וואס מען האט אויסגעליידיגט די גאסן ארום פון מענטשן האט מען אראפגעלייגט די געלט אויפ'ן ערדווארטנדיג צו זעהן ווי דער אבן עזרא גייט דא אריבערגיין.

אלעס האט געקלאפט. צו דער באשטימטער צייט האט דער אבן עזרא אהיימשפאצירט צו זיך אין שטוב און איז אריבער דעם גאס ווען די וועכטער שטייען זייטיג ווארטנדיג

פארזעצונג אויף זייט 8

צו זעהן ווי אזוי דער זאך גייט זיך אויסקאכן.

אין די באשטימטע צייט איז דער אבן עזרא אריבער יענעם ארט, אבער א רגע איידער ער איז אריבער דעם ארט האט ער פלוצלונג, אן קיין שום ערקלערונג פארמאכט זיינע אויגן. נאר נאכדעם וואס ער איז אריבער דעם ארט האט ער געעפענט די אויגן און אזוי ארום האט ער פארפאסט דעם אוצר.

דער קעניג איז געווען אויסער זיך הערנדיג ווי אזוי דער זאך האט זיך אויסגעקאכט און נישט קענענדיג באהאלטן זיין איבערראשונג האט ער גערופן דעם אבן עזרא.

דער קעניג האט אים דערציילט אלעס וואס האט זיך דא אפגעשפילט בעטנדיג ער זאל אים געבן א הסבר פארוואס פונקט דא האט ער צוגעמאכט זיינע אויגן.

"ווען איך האב אזוי שפאצירט אין גאס איז מיר איינגעפאלן אז עס קען זיין אז איין טאג וועל איך בלינד ווערן אויף מיינע אויגן. איך האב געוואלט זען צי איך געדענק גוט די וועג, האב איך זיך געמאכט א פראבע און צוגעמאכט מיינע אויגן".

דער קעניג האט איינגעזען אז דער אבן עזרא איז גערעכט אבער דער אבן עזרא זעענדיג אז דער קעניג קען נישט פארשטיין ווי אזוי עס קען זיין אז אזא קלוגער מענטש ווי אים זאל נישט האבן קיין געלט, האט געבעטן דער קעניג זאל אים געבן איין טאג, ער וועט אים ענטפערן.

צומארגענס האט דער אבן עזרא געבארגט פון איינעם רייכע קליידער און זיך ארויסגעלאזט אויף די גאסן פון די שטאט פארשטעלט אלץ א רייכער מאן.

שפאצירט ער זיך געמיטליך צווישן די רייכע געשעפטן און אט גייט ער אריבער א געשעפט וואו מען פארקויפט טייערע דיאמאנטן און פערלשטיינער. דער אבן עזרא איז אריין אין איר זאגענדיג פאר דער געשעפטסמאן אז ער וויל אפקויפן פון אים א טייערער שטיין, ער זאל אים ווייזן זיינע סחורה.

דער סוחר האט ארויסגעברענגט פון אינעווייניג א טייערע שטיין און עס געוויזן פאר דעם אבן עזרא. דער אבן עזרא באטראכט עס א לאנגער צייט, ער זעהט אז די שטיין איז באמת שיין און טייער, אבער אנשטאט ער זאל עס אפגעבן פאר'ן סוחר, האט ער עס אריינגעפאקט צו זיך אין טאש און אנגעהויבן ארויסמארשירן פון געשעפט.

"העי וואו גייסטו מיט מיין שטיין?". איז דער פארקויפער געווארן בייז.

ער האט אנגעהויבן נאכלויפן דעם אבן עזרא פאדערנדיג ער זאל אים אפגעבן די שטיין אבער דער אבן עזרא האט צוריקגע'טענה'ט צו אים.

"די שטיין איז מיינער. איך בין געקומען צו דיר אין געשעפט ווייל איך האב עס דיר געוואלט פארקויפן. יעצט טענה'סטו אז דאס איז דיינס, עס איז מיינס, דו דרייסט אויס די מעשה".

דער פארקויפער האט זיך נישט געלאזט. ער האט אנגעהויבן ביטערליך צו פארפירן. עס איז געווארן א טומל אין שטאט און מענטשן האבן זיך אנגעהויבן צוזאמענלויפן צוזעענדיג ווי די צוויי פארשוינען טענה'ן זיך, איינער זאגט דער שטיין איז מיינס, דער צווייטער טענה'ט חי וקים דער שטיין איז מיינס.

זעענדיג אז די קריגעריי ענדיגט זיך נישט האט דער אבן עזרא פארגעשלאגן מען זאל אריבערגיין צום קעניג, זאל ער משפט'ן ווער איז גערעכט, צו וועמען געהער די שטיין.

ביידע האבן זיך געשטעלט פאר'ן קעניג. דער קעניג האט נישט דערקענט דעם אבן עזרא ווייל ער איז געווען פארשטעלט ווי א רייכער מאן. ביידע האבן אראפגעלייגט זייערע טענות בעטנדיג אז דער קעניג זאל ארויסגעבן זיין פסק צו וועמען געהער די שטיין.

דער קעניג איז אריין אין א פארלעגענהייט. וואס זאל ער זאגן? יעדער האט דאך גוטע באווייזן.

דער אבן עזרא האט זיך אנגערופן אז ער האט אן עצה ווי אזוי צו שליכטן דעם סכסוך. ער שלאגט פאר אז יעדער פון די צוויי זאל זאגן דער גענויער וואג פון דעם שטיין און אזוי וועט מען קענען אנטשיידן די געריכט.

עס האט געדארפט צו זיין אז דער עכטער אייגענטומער פון דעם שטיין דארף צו וויסן וויפיל זיין שטיין וועגט און וויפיל עס איז באמת ווערד. דער סוחר זייענדיג זיכער אז ער ווייסט די גענויע וואג איז איינגעגאנגען אויף דעם אפמאך.

ביידע האבן געזאגט דער גענויער וואג פון דעם שטיין און אהינגעגעבן דעם שטיין פאר'ן קעניג ער זאל עס וועגן און זען ווער עס איז גערעכט.

ווי גוט דער סוחר האט געוואוסט האט דער אבן עזרא ברוב חכמתו וקדושתו געוואוסט בעסער און ווען מען האט עס אפגעוואויגן האט מען געזען אז דער אבן עזרא איז גערעכט, דער קעניג האט געגעבן דעם שטיין פאר'ן אבן עזרא אורטיילנדיג אז עס איז זיינס.

דער אבן עזרא האט גענומען דעם שטיין אין זיינע הענט און פארענט פון דעם קעניג האט ער עס אפגעגעבן פאר'ן סוחר זאגנדיג "נעם דיר דעם שטיין, עס איז דיינס! נישט מיינס".

יעדער אין זאל האט זיך געוואונדערט נישט קענענדיג

## די חסדים וואס השי"ת געבט קומען מעורר צו זיין דעם מענטש אויף זיינע מעשים

**והיה כי יבואו עליך את כל הדברים הברכה והקללה.**

דער הייליגער בעל שם טוב הק' האט אמאל געזאגט די פאלגענדע משל.

א קעניג פון א געוויסע מדינה האט זיך אין א טאג מיישב געווען אז אין די שטאט וואו ער וואוינט האט יעדער איינער געהערט איבער אים, איבער זיין קלוגשאפט און חכמה, אבער אין די ווייטע שטעט, אין די קליינע דערפער, ווייסט קיין איינער נישט איבער אים.

דער קעניג האט פארגעשלאגן אן עצה אז מען זאל לאזן אויסהאקן א שטיין אין זיין געשטעל, דער שטיין זאל מען ארומשיקן אין אלע קליינע שטעט אז יעדער איינער אין די דערפער זאלן וויסן איבער אים, איבער זיין גרויסקייט.

אין א געוויסער טאג האבן די אויסגעשניטענע שטיינער דערגרייכט צו א קליין דארף. אין יענער שטאט האט מען נישט געוואוסט איבער די גרויסקייט פון דעם קעניג און ווען די שטיינער זענען אהין אנגעקומען איז אין שטאט געווען א דארפסמאן וועלכער האט זיך איינמאל אויפגערעגט און צובראכן דעם שטיין אויף שטיקער.

האט מען איבערדערציילט פאר'ן קעניג אז אין א ווייטע שטאט האט א דארפסמאן צובראכן זיין שטיין. יעדער איז געווען זיכער אז דער קעניג וועט אים שטארק באשטראפן אבער אנשטאט דעם האט דער קעניג געהייסן מען זאל אהערברענגען דעם דארפסמאן.

מען האט אים געלאזט ברענגען און דער קעניג האט געהייסן מען זאל אים געבן א צימער, קליידער, עסנווארג און אויך א לערער וואס זאל אים אויסלערנען די תכסיסי המלוכה. דער דארפסמאן האט אלעס געלערנט און ווי מער ער האט געלערנט האט ער אלץ בעסער פארשטאנען ווי גרויס איז געווען זיין זינד קעגן דעם קעניג.

איין טאג, נאכ'ן זיין א לענגערער צייט ביים קעניג אינדערהיים איז ער געקומען צום קעניג און מיט א געבויגענער קאפ איז ער געפאלן דעם קעניג צו די פיס, בעטנדיג ער זאל אים מוחל זיין זאגנדיג אז ביז יעצט האט ער בכלל נישט געוואוסט וואס עס הייסט א קעניג, אבער יעצט זעהט ער איין און ער בעט מחילה פון דעם קייזער.

דער קעניג האט אים מוחל געווען און געזאגט פאר זיינע ארומיגע אז ווען ער שטראפט אים גלייך וואלט דער דארפסמאן נישט געוואוסט פארוואס עס קומט אים די עונשים, יעצט פארשטייט ער שוין.

דער נמשל איז אז אסאך מאל פארזינדיגט זיך א איד קעגן השי"ת אבער עס קומט וייל עס פעלט אים ישוב הדעת. וועגן דעם געבט אים השי"ת א הרחבה, דורך די הרחבה הייבט ער אן משיג צו זיין די גרויסקייט און גוטסקייט פון השי"ת און שעמט זיך אליין איבער זיינע זינד.

מען מעג אבער נישט פארגעסן וואס עס איז דער ציל.

די בחינה איז מרומז דא אין פסוק – והיה כי יבואו עליך כל הדברים האלה הברכה והקללה – פארגעס נישט אז אלעס איז מיט'ן מטרה פון ושבת עד ה' אלקיך זאלסט זיך אומקערן צו השי"ת ווייל דאס איז די סיבה צו די שפע.

[כתר שם טוב]

פארזעצונג פון זייט 8

פארשטיין וואס דא גייט פאר. דער אבן עזרא האט דעמאלטס אראפגענומען פון זיך זיינע רייכע קליידער און דער קעניג האט אים גלייך דערקענט.

דער אבן עזרא האט זיך אנגערופן צום קעניג:

"דער קעניג זעהט, איך האב דא געקענט רייך ווערן אין איין מינוט, אבער נישט אויף אן ערליכער וועג! דער קעניג איז גערעכט אז מיט חכמה וואלט איך געקענט פארדינען געלט, אבער נאר אויף אן אומערליכן וועג, ווייל אויף אן ערליכער וועג איז מיר נישט באשערט קיין געלט, איך בין געבוירן געווארן אן מזל".

יעצט האט שוין דער קעניג געמוזט איינזען אז דער אבן עזרא איז גערעכט און ער האט נישט קיין מזל נאר וועט כל ימיו בלייבן אן ארעמאן. ■

[סיפורים נפלאים]

# הלכות וואס איז נוגע אין די ימי הסליחות

### הלכות נטילת ידים לאחר עלות השחר

עס ווערט געברענגט אין שו"ע (סימן ד' סעיף י"ד), אז ווען מען שטייט אויף פאר'ן עלות, דארף מען זיך [נאכאמאל] וואשן די הענט נאכ'ן עלות השחר (אן די ברכה פון על נטילת ידים).

[דער טעם פון די הלכה איז, ווייל עס איז דא א ספק אויב דער "רוח רעה" וואס קומט אויף די הענט, קומט צוריק ביים עלות השחר אדער נישט (ראה מ"ב שם)].

די פוסקים זאגן אבער, אז מ'דארף נישט מפסיק זיין אינמיטן סליחות וכדומה צו גיין וואשן די הענט [א], אבער נאך סליחות דארף מען זיך יא וואשן די הענט געהעריג אזוי ווי נעגל וואסער.

די וועלט איז אביסל מקיל אין די הלכה, און עס איז דא וואס פארענטפערן דער מנהג [ב], אבער לכתחלה איז כדאי מחמיר צו זיין [ג].

### סליחות קודם חצות

עס שטייט אין די פוסקים (מג"א סימן תקס"ה סק"ה, מ"ב שם סקי"ב) אז מ'זאל נישט זאגן סליחות פאר חצות [ד].

עס איז דא געוויסע מקומות וואס האבן א מנהג לויט גדולי ישראל יא צו זאגן פאר חצות, אבער ווי פארשטענדליך איז דאס נאר פאר די וואס האבן די מסורה.

אויב איינער קען נישט זאגן נאך חצות, און עס וועט אויסקומען אז ער וועט בכלל נישט קענען זאגן סליחות בציבור, זאל ער פרעגן א שאלה [ה].

### ביז ווען קען מען זאגן:
### באשמורת הבוקר/שחר קמתי

ביי די סליחות פון "יום רביעי" זאגט מען אין די פזמון "באשמורת הבוקר קראתיך...", דער ערוך השלחן (סימן תקפ"א ס"ד) שרייבט אז אויב מ'זאגט סליחות נאך דעם עלות השחר, קען מען נישט זאגן דעם לשון וועגן דובר שקרים וכו' [ו].

ביי די סליחות פון "יום חמישי" וואס מ'זאגט "שחר קמתי" איז דא וואס זאגן אז אפילו אויב מ'איז נישט אויפגעשטאנען ממש ביי דעם עלות, אויב מ'איז אבער אויפגעשטאנען כאטשיג פריער ווי געווענליך קען מען עס זאגן, ווייל בלשון בני אדם הייסט דאס "שחר" (הליכות שלמה, ראש השנה פ"א אות ג', ובהערות שם).

---

[א] כן משמע במטה אפרים סימן תקפ"א סי"ב, שהרי כתב שם מקודם בסי"א דהמנהג להתחיל רק קצת קודם היום, וכן הוא בדעת תורה סימן ד' ובהרבה ספרי זמנינו.

ובטעם הדבר למה א"צ להפסיק אפשר ליתן כמה טעמים, ובדעת תורה שם כתב משום דגם בביהמ"ק לא היה חיוב לקדש ידים ורגלים אם היה עוסק באמצע עבודה, ורק ל"גישה חדשה" היה חייב עיי"ש. ובכלל, עיין פרמ"ג סימן ד' במ"ז שכתב דכל חיוב זה אינו אלא מכח ס"ס, עיי"ש. וי"ל עוד שסומכים על הרב דלהלן.

[ב] עיין ארצות החיים להמלבי"ם סימן ד' ארץ יהודה סק"ט באריכות. ויש לציין כי בשועה"ר (סי' ד' סי"ד) הביא הלכה זו בלשון "טוב..." משמע דאין זה חיוב מדינא. והראוני שבסידור הרב השמיט כל הלכה זו ומשמע להדיא דאינו סובר כן.

[ג] דאין לזוז מפשטות דברי השו"ע, שמובא במטה אפרים כאן סי"ב, וכן עיין בא"ר בסי' ד' סק"ט שמביא בשם השל"ה הקדוש להזהיר על זה לאחר סליחות. מיהו פשוט שהולכים אז ד"א, ולענין ליגע בנקביו לכאורה יש להחמיר, ועיין הליכ"ש פי"ז ס"ד שהקיל.

[ד] מה שהזהירו הפוסקים שלא לומר סליחות קודם חצות אינו רק משום י"ג מדות, אלא גם עצם הסליחות אין לומר קודם חצות כמבואר בלשון המג"א, אלא שבי"ג מדות החשש הוא יותר חמור כמבואר בברכי יוסף, ואכמ"ל.

[ה] בפשטות יותר טוב לומר ביחידות במשך היום מלומר קודם חצות הלילה, אבל למעשה יש לשאול שאלת חכם, כי רואים שיש אנשים (בפרט זקנים) שיהא להם עגמת נפש אם לא יוכלו לומר סליחות בציבור.

[ו] והנה עצם הדבר מבואר גם במטה אפרים (סימן תקפ"א סי"א ובאלף למטה סקי"ג) דביום הראשון מתחילים קודם עלות השחר "בכדי שיתכן לשון הפזמון שאומרים בו בזעקתם בעוד ליל", אבל אין מבואר שם להדיא דאם התחילו לאחר עלוה"ש אסור לומר כן, אבל משמעות יש. וקצת יש לחלק בין "בזעקתם בעוד ליל", שלא מדובר להדיא על עצמו, מבין "קמתי" או "קראתי". וכמדומה שמנהג העולם הוא להקל בזה [אבל יתכן שאין ראיה ממנהג העולם, שענין אמירת סליחות במאוחר הוא דבר חדש שלא היה בשנות דור ודור, וקשה לומר על ענינים כאלו ענין של מנהג].

ויש להעיר עוד, דלמה לא הזהיר המט"א על יום רביעי וחמישי כמו שהזהיר על יום הראשון, וצ"ע. ואולי משום דעיקר החשש הוא רק הלשון ליל.



# דער שר של שכחה האט זיך אַריינגעמישט

פיל נסחאות גייען ארום וועגן דעם לייב-דאקטאר פון דער ריזשינער רבי'ן דער דר. גארדאן אויף וואס פארא וועג ער איז געווארן נאנט צום צדיק.

דער דר. גארדאן איז געווען דער זון פון א חסיד וועלכער איז געווען מקורב צום ריזשינער, זיין נאמען איז געווען "שמואל דער שווייגער". אט דער שמואל איז געווען א גרויסער חסיד און א פארערער פון דעם צדיק. אבער זיין זון איז ל"ע געווארן אַן אפיקורוס און ארויס לתרבות רעה ר"ל. חסידים זאגן אז דאס איז געווען אן עונש דערפאר וואס זיין שווער, וועלכער איז געווען א גרויסער מתנגד, האט חוזק געמאכט פון דעם צדיק און ער, שמואל, האט געשוויגן און זיך נישט אנגענומען פאר דעם צדיק'ס כבוד.

וואס און וויאזוי איז דאס געשען?

אין א שיינעם טאג איז א זון פון דעם חסיד ר' שמואל אנטלאפן, און מען האט נישט געוואוסט וואו ער איז אהינגעקומען. ער איז אוועק און גענומען שטודירן אלס דאקטאר און צוליב זיינע גרויסע פעאיגקייטן האט ער עס לייכט געכאפט און שפעטער געווארן דער לייב-דאקטאר פון א פוילישן פירשט.

דער פאטער ר' שמואל האט כסדר זיך געבעטן ביים צדיק, ער זאל מתפלל זיין פאר אים אז זיין זון זאל צוריקקומען צו אים און ער זאל צוריק ווערן אַן ערליכער איד. דער צדיק האט אים אויף זיין ביטע קיינמאל נישט געענטפערט אפילו מיט קיין ווארט. ער האט נאר געגעבן א טיפן זיפץ און מער נישט.

ר' שמואל האט פארשטאנען אז געוויס איז נאכנישט געקומען די ריכטיגע צייט און ער האט מיט אומגעדולד געווארט.

יארן זענען פארלאפן, דער מקורב ר' שמואל איז דערוויל שוין אוועק פון דער וועלט און דער זון, דער בעל עבירה איז וואס אמאל מער פארזונקען געווארן אין די שערי טומאה.

איינמאל, בשעת דער צדיק האט גענומען אין האנט דעם כוס צו מאכן קידוש פרייטאג צו נאכטס, האט ער א שטארקן ציטער געטאן אז דער כוס איז שיעור ארויסגעפאלן פון זיין האנט. דער קידוש איז דעמאלט געווען מורא'דיג.

שפעטער האט מען זיך דערוואוסט אז בשעת'ן קידוש, איז צו אים געקומען דער מקובל "שמואל דער שווייגער", און זיך געבעטן ביים צדיק ער זאל אים א טובה טאן, ווייזט אויס אז די שלעכטע מעשים פון זיין זון האבן אים נישט צורוה געלאזט אויף דעם עולם האמת, אז ער האט געמוזט קומען צום צדיק און אים שטערן אינמיטן קידוש.

מוצאי שבת נאך הבדלה האט דער צדיק פארריכערט דעם לולקע און ארויסגעלאזן א מורא'דיגער רויך. די מקורבים האבן פארשטאנען אז דער צדיק פארארבעט יעצט מעשים און געוויס וועט באלד זיין גוטע נייעס, ווייל אזוי איז געווען דער שטייגער פונעם צדיק, ווען ער האט געוואלט אויספירן עפעס אַן אומנאטירליכן ענין, האט ער זיך שטענדיג באנוצט מיט'ן רויכערן זיין לולקע, פון וועלכן עס האט געהייסן אז ער געפינט זיך אין דער בחינה פון מקריב זיין קטורת פאר זיין ליבן נאמען פון השי"ת.

דער צדיק איז אזוי געשטאנען א לאנגע צייט ביים פענסטער און געררויכערט, עס איז שוין געווען גאנץ שפעט אין דער נאכט און דער צדיק איז נאך אלץ געשטאנען ביים פענסטער, ווייזט אויס אז עס איז געווען א גאנץ שווערע עבודה.

אין די זעלבע נאכט איז דער פוילישער פירשט גראדע דורכגעפארן די שטאט ריזשין, און צוזאמען מיט אים איז אויך מיטגעפארן זיין לייב דאקטאר. זיי זענען איינגעשטאנען אין איינע פון די שטאטישע גאסט הייזער.

מיטאמאל האט דער צדיק אוועק-געלייגט זיין לולקע און געהייסן מען זאל אים דערלאנגען זיין סידור.

ער האט פונקט אויפגעמישט דעם זאץ וואו עס ווערט געברענגט דער פסוק ביי די זמירות פון מוצאי שבת "פורה דרכתי לבדי וגו'".

"ווייסטו עפעס וועגן אט דעם מלאך וואס איז דער שר של שכחה?" האט דער צדיק געפרעגט דעם מקורב.

דער מקורב וואס איז געשטאנען נעבן אים האט געשוויגן,

ער האט פארשטאנען אז דער ענטפער דארף דער צדיק אליין געבן.

"איך וועל עס דיר ערקלערן", האט דער רבי דאן געזאגט, "אט דער מלאך, דער שר של שכחה, איז א גוטער מלאך, א מלאך של רחמים, וועלכער איז ספעציעל דערצו באשאפן געווארן, כדי צו מאכן פארגעסן פון דעם מענטשן זיינע צרות. טיילמאל מאכט ער אים פארגעסן אויף א שעה, אויף א טאג, אויף א חודש און אויך אויף מער צייט. א גוטער מלאך איז ער, דער שר של שכחה, ווייל דאס פארגעסן איז אמאל זייער א גוטע זאך און עס ברענגט וויכטיגע נוצן.

אין דעם זעלבן פרימארגן, ווען דער דאקטאר האט זיך אויפגעכאפט פון שלאף, האט ער פארגעסן זיין גאנצע פארגאנגענהייט פון זינט דאן וואס ער איז געווארן א יוצא לתרבות רעה. גאנצע צוואנציג יאר זענען אפגעווישט געווארן פון זיין זכרון. אים האט זיך געדאכט אז נעכטן ביינאכט האט ער זיך אלס יונגל געלייגט שלאפן ביי זיין טאטן אין שטוב, דעריבער יעצט ווען ער האט זיך אויפגעכאפט פון שלאף, האט ער ארומגעזוכט די יארמולקע אין בעט. אזוי ווי ער האט עס נישט געפונען, האט עס אים זייער געבענקט, היתכן? גיין בגילוי הראש, אין בלויזן קאפ, עס איז דאך א גרויסער עבירה!

דער פירשט האט דאן געשיקט אויפוועקן זיין דאקטאר, אבער ער האט זיך נישט געוואלט רירן פון ארט.

"נעגל וואסער! וואו איז די וואסער צו וואשן די הענט??" האט ער געשריגן, ארומקוקנדיג זיך אויף אלע זייטן און ווארפנדיג מיט די אויגן. "אוי ווי, מען טאר דאך נישט גיין קיין פיר איילן אָן נטילת ידים!!"

דערביי האט ער מיט ביידע הענט זיך פארדעקט דעם קאפ כדי ער זאל נישט גיין מיט א הוילן קאפ.

מען האט איבערגעגעבן פאר דעם פירשט אז זיין לייב-דאקטאר איז אראפ פון זינען, דער פירשט האט באפוילן מען זאל אים ארויסווארפן פון זיין סטאנציע. ווען דער דאקטאר איז געווען אויפ'ן גאס האט ער איבערגעדרייט זיין אויבערמאנטל איבער'ן קאפ, כדי ער זאל נישט גיין מיט א הוילן קאפ.

פלוצלינג האט ער באמערקט אז ער גייט אָן ציצית, האט ער אנגעהויבן ביטער צו וויינען.

"פארוואס וויינט איר אזוי און וועמען זוכט איר דא?" האבן אים די פארבייגייער געפרעגט.

"מיין פאטער און מוטער זוך איך", האט ער געענטפערט מיט א געוויין. "וואו זענען זיי ערגעץ מיינע עלטערן? וואו איז מיינע ציצית??"

"ער איז נישט ביי זיך, נישט ביים זינען", האט איינער געזאגט צום צווייטן, "לאמיר אים פירן צום רבי'ן".

"וואס איז עפעס מיט דיר געשען", האט אים דער צדיק געפרעגט. "דער-צייל מיט אלצדינג וואס דו ווייסט".

"איך ווייס גארנישט, איך ווייס נאר אז נעכטן ביינאכט האב איך געליינט קריאת שמע אין מיין פאטער'ס הויז, איך האב מיך געלייגט שלאפן מיט א יארמולקע, און טלית קטן ווי יעדער איד, און אויפגעשטאנען בין איך ווי א גוי, אוי, א פשוט'ער גוי אָן א היטל און אָן ציצית און גאר אים א פרעמדע שטוב", האט ער געענטפערט.

דערביי האט ער זייער יאמערליך געוויינט.

"וואסזשע ווילסטו?" האט אים דעם צדיק געפרעגט.

"איך וויל גיין צוריק צו מיין פאטער און מוטער, צו אונזער הויז, צו אונזער פאמיליע", האט ער געענטפערט.

"וואס וואלסטו געטאן למשל אויב דו וואלסט זיך דערוואוסט אז דיין פאטער און מוטער האבן פארלאזט דאס אידישקייט און זיי זענען ארויס לתרבות רעה, געווארן פשוט'ע גויים, וואס וואלסטו דאן געטאן?" האט אים דער צדיק געפרעגט.

"איך וואלט פארלאזט זייער הויז און זיי מער נישט געוואלט קענען", האט דער דאקטאר געענטפערט.

דער צדיק האט ארויסגענומען פון זיין קעשענע זיין טיכעלע, און דערמיט א פאכע געטאן איבער'ן פנים פון דעם דאקטאר.

מיטאמאל האט ער זיך צוריק אלעס דערמאנט.

אין אנהויב איז ער געבליבן שטיין א פארלוירענער, ער האט זיך ארומגעקוקט אויף אלע זייטן מיט שטארקע אויגן דאן האט ער אויסגעבראכן אין א שרעקליכן געוויין אויסרופנדיג: "אוי, רבי, איך בין א גרויסער זינדיגער, א שרעקליכער בעל עבירה – און דערביי האט ער אנגעהויבן אויסרעכענען אלע זיינע עבירות.

"איך וויל נישט הערן דיינע עבירות", האט צו אים דער רבי געזאגט און ער האט אים געגעבן צו פארשטיין אז דער דרך התשובה און די ערשטע זאך צו ווערן גוט און ערליך, היטן די מצות און לערנען די תורה. וועגן די עבירות איז צייט שפעטער צו רעדן "סור מרע ועשה טוב" האט דער צדיק אויסגעטייטשט, סור מרע, פארגעס אז דו האסט געטאן שלעכטס און "ועשה טוב" הייב אָן צו מאכן גוט, פאר הקב"ה און פאר לייט.

און דער דאקטאר גארדאן האט דאן אמת'דיג תשובה געטאן און פארבליבן דעם צדיק'ס הויף-דאקטאר.



# א ישועה אויפ'ן וועג

דער הייליגער צדיק וקדוש רבי ר' אלימלך מליזענסק זי"ע האט געדינט דעם אויבערשטן מיט מסירת נפש, אראפצולייגן די סדר היום פון בלויז איין טאג איז זייער שווער, אבער אין דעם פארנומענעם סדר היום האט דער הייליגער צדיק אויך ארינגערוקט צייט צו אויפנעמען אידן, אויסהערן פראבלעמען פון אידישע קינדער, מ'איז געקומען צו פארן פונעם גאנצן לאנד און פון נאך ווייטער קיין ליזענסק צום הייליגן צדיק און אידן זענען געהאלפן געווארן מיט אפענע ישועות, קיין שום דרך הטבע איז נישט געשטאנען אין וועג פארן צדיק צו פועל'ן א ישועה און ראטעווען א איד.

אזוי איז געווען א גאנץ יאר, ליזענסק איז געווען א תל תלפיות וואו עס זענען אלץ געקומען אידן פון איבעראל, און דער רבי ר' אלימלך האט געהאט אן אפענע שטוב און יעדער האט זיך געפילט באקוועם אריינצוגיין און אויסגיסן זיך דאס הארץ, אבער ווען ס'איז אנגעקומען דער דאטום 'ראש חודש אלול' האט זיך אלעס אפגעשטעלט, דער רבי ר' אלימלך האט זיך איינגעשפארט אין זיין צימער און שטרענג אנגעזאגט די גבאים אז פון ראש חודש ביז נאך יום כיפור זאל מען נישט אריינלאזן קיין שום מענטש אין זיין צימער, ער וויל זיין פאר זיך און דינען דעם אויבערשטן א גאנצן חודש בהתבודדות און נישט געשטערט ווערן מיט גשמיות'דיגע בקשות, ער האט אבער געזאגט אז אויב מאכט זיך אן ענין פון פיקוח נפש דעמאלט קען מען יא אריינקומען צו אים און אים שטערן.

די גבאים האבן טאקע געפאלגט און האבן כמעט נישט אריין געלאזט קיין חסידים מיט קוויטלעך, נאר ווען עס איז געקומען א איד מיט א צרה וואס עס איז געווען פיקוח נפש האבן זיי אריין געלאזט צום רבי'ן, אבער אפילו אין א פאל פון פיקוח נפש האט עס נישט גענומען מער ווי געציילטע מינוטן, דער רבי ר' אלימלך האט אפגעליינט דאס קוויטל און שנעל אנגעווינטשן און גלייך דערנאך זיך צוריק געקערט צו זיין הייליגע עבודה.

*

אין א שטאט גאר ווייט פון ליזענסק האט געוואוינט א איד, א גרויסע עושר, ער האט געהאט א משפחה מיט קינדער, פון אלע האט ער געהאט ב"ה נחת, די געשעפטן איז אים געגאנגען גוט, אזוי אז ער האט שטענדיג געדאנקט דעם אויבערשטן אויף אלע גוטס וואס ער האט, און כסדר געבעטן דעם אויבערשטן אויף ווייטער.

אלעס איז געגאנגען על מי מנוחות ביז איין טאג איז זיין זוהן - וואס איז געווען קלוג און געראטן - פלוצלונג משוגע געווארן ל"ע, דער טאטע איז ארום געלאפן פון איין דאקטאר צום צווייטן און האט פרובירט אלע רפואות, אבער עס האט גארנישט געהאלפן.

דאס קינד איז נעבעך געווארן ערגער פון טאג צו טאג, ביז דער טאטע האט געמוזט דינגען א שומר וואס זאל אכטונג געבן אויף אים בייטאג און ביינאכט, ווייל דאס קינד האט געבראכן שויבן און געשריגן נאר'ישע זאכן, אז

פארזעצונג אויף זייט 10

ער האט זיך נישט געקענט געפינען צווישן מענטשן.

זעלבסט פארשטענדליך, אז דער טאטע און די גאנצע משפחה האבן געהאט גרויס וויטאג און געליטן שרעקליכע בזיונות, און זייער צער איז געווען געפערליך, ער איז גרייט געווען צו באצאלן וויפיל געלט עס לאזט זיך, כדי צו טרעפן א רפואה.

א צייט דערויף האט אים איינער גע'עצה'ט אז ער זאל פארן קיין ליזענסק צום רבי'ן ר' אלימלך וואו הונדערטער אידן ווערן געהאלפן, אפשר וועט ער טרעפן א רפואה אויף פאר זיין קינד.

קיין גרויסער חסיד איז ער נישט געווען אבער קיין צוויי ברירות האט ער נישט געהאט, ער האט זיך געגרייט צו די נסיעה וואס האט אים אפגעקאסט אסאך געלט, ער האט געדינגען א ספעציעלן וואגן, און אויך געדינגען צוויי מענטשן אלץ שומרים פארן קינד, ווען אלעס איז געווען גרייט האט ער זיך ארויס געלאזט אויף די ווייטע נסיעה, דאן איז געווען סוף זומער אינמיטן חודש אב.

די וועג איז געווען א לאנגע און שווערע, זיי זענען געפארן אפאר וואכן ביז ענדליך איז מען שוין אנגעקומען נאנט צו די שטאט ליזענסק, פארנדיג אויף א ליידיגע פעלד איז אים אנטקעגן געקומען אן איד, לויט זיין קליידונג האט אויסגעזען אז ער איז אן ארימאן וואס גייט זאמלן געלט פון שטאט צו שטאט, ווי נאר דער איד האט זיך דערנענטערט צו זייער וואגן רופט זיך דאס קינד אן, 'טאטע גיב אים א שיינע נדבה'.

דער עושר איז געבליבן אינגאנצן ערשטוינט, שוין חדשים וואס זיין קינד זאגט נישט ארויס קיין גאנצע גראדע זאץ און דא פלוצלינג הערט ער פון אים נארמאלע קלארע ווערטער ווי אן ערוואקסענע מענטש, ער איז געווען אזוי איבערגענומען אז ער האט שנעל ארויס גענומען פון טאש א טייערע זילבערנע מטבע, און עס איבערגעגעבן פארן ארימאן.

דער איד האט געפרעגט פונעם עושר ווער ער איז און וואו ער פארט, האט דער עושר געענטפערט אז ער פארט קיין ליזענסק צום רבי'ן ר' אלימלך וועגן זיין זוהן וואס איז דא אין וואגן, ער האט דערציילט אויספירליך וואס מיט אים האט פאסירט, און האט געזאגט אז ער האפט צו פועל'ן א ישועה ביים רבי'ן אין ליזענסק, אז דאס קינד זאל געזונט ווערן.

דער ארימאן הערט אויס וואס דער עושר פארציילט אים און רופט זיך אן, 'דאס קינד איז שוין געזונט, איך האלט אז דו דארפסט שוין נישט פארן צום צדיק, איר קענט שוין אהיים פארן'.

'אמת, איך זעה אז דאס קינד איז פלוצלונג געווארן נארמאל אזוי ווי אמאל' - ענטפערט דער עושר - 'אבער אז איך האב שוין אויסגעגעבן אזוי פיל געלט כח און צייט צו קומען קיין ליזענסק צום צדיק וועל איך שוין אריין פארן אין שטאט כאטש צו זעהן די צורה פונעם הייליגן צדיק'.

'איר זענט גערעכט' - האט דער ארימאן ווידער געזאגט - 'אבער איך ווארן אייך אן, איר זאלט נישט צופיל מוטשען דעם צדיק, ווייל אייער בקשה איז שוין ערפילט געווארן', און ווי ווי נאר ער האט אפגעזאגט זיינע ווערטער איז ער מיסטעריעז פארשווינדן געווארן.

דער עושר האט געזעהן אז עס איז טאקע אמת אז דאס קינד זיצט אויפן וואגן שטיל און איז רואיג ווי א נארמאלער מענטש, ער רעדט מער נישט קיין שטותים ווי ביז איצט, ממש ער איז נישט צום דערקענען, מיט גרויס שמחה איז דער טאטע אריין געפארן אין די שטאט ליזענסק צו אן אכסניא, ער האט זיך אנגעגרייט א קוויטל מיט צוועלף גאלדענע גילדן און איז געגאנגען צום שטוב פון הייליגן רבי'ן ר' אלימלך.

אנקומענדיג אין שטוב האט אים דער גבאי געזאגט אז יעצט חודש אלול נעמט נישט דער רבי אויף ביז נאך יום כיפור, און ער האט צוגעלייגט 'איך בין דערויף שטרענג אנגעזאגט געווארן דורכ'ן רבי'ן אליין'.

דער עושר האט זיך אנגעהויבן בעטן דעם גבאי'ן אז ער האט שוין אויסגעגעבן אזוי פיל געלט צייט און כח צו קומען ביז אהער, זאל מען אים כאטשיג אריין לאזן אויף עטליכע מינוט צום צדיק. אזוי רעדנדיג האט ער אריין געשטופט א שיינע מטבע אין גבאי'נס האנט.

דער גבאי איז גלייך אריין צום רבי'ן און געבעטן ערלויבעניש אריין צו לאזן דעם איד, דער הייליגער רבי האט שוין ברוח קדשו מיטגעהאלטן די גאנצע מעשה און גלייך געזאגט פארן גבאי'ן אז דעם איד קען ער ארייננלאזן, ווען דער איד איז אריין און אראפ געלייגט דעם קוויטל מיטן פדיון פון צוועלף גאלדענע גילדן האט זיך דער רבי ר' אלימלך אנגערופן, 'אוי אוי, פאר אליהו הנביא גיט מען נאר איין טאהליר און פאר אלימלך גיט מען צוועלף גאלדענע רענדליך...' און דער רבי ר' אלימלך האט אים שנעל אנגעוואונטשן.

ערשט דעמאלט האט דער עושר פארשטאנען אז דער ארימאן וועם ער האט געטראפן אינמיטן וועג איז געווען אליהו הנביא, פון הימל האט מען געשיקט אליהו הנביא זאל אויסהיילן דאס קינד כדי דער רבי ר' אלימלך זאל נישט געשטערט ווערן פון זיין הייליגע עבודה אין חודש אלול.

און דער איד איז אהיים געפארן פרייליכערהייט מיט א געזונט קינד.




# די פרייליכע סוכה!

**טייערע לעכטיגע קינדערלעך!**

עס שטייט אין די וואכעדיגע סדרה, עס גייט דאך נצבים און וילך צוזאמען, אין פרשת וילך טרעפט מען זיך שוין אז מען רעדט פון די יום טוב סוכות, מען רעדט וועגן די מצוה פון הקהל, א מורא'דיגע מצוה וואס דער קעניג האט געליינט גאנץ פרשת דברים, מען האט צוזאמגענומען אלע אידן אין די סוף פון שמיטה, מוצאי שמיטה בחג הסוכות. **מען רעדט פון סוכות מען טרעפט זיך שוין מיט סוכות.**

אזוי אויך גייט דאך שוין באלד זיין סוכות, נו, מעג מען עפעס פארציילן וועגן סוכות.

סוכות ווייסט יעדער איינער, איז דאך דא א מורא'דיגע מצוה, וואס די מצוה דארף מען באמת אויך טון שטענדיג, אבער סוכות איז עס ספעציעל. די פסוק זאגט **והיית אך שמח**, צדיקים האבן געזאגט אז סוכות איז דא זייער א שווערע מצוה, שלאפן זיצן עסן און לערנען אין א סוכה איז שווער? ניין. שאקלען לולב איז שווער? ניין. **זיין פרייליך זיבן טעג, נישט האבן א רגע פון טרויעריגקייט, דאס איז שווער! ווייל דער יצר הרע קומט אריין, ער וויל צעברעכן דעם מענטש ער פארגינט נישט אז דער מענטש איז פרייליך**, ער וויל דער מענטש זאל זיין טרויעריג, פארדעם מאכט ער דער מענטש טון עבירות וואס דאס מאכט אויך דעם מענטש טרויעריג. ער וויל נישט א מענטש זאל זיצן און לערנען, ווייל ער וויל נישט ער זאל זיין פרייליך, און דער יצר הרע קומט אלעמאל צו צעברעכן דעם מענטש.



דער פרייליכער ארימאן ר' אביש'ל וואוינט אין אזא ארימקייט וואס שרייט ארויס פון די ווענט



דער פארזויערטער עושר ר' משה וואוינט אין א מעכטיגע פאלאץ

איז סוכות איז דא זיבן טעג וואס והיית אך שמח, דו מוזט זיין נאר פרייליך, עס איז זייער שווער, און באמת איז עס א זאך וואס מען דארף אייביג זיין ווייל עס איז עבדו את ה' בשמחה, **מען דארף אייביג דינען דעם אויבערשטן בשמחה ובטוב לבב, מיט א גוטע הארץ**, אזוי ווי עס שטייט דאך לעצטע וואך סדרה כי תבוא, אז אלע שלעכטס איז געקומען אויף דעם וואס דו האסט נישט געדינט דער

איבערשטער בשמחה בטוב לבב.

איז לאמיר זען וועגן דעם א מורא'דיגע אינטערעסאנטע מעשה וואס דער הייליגער צדיק דער בית אהרן פון קארלין האט דערציילט.

עס איז געווען א איד וואס האט געהייסן ר' אביש, ר' אביש'ל חסיד, א איד א חסיד א ירא שמים, דער ר' אביש'ל חסיד איז געווען א פרייליכער איד, **אלעמאל האט ער זיך געדרייט מיט א שמייכל אויפן פנים, א צופרידענער מענטש.** א בלוטיגער ארימאן איז ער געווען, צוריסן און צושליסן איז ער געגאנגען, אויסגעזען נעבעך ווי די וועלט איז אים צאמגעפאלן, אבער אויף זיין פנים האט מען שטענדיג געזען א פרייליכקייט. ווען מען האט אים געזען איז מען געווארן פרייליך, ער האט אלעמאל געזאגט א גוטווארט פאר א צווייטן, אלעס וואס איז געשען צו אים האט ער אנגענומען מיט א ליבשאפט, ער האט זיך געדרייט ווי ער וואלט געווען דער רייכסטער מענטש, ער איז געווען אזוי פרייליך אייביג, ער האט געדינט דעם באשעפער מיט א מורא'דיגע שמחה, אלעמאל איז ארום אים געווען פרייליך, ער האט פרייליך געמאכט אנדערע. **מען האט געקענט מיינען אז עס פעלט אים נישט גארנישט אויף די וועלט, און אריינקומענדיג אין זיין הויז האט מען געזען אזא שרעקליכע ארימקייט,** אבער ער האט זיך געשטארקט און געדינט דעם אויבערשטן פרייליכערהייט, באמת פרייליך, מיט אן אמת'דיגע פרייליכקייט.

אין די זעלבע שטעטל ווי אביש'ל חסיד האט געוואוינט, האט געוואוינט א איד אן עושר מיטן נאמען ר' משה. ר' משה דער גביר איז געווען פונקט פארקערט ווי אביש'ל חסיד; אביש'ל חסיד איז אן ארימאן, ער איז אן עושר. אביש'ל חסיד איז א צעריסענער ארימאן, ער איז א גלאנציגער גביר, עס בליטשקעט פון אלע זייטן פון זיינע קליידער מיט זיין שיך, ער גייט אנגעטון ווי ער וואלט געווען ממש דער פריץ פון דארף.

**דער ר' משה דער גביר איז פונקט פארקערט ווי אביש'ל חסיד האבן מיר געזאגט, נו, איז אז אביש'ל איז פרייליך גייט ר' משה אלעמאל מיט א פארקערטע סמייל"י, די פארקערטע וועג,** (אפשר ווען ער האט געמאכט א טאמבע"ל אווע"ר האט מען געקענט זען פאר א האלבע סעקונדע זיין סמיי"ל



א אידביים קריג בויט א סוכה מיט א "מסירת נפש" אין געטא - קוקט אויף די אויפשריפטן פון די האלץ...



א סוכה אין די לאדזשער געטא - פוילן

ווייל זיין קאפ איז געווען פארקערט...) אלעמאל איז ער געווען טרויעריג, אלעמאל איז ער געווען פארטונקלט, ער איז געווען מרה שחורה'דיג. ער פלעגט ארויסקומען פון זיין הערליכע פאלאץ, פארמאכן זיין גאלדענע טיר פון זיין הויז און אראפוואקן די טרעפן, אבער מען האט אים אנגעקוקט האט ער יעדער איינער געמאכט טרויעריג, כאילו ער וואלט געווען דער ארימסטער מענטש, אייביג איז ער געווען טרויעריג, אייביג האט ער נאר געטראכט וועגן טויט, וועגן שרעקליכע זאכן. ער האט נישט געהאט קיין לעבן, ער האט געגעסן אן קיין מוט, ער איז אייביג געווען פארטרויערט און פארזויערט, אייביג איז ער געווען פארביסן, כאטש ער איז געווען א גרויסער עושר מיט אסאך געלט.

**דער ר' משה דער גביר ווען ער פלעגט זיך אנטרעפן מיט אביש'ל דער פרייליכער איז אים ארויפגעקומען די בלוט, ער האט נישט געקענט צוזען אזא זאך, וואס?! דער בלוטיגער ארימאן איז פרייליך?!** קוק ווי גוט-מוטיג ער דרייט זיך, ער האט אלעמאל א גוט ווארט צו זאגן, ער איז אלעמאל פרייליך, און איך דער עושר בין אנגעזעצט און צעקוועטשט. ער האט געוואלט דעם אביש'ל חסיד זען ארויס פון די שטעטל, ער האט אים נישט געקענט זען מיט זיין שמייכל, עס האט אים אזוי אויפגערעגט אז ער האט נישט געקענט אויסהאלטן. קוק ווי גליקליך ער איז, יעדע שבת און יום טוב זינגט ער און שפרינגט. נאכדערצו יום טוב סוכות ווען מען גייט אדורך זיין הויז הערט מען די ושמחת בחגך אזוי הויעך, אביש'ל האט מקיים געווען והיית אך שמח א גאנץ יאר אפילו.

**משה דער גביר האט עס נישט אויסגעהאלטן, ער**

**האט געפלאצט ער האט נישט געקענט צוזען אזא שמחה פון דעם אביש'ל חסיד.**

ביז ער האט געטון א דרייסטישע געפערליכע זאך, עס איז אים איינגעפאלן א שרעקליכע פלאן וואס ער גייט טון צו צושטערן אביש'לס שמחה. ער איז ארומגעגאנגען צו אלע סוכה געשעפטן, סוכה דעפו"י מיט סוכה דיירעק"ט מיט אלע געשעפטן וואס פארקויפן ברעטער און האלץ פאר די סוכה, און ער האט זיי געזאגט קיינער זאל נישט פארקויפן קיין ברעטער פאר אביש חסיד, **אזוי זאל ער נישט האבן קיין סוכה און נישט האבן וואו צו טאנצן און טרעטן אויף מיינע נערוון, זאל ער מוזן זיצן ביי זיין שכנ'ס סוכה איינזאם, פארקוועטשטערהייט און פארשעמטערהייט, ער זאל נישט קענען האבן קיין אייגענע סוכה**, נאכדעם וועלן מיר זען צי ער וועט זיין פרייליך. אוי וועט ער פלאצן, ער וועט זיך אויסלערנען פון יעצט און ווייטער זאל ער זיין טרויעריג, פארוואס? ווייל איך בין טרויעריג...

דער גביר האט געלאזט וויסן פאר אלע געשעפטן אז אך-און-וויי וועט זיין פאר ווער עס וועט נישט פאלגן.

אביש'ל דרייט זיך ארום, ער זוכט צו קויפן האלץ, אבער קיינער וויל אים נישט פארקויפן. ער האט נישט געוואוסט וואס גייט פאר, ער גייט פון איין געשעפט צום צווייטן, ביז ער האט געכאפט אז משה דער עושר איז אזוי ווי דער פריץ דא אין דארף און ער האט אלעס אנגעדרייט, וואס טוט מען?

ער האט נישט אויפגעגעבן, ער איז ווייטער געווען פרייליך און געגאנגען ווייטער מיט זיין טאג, ביז סוכות וועט מיר שוין זיכער דער אויבערשטער העלפן איך זאל האבן א שמחת יום טוב איך זאל האבן א סוכה אזוווי עס דארף צו זיין, דער אויבערשטער האט מיך נישט פארלאזט ביז אהער וועט ער מיך ווייטער נישט פארלאזן.

**אביש'ל שפאצירט אזוי אין די גאסן, מען האלט שוין ממש א טאג פאר סוכות און ער דארף דאך האבן א סוכה,** אבער ער גיבט נישט אויף, ער איז נישט טרויעריג ער איז פרייליך, ער איז פרייליך אז דער אויבערשטער גייט אים העלפן, ווייל ער ווייסט אויף זיכער אז דער אויבערשטער גייט אים העלפן. אזוי איז ער ארומגעגאנגען זייער פארטראכט און ער האט נישט געכאפט אפילו; ער האט



**דער פרייליכער ארימאן ר' אביש'ל זיצט אין זיין הערליכע לעצט-מינוט'יגע סוכה**



**דער פארזויערטער עושר ר' משה זיצט אין זיין הערליך באצירטע סוכה און עסט פון אלעם גוטן**

ארויסשפאצירט פונעם דארף ביז ער איז אנגעקומען צו די בית החיים אינדרויסן פון שטאט.

אזוי ווי ער קומט אן צו די בית החיים זעט ער דארטן דער שומר פון די בית החיים שטייט דארטן, שמערל דער שומר. שמערל דער שומר פונעם בית החיים איז געווען א גוט הארציגער אידל, און ער זעט אונזער אביש'ל, נו ווען מען זעט אביש'ל וואס ווערט מען גלייך? פרייליך, **און אביש'ל באגריסט דעם שומר; א גוט'ן שמערל. און שמערל פרעגט אים, אביש'ל וואס ברענגט דיך אהער אין בית החיים?** האסט עפעס א זיידע'ס יארצייט יעצט אפשר, אדער דיין מאמע'ס יארצייט, וואס ברענגט דיך אהער דא יעצט אזוי ערב סוכות? אפשר ווילסטו קומען נעמען סכך פון די בית החיים? עס איז דאך אבער דא געגוג ביימער אין די גאנצע שטאט מען דארף נישט נעמען קיין סכך פון דא.

אביש'ל זאגט אים, ניין, איך האב נאכנישט קיין ברעטער פאר מיין סוכה!

אזוי?! דו האסט נישט קיין ברעטער פאר דיין סוכה?! און שמערל רופט זיך אן: אוודאי האסטו נישט קיין ברעטער ווייל דער עושר ר' משה לאזט נישט קיינער זאל דיך געבן, אפילו מיך האט ער גע'אסר'ט, קיינער טאר דיך נישט געבן קיין ברעטער, ער האט געווארנט יעדן איינעם.

שמערל טראכט צו זיך וואס ער קען טון און שמערל זאגט, **ניין, עס איז נישט קיין יושר אז מען זאל דיר צוריקהאלטן פון מקיים זיין א שמחת יום טוב וועגן דער פארזויערטער גביר משה. ווייל ער איז שטענדיג פארזויערט, מוזטו אויך זיין פארזויערט? ניין!** איך וועל דיך יא העלפן, איך וועל דיך יא געבן, קום אריין צו די בית החיים איך וועל דיך שוין ווייזן עפעס ברעטער וואס איך האב.

שמערל נעמט אים אריין און ווייזט אים; איך האב ברעטער וואס מען לייגט ביי די מציבות, גלייך נאך וואס א מענטש ווערט נפטר לייגט מען עפעס א ברעט און מען שרייבט אויף זיין נאמען, "פ.נ." דאס איז ר"ת **פה נטמן**, מען שרייבט די נאמען אין קליין און א שטיק צייט נאכדעם ווען מען לייגט די גרויסע שטיין די מציבה נעמט מען אוועק די האלץ. זאגט ער אים איך האב אסאך פון די ברעטער, איך וועל עס דעליווער"ן צו דיך אינדערהיים איך וועל דיך ברענגען די אלע העלצער און ווערסט קענען

פון דעם צאמשטעלן א סוכה'לע מיט די אלע פ.נ., מיט די אלע פה נטמן העלצער.

אביש רופט זיך אן: ש'כח, איך דאנק דיך, איך וויל דיך צאלן.

אבער שמערל וויל נישט נעמען, איך מאך נישט קיין געשעפטן דערפון, איך וויל זאלסט האבן א שמחת יום טוב, איך וועל מיך פרייען צו זען ווי דו וועסט האבן א שמחת יום טוב.



דער מלאך המוות איז מיר אנטקעגן געקומען...

עס איז נישט דורכגעגאנגען צופיל צייט, עס איז ערב סוכות, אביש'ל חסיד איז פריילך ער האלט שוין נאכן דאווענען און אט זעט ער ווי עס קומט אן די וואגן מיט די אלע גרויסע און קליינע העלצער וואס קומט פון שמערל פון די בית החיים. די ברעטער זענען אנגעקומען, אביש'ל האט זיך אזוי שטארק באדאנקט ער האט אים אזא גוטע ברכה געגעבן, **און ער האט שנעל צאמגעקלאפט פון די אלע העלצער וואס דא שטייט א פ' דא א נ'**, דא א נ' דא א פ', און געשניטן פון דא, דאס איז געווען איבערגעדרייט און דאס איז געווען אויסגעדרייט, דאס איז געווען א ווייסע און דאס איז געווען א שווארצע דאס איז געווען א פארשימלטע, אבער אים איז נישט אנגעגאנגען, איך גיי האבן מיין סוכה, סוכה תהיה לצל יומם, מען דארף האבן א סוכה וואס מאכט א שאטן און דאס איז עס, א סוכה מיט ווענט אפילו מיט צוויי ווענט און די דריטע אפילו א טפח איז שוין כשר, און דא גיי איך האבן אפילו פיר ווענט, איך וועל קענען מאכן אפילו א טיר מיט א פענסטער, יאוי, צודעקן מיט א שיינע סחורה.

אזוי האט ער שנעל געארבעט און זיינע קינדערלעך האבן צוגעהאלפן און מען איז ארויפגעקראכן אויף די בוים דארטן און מען האט אראפגעשניטן שיינע צווייגן מיט גוטע געשמאקע בלעטער וואס שמעקט גוט און אזוי האט מען אויסגעשפרייט די סכך און ער איז געווארן פארטיג מיט זיין סוכה - אזוי ווי יעדע אידיש קינד.. - ערב סוכות כמעט ביי די זמן.. דעמאלטס איז ער געווארן פארטיג.

מען האט שוין צוגעגרייט די לעכט, אביש'ל איז ארומגעגאנגען מיט א מורא'דיגע שמחה. אויב איז ער א גאנץ יאר פריילך, איז ווען עס קומט סוכות איז עס דאך זיין אושפיזין, ווייל עס איז דאך שמחת יום טוב, והיית אך שמח, ושמחת בחגך, איז ער געווען טויזנט מאל מער פריילך. אביש'ל האט זיך געפילט ממש נישט ווי אין קאפ העכער - ווייל שבת און יום טוב זענען געוועון צדיקים וואס זענען געוועון מיט א קאפ העכער, **ער האט זיך געפילט ווי מיט א קאפ העכער און אויך א פוס העכער, ווייל ער איז געווען טאנצעדיג ער איז געווען פריילך ער איז געווען אזוי שמחה'דיג** ער האט ממש געקושט די ווענט פון די סוכה.

**אין די זעלבע צייט דרייט זיך ר' משה דער גביר ארום אזוי פריילך, יעצט איז ער פריילך, ענק ווייסן פארוואס? ווייל אביש גייט זיין טרויעריג!** ער גייט נישט האבן קיין סוכה, ער גייט זיין טרויעריג, יעצט קען איך זיין פריילך.

משה דרייט זיך אזוי ארום, ער ווייסט אויף זיכער אז קיינער האט אים נישט פארקויפט קיין האלץ, ער איז ביי זיך אזוי זיכער אז ער גייט היינט ביינאכט זען אביש'ל חסיד זינגען ושמחת בחגך והיית אאך שמח אך אך אך שמח, אזוי טרויעריג גייט ער זינגען אך אך אך אך, אזוי זיכער איז משה אז אביש'ל חסיד גייט האבן א תשעה באב וואס געפאלט אויס אויף סוכות.. וואס הייסט, ער האט דאך געזען היינט צופרי ערב סוכות ווי אינדרויסן פון אביש'ל חסיד'ס הויז, דארט וואו עס שטייט זיין סוכה יעדע יאר איז ליידיג, די גאנצע האלץ פון פאראיאר איז שוין אויסגענוצט, חנוכה איז שוין נישט געוועון פון די האלץ פון די סוכה, ווייל ער נוצט עס פאר די אויוון ער איז דאך אן ארימאן, בקיצור משה איז זיכער אז אביש'ל האט נישט קיין סוכה.

עס איז סוכות ביינאכט, משה זיצט אין זיין שיינע הערליכע סוכה, שיינע פירהאנגען הענגען אראפ פון אלע זייטן, מיט שיינע פיללער'ס, זוילן ביי די זייטן, און הערליך שיין אויסגעצירט איז זיין סוכה, דא א הערש, דארט א לייב, דא אן אדלער און דארט א טייגער, עס איז ממש אזא שיינע הערליכע סוכה. עס הענגען פון די דאך אלע שבעת המינים פרוכט, ער האט זיך געלאזט קאסטן אסאך געלט ר' משה דער גביר, עס גלאנצט און עס בליטשקעט, און עס וואקלט זיך זאכן פון די ווינט און עס קלינגט זיך אריין אין גלעקל אין די צווייטע, **עס איז מורא'דיג שיין און הערליך.**

**ער זיצט אין זיין סוכה אין צייט פון ושמחת בחגך און ער איז טרויעריג אינגאנצן, מיט אן אראפגעלאזטע שמייכל,** אבער אין זאך ביי אים אין הארץ איז ער מורא'דיג "פריילך"; אז אביש'ל איז "טרויעריג"! דעם אביש'ל פלעגט מען יעדע יאר הערן אזוי שרייען און טאנצן, די סוכה פלעגט מיט טאנצן, יעצט איז רואיג און שטיל.

ער האלט אינמיטן די סעודה און פלוצלינג הערט ער פון אראפ די גאס, דארט וואו אביש'ל חסיד וואוינט, ער הערט פון יענע ריכטונג אז ס'איז מורא'דיג פרייליך. ער הערט קולות פון זינגען און שפרינגען, ער האט מחליט געווען איך מוז אראפגיין די גאס און זען ווער איז אזוי פרייליך דא, עס איז דאך סוכות אויף די וועלט אבער ווער איז דאס, איך האף נאר איין זאך אז דאס איז נישט... אביש'ל.

ער גייט אראפ די גאס, ביז ער קומט שוין אן ביים עק עק דארטן, ביי די אלטע פארווארפענע הייזקעלע, אביש'ל חסיד'ס הויז, **און אינדרויסן שטייט א סוכה! וויאזוי קען זיין אז אביש'ל האט א סוכה? געוואלד!!!** איך וויל צעברעכן זיין סוכה! פון וואו האט ער א סוכה? ער האט געפלאקערט, זיין פנים האט געקאכט, ער איז אויפגערעגט. ער זעט די סוכה, ער גיבט א זעץ אויף די וואנט פון די סוכה אויפגערעגטערהייט. עס שטייט דאך אז ווען משיח וועט קומען וועט דער אויבערשטער אויספרובירן די גוים מיט די מצוה פון סוכה, עס וועט זיין אזוי הייס און זיי וועלן שטויסן די סוכה, כמעט אזוי האט אויסגעזען ווען משה איז געקומען נאנט צו די סוכה.



אזוי האט אביש'ל חסיד גערעדט מיט ר' משה ביז ער איז אינגאנצן געטוישט געווארן צו א פרייליכער מענטש

ער קלאפט אן אויף די טיר פון די סוכה אז די טיר איז כמעט אראפגעקומען, און אביש'ל הערט עפעס קלאפן אויף די טיר מורא'דיג שטארק, עפעס איינער זעצט דא, ער ווייסט נישט פארוואס. ער טראכט אז א איד וויל ארייננקומען אין די סוכה, ער מאכט אויף די טיר, די ערשטע זאך וואס משה האט געזאגט ווען ער האט אים געזען: **פון וואו האסטו די ברעטער????**

אביש'ל הייבט אן צוריקצוגיין דערשראקן, ער קען נישט רעדן אבער זיין שמייכל איז געבליבן אויף זיין פנים, ער איז אלעמאל פרייליך, ער ווייזט מיט די פינגער אויף די פ' מיט די נ', און ער ווייזט אויף די נעקסטע ברעט פ.נ., און יענע אנדערע ברעט איז געווען אן איבערגעדרייטע ברעט און ער ווייזט אים אויף פ.נ.

אויף משה איז געפאלן א פחד ווייל ער ווייסט זייער גוט וואס עס מיינט פ.נ. פה נטמן, דא ליגט באהאלטן, דא ליגט באגראבן, **און ער זעט נאך א ברעט פ.נ. נאך א ברעט, משה האט געמיינט אז דער מלאך המות אליינס איז דא** און אט גייט ער זיך טרעפן באגראבן אונטער די פ. נ.'ס.

אביש'ל צושמייכלט זיך ווען ער זעט אז ר' משה ווערט דערשראקן און ער רופט זיך אן: ר' משה איר זענט דאך דער חשוב'ער גרויסער געערטער עושר דא אין שטאט, דער ראש הקהל, איך וועל אייך געבן צו פארשטיין וואס דא גייט פאר, זעצט אייך אוועק.

איך בין נעכטן ארומגעגאנגען זוכן ברעטער פאר א סוכה און נישט געקענט טרעפן. איך בין כמעט געווארן טרויעריג, טאקע דאס וואס דו האסט געוואלט, אבער איך האב מיך געשטארקט און **אזוי האב איך ארויסשפאצירט פון די שטאט, און דארט האב איך מיך באגעגנט מיטן מלאך המות...**

אונז האבן דאך שוין דערציילט אנהייב פון די מעשה אז דער משה האט די גאנצע טאג געטראכט פון דער מלאך המות און פון טויט, פארדעם איז ער געווען טרויעריג, ער איז געווען אלעמאל אנגעזעצט אפילו ער איז געווען אן עושר.

איז אביש'ל האט אים גענומען אויף א רייד און ער דערציילט אים, אזוי גיי איך ארויס פון שטאט איך בין כמעט זייער טרויעריג, און איך טרעף מיך מיטן מלאך המות, איך זאג, מלאך המות, סטאפ!

דער מלאך המות האלט זיין שווערד, ער זאגט מיר ניין, איך גיי ווייטער.

איך זאג אים, ניין, ווארט! וואו גייסטו?

זאגט מיר דער מלאך המות וואס הייסט וואו איך גיי, **איך גיי ארויין ביי דיר אין שטאט ווייל איך גיי יעצט אוועקנעמען די נשמה פון א מענטש וואס הייסט משה, דער גרויסע עושר**.

זאג איך פארן מלאך המות; וואס?! משה דער עושר גייסטו אוועקנעמען זיין נשמה? מלאך המות, סטאפ!

ניין איך גיי... איך האב באקומען רשות אויבן אין הימל, ווייל ער איז א חוצפה'דיגער, ווייל ער דערגייט די יארן און ער טוט טשעפענען און ער לאזט נישט דעם ארימאן אביש'ל מאכן א סוכה. **ער פארגינט נישט צו זען איינער וואס איז פרייליך און פארלאזט זיך אויפן אויבערשטן, ער פארגינט נישט צו זען איינער וואס עס גייט אים גוט, ער האט א שלעכטע אויג, ער פארגינט נישט פאר קיינעם קיין שמייכל**, אז ער איז אנגעזעצט זאל די גאנצע וועלט זיין אנגעזעצט, און אזא איינער האב איך באקומען רשות פון אויבן אין הימל אים צו הרג'ענען, און איך דארף גיין.

משה הערט די מעשה, פריער האט זיך אים נאר געדאכט אז ער זעט דער מלאך המות, יעצט האט ער שוין טאקע געזען דער מלאך המות, ער איז פשוט אראפגעפאלן און געבליבן זיצן אויף די ערד דערשראקן און ציטערדיג.

און אביש'ל דערציילט ווייטער, **איך האב געזאגט פאר די מלאך המות, ניין, איך בין נישט מסכים, איך בין אביש'ל, וועגן מיך זאל מען דארפן הרג'ענען דער עושר ר' משה, איך וויל נישט!** איך האב מיך גע'טענה'ט מיט דער מלאך המות און איך האב אים געזאגט, מען דארף לאזן ר' משה זאל תשובה טון, אויב ער וועט יעצט שטארבן ווייסט וואס גייט געשען, אסאך אידן וועלן ליידן וועגן דעם, ווייל דער ר' משה איז אן עושר און ער גיבט צדקה, ער איז טאקע אן אנגעזעצטער מענטש אבער ער גיבט צדקה, ווען ער וועט שטארבן וועלן אסאך אידן נעבעך דערלייגן און אסאך אידן וואס ווערן געהאלפן פון אים וועלן מער נישט האבן די אלע זאכן וואס ער טיילט.

און סייווי, האב איך געזאגט פאר דער מלאך המות, אויב ר' משה איז אזא אנגעזעצטער מענטש, איז ער שוין סייווי אזויווי א טויטער, **איז אויב מען האט דיך געגעבן רשות אויבן אין הימל אים צו הרג'ענען גיי ארויף אין הימל און זאג אז ער איז שוין טויט ווייל ער איז א טרויעריגער מענטש** אן פארזויערטער מענטש איז ער אזוי ווי א טויטער, במילא קענסטו אים לאזן לעבן, גיי דיר צוריק!

אזוי ווי דער מלאך המות האט געהערט וואס איך האב אים געזאגט, האט ער מיר געזאגט, ווייסטו וואס, וועל איך דיר כאטש העלפן אז דו זאלסט האבן א סוכה. דא אין די בית החיים וואו דו שטייסט יעצט, האב איך א גוטער פריינט ער הייסט שמערל, דער שמערל ארבעט פאר מיר, ער לייגט די ברעטער ביי די אלע מציבות, ער איז אין מיין ביזנעס, און דער שמערל דער שומר פון בית החיים וועט דיר שוין געבן אפאר ברעטער אז זאלסט קענען האבן א סוכה.

און אזוי דרייט זיך אויס נאכאמאל ר' אביש'ל צו ר' משה און ער זאגט אים, **און דאס איז מיין סוכה! דו זעסט די אלע פ. נ.'ס דאס אלעס האב איך באקומען פון דער מלאות המות** וואס ער האט געשיקט אז שמערל זאל מיך אלעס געבן.

דער עושר ר' משה האט אנגעהויבן צו גלייבן אלעס, און אביש'ל כאפט אים אן, ער הייבט אים אויף, און אזוי ווי ער הייבט אים אויף זאגט אביש'ל פאר ר' משה, ר' משה, איך האב דיך געראטעוועט.

ר' משה זאגט, איך האב נישט קיין ווערטער אביש'ל דיך צו דאנקען.

און נאכדעם זאגט אביש'ל פאר ר' משה, **ר' משה יעצט איז דאך די צייט פון סוכות פון זיין פריילעך פון מקיים זיין די מצוה ושמחת בחגך והיית אך שמח, ווארף אוועק די אלע שווארצקייטן פון דיין לעבן, דיין עצבות און מרה שחורה, ברענג אריין א שמחה און א בטחון אין דיך, וועסט האבן א לעבן, דו וועסט לעבן,** און אזוי האט ער זיך אריינגעלאזט אין א טענצל און אנגעהויבן טאנצן מיט ר' משה, אויב אביש'ל האט ביז יעצט געטאנצן האט ער נאך יעצט דאפלט געטאנצן, און ר' משה האט מיט אים מיטגעטאנצן.

ר' משה האט זיך אזוי צעוויינט און זיין הארץ האט זיך געעפנט, עס איז אים אראפ א שטיין פון זיין הארץ, **ער איז געווארן אזא גוט-הארציגער מענטש, פון דעמאלטס און ווייטער האט ר' משה זיך געפילט ווי א נייער מענטש, זיין מרה שחורה זיין אנגעזעצטקייט איז פארשווינדן געווארן,** ער מיט אביש'ל זענען געווארן פאניע-בראט אזעלכע גוטע חברים, און ר' משה איז געווארן א חסיד און אן ערליכער מענטש און ר' משה האט כסדר געהאלפן אביש'ל אז זיין שמייכל זאל קיינמאל נישט אראפקומען, ער זאל קענען שטענדיג זיין פריילעך.



דער ציון הקדוש פון הרה"ק ר' אהרן הגדול פון קארלין זי"ע



דער אוהל הקדוש פון הרה"ק ר' אהרן הגדול פון קארלין זי"ע

**ווען דער הייליגער בית אהרן פון קארלין זי"ע האט דערציילט די מעשה האט ער געזאגט, הלוואי זאלן מיר שוין זוכה זיין זיך צו פרייען מיט די אמת'דיגע שמחה אזוי ווי זיי האבן זיך דעמאלטס געפריידט, און מיר זאלן שוין זוכה זיין די קומענדיגע סוכות צו זיצן אין די סוכה פון די הויט פון די לויתן, און עולה רגל זיין צום בית המקדש השלישי אין ירושלים עיר הקודש, יראו עינינו וישמח לבינו מיט משיח צדקינו, במהרה בימינו, אמן.** ■

ע"י אלימלך הנשטטר מלמד תשב"ר בת"ת דרכי אבותינו לייקוואד יצ"ו – כתה ד'
לנדב וליטול חלק בזכות הפצת סיפורי צדיקים רופט 347 678 0652, או לאי מעיל shabbosstory@gmail.com
**הבהרה**: מיר געבן רשות צו מאכן קאפיס פון די 'גאנצע' גליון פאר אייערע בית המדרש, מוסדות התורה וכדו', אבער עס איז **נישט ערלויבט** צו ארויס נעמען שטיקלך און מאכן קאפיס פון בלויז א חלק דערפון. **אויך איז נישט ערלויבט** צו נעמען אונזער מעשיות וואס מיר האבן אפגעטייפט און עס טוישען אויף סיי וועלכע וועג אז מען זאל עס קענען ניצען פאר אייגענע געברויך, מיר האבן אריין געלייגט אסאך ארבעט אין די מעשיות (אויב ווילט איהר אז מיר זאלן אייך שיקען מעשיות אויף א וועג וואס איהר קענט עס ניצען קען מען אונז רופען און מסדר זיין).

# הילולא דצדיקיא

פרשת נצבים , שנה י' גליון 40 (334)

## הרב הקדוש ר' שלום מבעלזא בן ר' אלעזר זי"ע, מגדולי מנהיגי החסידות, כ"ז אלול תרט"ו

**געבוירען**: חודש שבט אין יאר תקמ"ג אין שטאט בראד צו זיין טאטע ר' אלעזר רוקח און זיין מאמע מרת רבקה העניא (בת ר' יודא זונדל רמר"ז). **אוועק**: כז אלול תרט"ו. **חתונה געהאט**: מרת מלכה בת ר' ישכר דוב רמר"ז רב אין סקאהל (דאס איז זיין פעטער וואס האט איהם אויפגעצויגען נאך וואס זיין טאטע איז אוועק ווען ער איז געווען 6 יאר אלט). **קינדער**: 1) ר' אלעזר. 2) מרת פריידא אשת ר' חנוך העניך דב מייער פון אלעסק, בעל ה'לב שמח'. 3) ר' משה פון קאריב . 4) מרת איידל אשת ר' יצחק רובין פון ברוד. 5) ר' יודה זונדל פון אוחאן. 6) ר' שמואל שמעלקא. 7) ר' יהושע ממלא מקומו בבעלזא. **תלמיד**: פון זיין שווער ר' ישכר דוב. צו דרך החסידות איז ער נתקרב געווארען דורך זיין רבי ר' שלמה פלאם פון לוצק וואס א יעדע נאכט איז ער מיט די הילף פון זיין חשובע רעביצין אראפ פון די פענסטער צו גיין לערנען ביי זיין רבי. דערנאך איז ער געווארען א נאנטע תלמיד פון דער הייליגע ר' פון לובלין. אויך פון ר' ישראל הופשטיין דער קאזניצער מגיד , ר' אורי דער שרף פון סטרעליסק. **פון זיינע תלמידים**: ר' שמעון פון ירסלוב, ר' חיים הלברשטאם פון צאנז, ר' שלום פון קאמינקא, ר' אורי פון סאמבור, ר' שלום מרדכי הכהן שבדרון פון ברז'אן, ר' יחזקאל שרגא הלברשטאם פון שינאווא, זיין איידעם ר' חנוך העניך פון אלעסק, און נאך אסאך רביס זענען צו איהם געפארען. **געווען רב**: אין בעלזא (תקע"ז), מיט די עצה פון זיין רבי דער ר' פון לובלין. **זיינע תורות און חידושים**: מדבר קדש, לקט אמרי קודש, דובר שלום, און אין נאך ספרים **ער ליגט**: אין בעלזא.

### 1000 נעכט

**ווען** דער ערשטע בעלזער רב זצ"ל האט געבויעט זיין הייליגע שול אין בעלזא, האט ער מיט זיינע הייליגע הענט אליינס געמאכט וואס ער האט נאר געקענט, ווען מען האט איהם געפרעגט פארוואס ער טוט דאס ער איז דאך א רב? האט ער פארציילט אזוי.



**ווען** איך בין געווען א יונגערמאן אין שטאט סקאהל, האב איך אפגעמאכט מיט 2 חבירים, אז אזוי ווי מען האט אונז אנטפלעקט פון הימל, אז כדי א מענטש זאל אנקומען צו דינען דער באשעפער ווי מען דארף, מוז מען אויף זיין 1000 נעכט און לערנען, האבען מיר מחליט געווען עס צו טוהן. מיר האבען אנגעהויבען צו לערנען צוזאמען איין נאכט נאך די אנדערע. **דער 1'טע חבר** האט נאך אפאר הונדערט נעכט שוין נישט געהאט קיין כח און ער האט אויפגעגעבען, **דער 2'טע חבר** האט ווייטער געלערנט ביז 800 נעכט, און איך בין געבליבען אליינס ביז 1000 נעכט.

**דער** לעצטע נאכט האט דער שטן געזען אז איך גיי שוין ענדיגען און דאס איז זייער א גרויסע מדרגה האט ער געוואלט שטערן. האט דער שטן געמאכט גרויסע שטארקע ווינטען מיר צו שטערן לערנען, און אלע לעכט פון שול האבען זיך אויסגעלאשען, ביז כ'האב שוין ממש געוואלט אהיים גיין, אבער וועגען דער ווינט האב איך נישט געקענט גיין, איז פון גרויס צער האב איך געוויינט, און מיט גרויס פלאג בין איך געגאנגען צו דער ארון קודש און געוויינט פאר דער אייבישטער אז ער זאל מיר העלפען, ביז דער ווינט איז שטיל געווארען. דערווייל איז געקומען צו מיר אן אלטע מענטש, וואס דאס איז אליהו הנביא און געלערנט מיט מיר דער תורה פון אנהייב ביז צום סוף, און דער לעצטע הלכה וואס מיר האבען געלערנט איז געווען הלכות פון בויען א שול, וואס איז געווען א סימן פאר מיר צו בויען א שול.

**האט דער צדיק אויס געפירט 'ווי אזוי ווילסטו אז אזא הייליגע זאך זאל איך געבען פאר א צווייטע, ווען איך וואלט געקענט וואלט איך אלעס געבויעט אליינס, נאר דער באשעפער ווייסט אז איך האב נישט קיין כח, אבער וואס איך קען טוה איך אליינס'.**

### געוויזען מיט די פינגער

**דער** הייליגער סטרעליסקער האט געהאט אן איידעם מיט דער נאמען ר' יצחק. עס איז געקומען דער צייט וואס ער האט געדארפט חתונה מאכען אבער ער האט נישט געהאט קיין געלט. איז ער געקומען צו דער ערשטע רב זצ"ל אז ער זאל איהם געבען א בריוו וואס ער וועט איהם העלפען אז מענטשען זאלען איהם געבען געלט צו קענען חתונה מאכען, אבער דער צדיק האט איהם נישט געגעבען. דערווייל איז ער געבליבען אויף שבת, און ווען ער האט געוואלט אויפהייבען דער כוס ביי קידוש האט דער צדיק צוריק אראפ געלייגט דער בעכער און געוויזען מיט דער פינגער אויף ר' יצחק און צוריק אויפגעהויבען דער בעכער און געמאכט קידוש, און קיינער האט נישט פארשטאנען וואס דאס מיינט.

**נאך** שבת איז ער נאכאמאל אריין צו דער ערשטע רב זצ"ל צו בעטען פאר א בריוו, אבער אנשטאטס א בריוו האט דער צדיק איהם געהייסען פארען צו דער שטאט יאס און דארט וועט ער געהאלפען ווערען. האט ער געמיינט אז דער רבי האט איהם נישט פארשטאנען וואס ער וויל, איז ער מארגען נאכאמאל אריין צום רבי, אבער ער האט באקומען דער זעלבע תשובה צו פארען קיין יאס. איז ר' יצחק ארויס אינדרויסען און געזען א וואגען מיט מענטשען, האט ער זיי געפרעגט ווי זיי פארען? האבען זיי געזאגט קיין יאס, האט ער פארשטאנען אז עס איז א סימן פון הימעל, און ער איז מיט געפארען. ווען ר' יצחק איז אנגעקומען קיין יאס האט ער נישט געוואוסט ווי צו גיין, ביז ער האט באמערקט א גאס מיט יודישע אותיות איז ער אהין געגאנגען. ווי ער קומט אהן אהין קומט צו איהם א יוד און קוקט איהם גוט אהן און רופט איהם אהיים צו זיך, ער זאל עסען און זיך אפרוהען, און ער האט איהם געזאגט אז ער וועט איהם העלפען מיט אלעס וואס ער דארף. ר' יצחק האט זיך זייער געוואונדערט און פרעגט איהם פון ווי ער קען איהם און פארוואס ער העלפט איהם? האט דער יוד אנגעהויבען צו פארציילען א מעשה.

**ווען** דער אפטא רב האט געלעבט איז ער ערשט געווען רב אין דער שטאט יאס ווי איך וואוין, דערנאך איז ער אוועק געפארען פון יאס צו ווערען רב אין מעזיבוז. ווען דער צדיק איז אוועק געפארען פון דא, בין איך איהם געגאנגען באגלייטען און כ'האב שטארק געוויינט, ווען דער רבי האט מיר געפרעגט פארוואס איך וויין? האב איך געזאגט ווייל איך וועל נישט קענען אויסהאלטען אהן דער רבי! האט דער רבי געזאגט אז ווען איך דארף עפעס זאל איך טראכטען פון זיין צורה און איך וועל געהאלפען ווערען, און אפילו נאך וואס ער וועט אוועק גיין פון דער וועלט זאל ער עס ווייטער טוהן.

**עס** זענען אריבער אסאך יארען און איך בין געווארען א גרויסע עושר, אבער פלוצלונג איז מיין טאכטער קראנק געווארען און מען האט גארנישט געקענט טוהן. ביז איינמאל שבת ביינאכט האב איך שטארק געוויינט, ביז כ'האב מיך דערמאנט דער עצה און כ'האב געטראכט פון דער הייליגע אפטא רב, און איך בין איינגעשלאפען, און כ'האב געזען מיין רבי, און כ'האב איהם פארציילט מיין צרה, האט ער מיר געזאגט אז ער קען מיר נישט

העלפען ווייל ער איז נישט מער אויף דער וועלט, אבער ער וועט ציר נעמען צו דער הייליגע סטרעליסקער וואס איז אויך אויף יענער וועלט, און מיר זענען צוזאמען אהין געגאנגען, אבער דער הייליגער סטרעליסקער האט מיר אויך געזאגט אז ער איז מער נישט אויף דער וועלט ממילא קען ער מיר נישט העלפען, נאר זאלסט גיין צו מיין תלמיד דער בעלזער רב און ער וועט דיר העלפען, האבען די 2 צדיקים אנגעכאפט מיין האנט און מיר זענען צוזאמען געגאנגען צום בעלזער רב.

**מיר** זענען אנגעקומען ווען דער צדיק האט געהאלטען ביי קידוש, און דער סטרעליסקער האט אלעס פארציילט פאר דער בעלזער רב, און דער צדיק האט געזאגט אז מיין טאכטער וועט ווערען אויסגעהיילט אבער מיט דער תנאי אז דא זיצט דער איידעם פון דער סטרעליסקער, און אויב ער וועט איהם העלפען מיט געלט וועט ער געהאלפען ווערען אז זיין טאכטער וועט געזונט ווערען אי״ה! האב איך טאקע אזוי צוגעזאגט, און דער צדיק האט אראפ געלייגט זיין כוס און געוויזען מיט זיין פינגער אויף דיר, אז איך זאל וויסען ווער דו ביסט ווען דו קומסט אהער און כ׳האב מיר אויפגעוועקט פון שלאף. פון דעמאלסט ווארט איך אויף דיר ביז איך א האב דיר דערקענט אויף דער גאס אז דו ביסט דער מענטש וועמען דער בעלזער רב האט געוויזען אויף, און יעצט וועל איך דיר געבען אלעס וואס דו דארפסט, און זיי זענען ביידע געפארען קיין בעלזא און זיין טאכטער איז טאקע געווארען אויסגעהיילט.

**גערעטעוועט 2 אויף א מאל**

**אין** א געוויסע דארף איז געווען א גלח וואס האט געמאכט אסאך צרות פאר יודען און די מענטשען פון יענער דארף זענען אסאך מאל געקומען צו דער בעלזער רב ער זאל זיי העלפען. ער האט זיי כסדר אנגעוואונטשען, אבער גארנישט האט פאסירט צו דער גלח.

**דערווייל** האט פאסירט אן אנדערע מעשה אין אן אנדערע דארף, ווי עס האט דארט געוואוינט א פריץ וואס איז געווען גוט צו די יודען וואס פלעגען ארבעטען און מאכען געלט ביי איהם. איינער פון די יודען דארט וואס מיר וועלען איהם רופען ר׳ משה האט אויך געהאט א קרעטשמע וואס ער האט געדינגען ביי די פריץ, און די פריץ האט איהם זייער ליב געהאט, ווייל ער איז געווען עהרליך און שטענדיג געצאלט פאר דער פריץ.

**האט** פאסירט אז דער זוהן פון דער פריץ וואס האט געהייסען באריס איז לא עלינו אראפ פון זינען און אנגעהויבען צו שרייען און ווארפען זאכען. דער פריץ האט גערופען דאקטורים און כישוף מאכער׳ס אבער עס האט גארנישט געהאלפען, ביז איינמאל האט ער פארציילט פאר ר׳ משה וועגען זיין צרה, האט ר׳ משה געזאגט אז ער האט א רבי וואס מען דערציילט אויף איהם גרויסע זאכען און ער קען פארען צו איהם, דער פריץ האט זיך געפרייט און האט גלייך צוגעגרייט א פערד און וואגען צו פארען. אויף דער וועג האט ר׳ משה געטראכט וואס האט ער דא געטוהן אז ער ברענגט א גוי צו דער רבי, דער רבי האט געגוג יודען וואס קומען צו איהם. ווי נאר ר׳ משה קומט צו דער רבי און פארציילט אז ער האט געברענגט א גוי, האט דער רבי זיך געבייזערט ׳איך האב געגוג יודען וואס קומען צו מיר׳. ווען ר׳ משה האט עס געזאגט פאר דער פריץ האט דער פריץ זיך אויפגערעגט און געזאגט ׳ווייל איך בין א גוי וויל ער מיר נישט העלפען, איך וועל אויך זיין שלעכט צו די יודען, און דיך טרייב איך ארויס דער ערשטע, און דו קענסט שוין אהיים גיין צופיס, און טרעפען נאך יודען אויף דער וועג וואס איך טרייב ארויס פון שטאט׳.

**הערענדיג** דאס איז דער חסיד אריין צום רבי דערציילען וואס דא גייט פאר, האט דער רבי געזאגט ׳אויב אזוי איז עס דאך א סכנה׳ האט ער גערופען דער פריץ און געזאגט ׳גיי צו יענער דארף דארט איז דא א גלח (דער שלעכטע גלח וואס מיר האבען פריער געזאגט) וואס קען אויסהיילען דיין זוהן׳. דער פריץ איז גלייך געפארען מיט ר׳ משה און זיין זוהן צו יענער גלח און איהם דערציילט וואס דער רבי האט געזאגט. ווי נאר ער האט דאס געהערט האט דער גלח זיך אויפגערעגט און אנגעהויבען שרייען און רעדען אויף אלע יודען מיט זייערע רבים, ביז ער האט אנגעהויבען ווארפען זאכען און מאכען קולות, און דערווייל האט דער זוהן פון פריץ זיך אנגערופען און גערעדט ווי א נארמאלע מענטש און געזאגט פאר זיין טאטע ׳אז מען קען שוין פארען אהיים ווייל דער גלח האט איבער גענומען זיין קרענק׳. אזוי איז טאקע געווען אז זיי זענען אהיים געפארען און איבער געלאזט דער גלח דארט שרייען, און דער זוהן איז געזונט געווארען.

**אזוי** האט דער צדיק גערעטעוועט דער זוהן דורך איבער געבען דער קרענק פאר דער שלעכטע גלח, און אין דער זעלבע צייט זענען די יודען פון יענער דארף גערעטעוועט געווארען פון דער שלעכטע גלח ווייל ער איז געווען קראנק.

**צדיקים זאגען אויף איהם**

**שר העליונים ותחתונים** (ר׳ צבי אלימלך פון דינוב, בעל ׳בני יששכר׳). **בעל הבית פון דער וועלט** (ר׳ ישראל פון ריזשין). **א עניו פונקט ווי משה רבינו** (ר׳ פון לובלין). **א צווייטע בעל שם טוב** (זיין זוהן און ממלא מקומו בבעלזא כ״ק מהר״י זצ״ל).

## א מעשה פון דער אור שבעת הימים דער הייליגע בעל שם טוב פאר מוצאי שבת, וואס איז א סגולה פאר גרויסע זאכען

**דער** צדיק ר׳ איציקל פון דראביטש זצ״ל האט א יעדע נאכט פאר זיך לייגן שלאפן געזאגט די פסוק ׳בידך אפקיד רוחי׳ און גלייך דערנאך פלעגט ער איינשלאפן. איין נאכט האט פאסירט אז ער איז נישט איינגעשלאפן גלייך נאך זאגן די פסוק, האט ער פארשטאנען אז עס איז א סימן פון הימל אז ער דארף תשובה טוהן אויף עפעס. ער האט שטארק אריין געטראכט, ביז ער האט זיך דערמאנט אז ער איז אמאל געזעצן מיט אפאר נישט עהרליכע יודען, און געהערט ווי זיי רעדען ליצנות אויף דער בעש״ט הק׳. ר׳ איציקל האט נישט געווארט נאר ער איז גלייך אויפגעשטאנען פון בעט, און זיך ארויס געלאזט אויף דער וועג קיין מעזיבוז צו איבער בעטן דער בעש״ט.

**ר׳ איציקל** מיט דער בעש״ט האבן זיך ביז יעצט נאך קיינמאל נישט געזען, דערפאר ווען ר׳ איציקיל איז אנגעקומען קיין מעזיבוז און אריין אין שול אריין, האט איהם קיינער נישט דערקענט, און ער האט זיך געשטעלט דאוונען ביים עק פון דער שול. ווען עס איז געקומען צו ליינען, האט דער בעל שם טוב איהם אויפגערופן צו אן עלי׳ מיט זיי גאנצע נאמען ׳יעמוד מורנו מורינו הרב ר׳ יצחק בן הרב ר׳ יוסף׳, כאטש וואס דער בעש״ט האט נאך בכלל נישט גערעדט צו איהם אדער איהם געזען פון פריער. גלייך נאך דער עלי׳ זאגט איהם דער בעש״ט **׳איהר האט געהערט ווי מען רעט שלעכט׳ס אויף דער בעש״ט, און איהר זענט געקומען אזא לאנגע וועג מיך צו איבערבעטן, בין איך אייך זיכער מוחל׳.**